STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09143

# IDISHE GESHIKHTE IN ROMANEN UN ERTSEHLUNGEN

Samson Erdberg

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# אידישע געשיכטע
אין
# ראָמאנען און
# ערצעהלונגען

# זכרונות לבית דוד

לויט הערמאן רעקענדארף און א. ש. פרידבערג

## פון ש. ערדבערג

פינפטער באנד

ניו יארק, תרפ״ד
1924

Copyright, 1924, by S. Erdberg.
All Rights Reserved.

# אינהאלט:

גירוש שפאניע
גזרת ת"ח

## גירוש שפאניען

דאָס איז געשעהן אין חודש סיון אין יאָהר פינף טויזענד צוויי הונדערט און פיער און זעכציג.

יצחק בן יהודה אברבנאל, אן אייניקעל פון דאן יצחק אברבנאל, איז אַלט געווען דרייצעהן יאָהר און האָט זיך גע'חבר'ט מיט די קריסטליכע קינדער אין ליסאבאן.

ער האָט נישט געקענט זיינע עלטערן. אַלע האָבען איהם געהאַלטען פאַר א יתום און ער האָט אויך געדענקט אַז ער איז א יתום.

אן אָרימער פישער האָט איהם אַלס קליין קינד אריינגענומען אין הויז פאַר א קליינע בעלוינונג, וואָס ער האָט בעקומען פון שטאָדט-קאַסע.

דער פישער האָט איהם געלערנט פערוואַרפען נעצען און כאַפּען פיש. דערנאָך האָט ער געדאַרפט ווערען א טרעגער אין האַפען אָנצולאַדענען און אָפּצולאַדענען שיפען.

ער איז געוואַקסען ווילד, האָט גאָר נישט געלערנט און נישט געקענט איבערלייענען א וואָרט. ער האָט זיך גע'חבר'ט מיט פּראָסטע שקצים און ארומגעלאָפען איבער די גאַסען.

איינמאָל איז ער מיט זיינע חברים געלאָפען נאָך רוע נאַווא, די שענסטע גאַס אין שטאָדט, וואו עס וואוינען די רייכע מאַראַנען, די אידען וואָס האָבען געצוואונגענערהייט זיך גע'שמד'ט לפּנים און דאָס פאָלק אָנגעהעצט פון די גלחים און מאָנאַכען האָבען זיי אויסגעטיילט גרויסע צרות.

עס איז דעמאָלט געווען א הונגער-יאָהר. דאָס יקרות איז געווען גרויס. און מען האָט בעשולדיגט די מאַראַנען, וואָס דער תבואה-האַנדעל איז געווען אין זייערע הענד, אַז זיי הויבען די פּרייזען צו קענען אָנשטאָפּען זייערע קעשענעס מיט'ן פערמעגען פון לאַנד.

די אינגלעך וואָס האָבען די דאָזיגע רייד זיך אָנגעהערט

פון זייערע עלטערן און אויף דער גאס האָבען דערזעהן א גרופּע מאראנען שטעהן אין דרויסען און שמועסען, זענען זיי זיי בעפאַלען מיט קללות און זידלערייען און זיי פערוואָרפען מיט שטיינער.

א מאראן האָט מיט זיין שטעקען אָנגעבראָכען די ביינער פון עטליכע שקצים, האָט די מחנה אָנגעהויבען שרייען, איז א גרויס פּעבעל זיך אָנגעלאָפען און בעפאַלען די מאראנען, זיי שטארק צושלאָגען, אריינגעריסען זיך אין זייערע הייזער און געוואָלט אַלץ חרוב מאַכען.

דער בירגער־מייסטער מיט מיליטער איז אָנגעקומען און צוטריבען דאָס ווילדע פּעבעל. די יונגע שקצים האָבען אָבער נישט געוואָלט אָפּטרעטען ביז מען האָט פערציג שטיק, און יצחק צווישען זיי, ארעסטירט און פערשפּארט אין תפיסה.

נאָך א יאָהר זיצען האָט מען זיי פּער׳משפּט צו קריגען געשמיסען און מען זאָל זיי פערשיקען אויף די סט. טאמאש אינזלען, וואו די צום טויט־פּעראורטיילטע ווערען פערשיקט. זייער פערברעכען איז געווען גרויס, ווייל זיי האָבען נישט געפאָלגט דעם בירגערמייסטער און די מיליטער־עלטסטע וואָס האָבען זיי געהייסען צוגעהן זיך.

יצחק האָט זיך נישט געשראָקען פאר די שמיץ. צו דעם איז ער געוועהנט געווען. דער אלטער פּישער וואָס האָט איהם אויפגעהאָדעוועט האָט זיך אָפט אָנגע׳שיכור׳ט און איהם מערדערליך געשלאָגען. ער האָט אָבער געציטערט פאר די אינזלען. ער האָט געהערט אז די פערשיקטע דערלעבען מעהר נישט צוריק צו קומען. אויף די זעלבע אינזלען האָט מען מיט צעהן יאָהר צוריק פערשיקט די אידישע קינדער און זיי זענען דאָרט אומגעקומען. די שלאַנגען און עקדישען אויף די אינזלען האָבען זיי אויסגעראָט.

דער טאָג פון שטראף האָט זיך דערנעהנטערט און יצחק איז אויסגעגאַנגען פאר מורא. פּלוצלינג האָט ער דערהערט טריט. עמיצער האָט אויפגעריגעלט די טיר פון זיין קעמערל און זי געעפענט. ער איז שיער געשטאָרבען פאר שרעק. ער האָט געמיינט, אז דאָס איז שוין זיין סוף.

ער האָט זיך שטאַרק געוואונדערט ווען ער האָט דערזעהן אז עס קומען נישט בעוואפענטע סאָלדאַטען, אויך ביי־

דען איהם נישט די תפיסה־היטער, ווי זיי האָבען דאָס גע־טאָן מיט די איבעריגע.

עס איז אריינגעקומען א שעהנער מאַן אָנגעטאָן ווי דער שפּאַנישער קאָנסול און געהאַלטען א קליין נאָטיץ־ביכעל אין האַנד. הינטער איהם איז געגאַנגען דער תפיסה־הויפּטמאַן און געטראָגען דאָס גרויסע געפענגניש־בוך, וואו עס זענען פערשריבען די נעמען פון אַלע ארעסטאַנטען.

דער הויפּטמאַן האָט געפרעגט יהודה׳ן:

— ווי הייסטו ?

— יאָאַנא אנטאָניא בראַנאַל.

— דיין טאַטע ?

— איך האָב נישט קיין טאַטע און נישט קיין מאַמע.

דער פישער אנטאָניא גאַנדאַלעס האָט מיך אויפגעהאָדעוועט.

— ווי אַלט ביזטו ?

— פערצעהן יאָהר.

— וואו וואוינסטו ?

— אייפ׳ן פישער־מארק, לעבען טייך.

דער שפּאַנישער הערר האָט פערגליכען די ענטפערס מיט זיין נאָטיץ־ביכעל און געגעבען א צייכען. א תפיסה וועכטער האָט איהם אָנגענומען און ארויסגעפיהרט. די צוויי הערען זענען נאָכגעגאַנגען ביז זיי זענען צוגעקומען צו דער באָד. זיי זענען אַלע אריין אינוויינינג. דער וועכטער האָט איהם אויסגעטאָן נאַקעט און ביידע הערען זענען געשטאַנען קעגענאיבער און זיך איינגעקוקט... יצחק איז געשטאַנען צו־מישט און נישט געוואוסט וואָס זיי קוקען אויף איהם און ווינקען זיך איבער.

דער וועכטער האָט איהם אָפּגעגאָלט זיינע ווילד פער־וואַקסענע האָר, האָט איהם גוט ארומגעוואַשען און געגעבענט א פּעקעל קליידער. ער האָט איהם אָנגעטאָן א טייער העמ־דיל און שענע קליידער ווי אַן אדעלקינד.

דער שפּאַנישער הערר האָט זיך הארציג געזעגענט מיט דעם תפיסה־הויפּטמאַן און מיטגענומען יצחק׳ן מיט זיך. פאַר׳ן טויער האָט געוואַרט א טייערע קאַרעטע. זיי האָבען זיך אריינגעזעצט און געפאָהרען ביז דער ראקיא גאַס. די קאַרעטע האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבען א וואונדערליכען פּאַ־

לאץ. זיי זענען ארויף אויף שטיגען ביז דעם ערשטען שטאָק. אַ דינער אין א יוניפאָרם מיט גאָלדענע זוימען האָט אונ־טערטעניג געעפענט פאר זיי די טיר און זיי זענען אריין אינוויינינ.

---

דאָס רייכקייט פון זאל האָט איהם געבלענדט אין די אויגען. אזוי פיעל גאָלד און זילבער האָט ער אין זיין לעבען נישט געזעהן. אין די גרויסע שפיגלען האָט ער זיך דערזעהן און זיך נישט דערקענט. איז ער דאָס דער ווילדער צולאָזע־נער יונג וואָס האָט זיך תמיד געוואַלגערט אין רינשטאָק?

ער האָט איצט אויסגעזעהן איידעל ווי אַ פּרינץ. עס האָט זיך איהם געדאכט אז דאָס איז א חלום. דער העלר האָט איהם געפיהרט דורך רייכע פּרעכטיגע צימערן אין אן אויבער־שטוב און געזאָגט:

— דאָ האָסטו א טיש, א שטול, א לייכטער און ביכער צו לערנען, אַ פּען צו שרייבען, אַ דיוואַן צו רוהען און א בעט צום שלאָפען. דאָ וועסטו וואוינען און לערנען ביי מיר. מיי־נע דינער וועלען דיך בעדינען און עס וועט דיר גאָרנישט פעהלען. נעם דיר מיינע רייד גוט אין זינען. זאָלסט מיך פאָלגען וועט דיר זיין גוט. וועסט לערנען, זיין גאָטספאָרכטיג און וועסט זיין ווי דיינע גרויסע פאָטערס וואָס זענען בע־ריהמט אויף דער וועלט.

ביז איצט איז יצחק געשטאַנען צוטומעלט און נישט גע־קענט אויסרעדען אַ וואָרט. אָבער די גוטע ווארימע רייד האָ־בען איהם דערוואַרימט, דאָס הארץ האָט איהם אָנגעהויבען שטארק קלאַפּען. ער האָט זיך געוואָרפען צו די פיס פון זיין וואונדערליכען וואוילטעטער און מיט טרערען געזאָגט:

— איך שעם זיך קוקען אייך, מיין הערר, אין פּנים. איך וויים נישט מיט וואָס איך האָב געפונען לייטזעליגקייט אין אייערע אויגען איהר זאָלט מיך אויפהויבען פון מיסט, פון פישמארק, פון געפענגניש און מיך אריינגעמען אין אזא רייכען פּאַלאַץ. איך געהער צו אייך. איך וועל אייך פאָלגען. איך וועל זיין גליקליך ווען איהר וועט זיין צופרידען מיט מיר.

אָבער, ליעבער הערר, זאָגט מיר, ווער זענען מיינע על־

טערן וואָס איהר ריהמט זיי אזוי? לעבען זיי נאָך? וועל איך נאָך קענען זיי זעהן און פאַלען צו זייערע פיס?

— אויף דעם קען איך דיר איצט נישט ענטפערן. עס איז א סוד. אז דו וועסט זיין עהרליך און פרום וועל איך דיר אלץ ענטפלעקען.

---

דער הערר איז געוועזן דאָן יאָאנא קאַראנעל דער שפּאַנישער אמבאַסאַדאָר אין ליסאַבאָן, די הויפּט־שטאָדט פון פּאָרטוגאַל. ביי איהם אין הויז איז יצחק געוואָרען אַן אנדער מענש. אין זיין אויבער־שטוב איז ער געזעסען טאָג און נאַכט און געלערנט מיט גרויס פליים אַלץ וואָס דאָן קאַראנעל האָט איהם געלערנט. ער איז נישט ארויס פון שטוב סיירען דאָן קאַראנעל האָט איהם גערופען צום טיש אָדער צו געהן מיט איהם שפּאַצירען אין גאַרטען פון פּאַלאַץ.

ער האָט זיך געלערנט אויסגעצייכענט און אין עטליכע חדשים צייט האָט ער שוין געקענט לייענען און שרייבען לאטיין. דאָן קאַראנעל האָט געלערנט מיט איהם תנ"ך אויף לאטיין און אז ער האָט געהאַלטען ביי תהלים, וואָס ער האָט א סך קאַפּיטלען געהערט זינגען פון די גלחים אין קירכע און זיי נישט פערשטאַנען, האָט ער איצט אזוי גוט פערשטאַנען און בעוואונדערט דאָס שעהנקייט און הייליגקייט פון תהלים.

אז ער האָט ארויסגעזאָגט זיין בעוואונדערונג צו דאָן קאַראנעל, האָט ער איהם געזאָגט:

— דו ווייסט נאָך נישט דאָס גאַנצע שעהנקייט און דער־הויבענקייט פון תהלים. דו לערנסט דאָך אין איבער־זעצונג. עס פעהלט דער וואונדערליכער קלאַנג און די הייליג־קייט פון דער שפּראַך, די הייליגע העבראישע שפּראַך, וואָס דוד המלך האָט אויף איהר געזונגען זיין תהלים.

— פון וואַנעט האָט דוד המלך געקענט די דאָזיגע שפּראַך? און פאַרוואָס האָט ער אויף איהר געזונגען תהלים? — האָט יצחק געפרעגט.

— ווייל ער איז געוועזן א איד, דער קעניג פון די אידען אין ארץ ישראל. גאָט האָט איהם אויסגעקליבען דערצו.

— איז דער קעניג געוועזן... א איד? — האָט יצחק גע־

פרעגט צוטומעלט. ער האָט מורא געהאַט צו רופען דוד המלך מיט דעם נאָמען איד, וואָס איז צו־שאַנד און שפּאָט און פערשאָלטען פון גאָט.

— שרעק זיך נישט — האָט דאָן קאַראַנעל זיך אָנגערופען — דאַרפסט נישט ציטערן אַז דו זאָגסט אַרויס דאָס וואָרט איד. דער כבוד פון אידישען פאָלק איז אַמאָל געווען זעהר גרויס. און די הייליגע שריפטען, די כתבי הקודש שטאַמען פון אידען.

— זענען די הייליגע אבות און די נביאים אויך געווען אידען, אַזעלכע אידען ווי די וואָס גאָט האָט פערטיליגט צווישען אונז? — האָט ער איבערגעפרעגט און געגלויבט, אַז דאָן קאַראַנעל וויצעלט זיך.

— ביזט אַ נאַר, אויב דו זאָגסט אַז גאָט האָט די אידען דאָ פערטיליגט! פון וואַנען ווייסטו אַז גאָטס ווילען איז געווען דערביי?

— איך האָב דאָס געהערט פון די הייליגע מאָנאַכען וואָס רעדען אין גאָט'ס נאָמען — האָט יצחק געענטפערט זיכער.

— נישט אַלץ וואָס איז הייליג ביים פּעבעל איז טאַקי הייליג. און נישט אַלץ וואָס דאָס פּעבעל האָט פיינט האָט גאָט אויך פיינט — האָט דאָן קאַראַנעל איהם דערקלערט — דו לערנסט דאָך די הייליגע שריפטען, האָסט דאָך געזעהן אַז דעמאָלט זענען אויך געווען פאַלשע נביאים, וואָס האָבען פערפיהרט דאָס פאָלק. היינט זענען דאָ נאָך מעהר פאַלשע, פערפיהרער.

לויט דעם נייען טעסטאַמענט מוזען די קריסטען ליעב האָבען איטליכען מענשען. די ליגנער און פערפיהרער לערנען אָבער דאָס פאָלק פיינט צו האָבען מענשען. פאָלג מיך, מיין קינד, גלויב מיר, וואָס איך זאָג דיר. די הייליגע אבות און די געטליכע נביאים זענען אַלע געווען אידען. דאָס אידישע פאָלק איז בעזונדער בעליבט ביי גאָט און גאָט האָט עס אויס־געקליבען צו זיין דאָס ליכט פון דער וועלט און צו אידען האָט ער געגעבען די הייליגע תורה. אויב דאָס אידישע פאָלק איז נישט בעליעבט ביי די גלחים און ביים פּעבעל וואָס

לאָזט זיך פערפיהרען פון די גלחים איז דאָס נישט קיין בעווייז אז דאָס איז גאָט'ס ווילען.

---

יצחק איז געוואָרען שטארק איבערראַשט. אזעלכע רייד הערט ער צום ערשטען מאָל. און ער האָט געזאָגט:

— איך ווייס נישט צי איהר רעדט מיט מיר ערנסט אָדער איהר ווילט מיך אויספּרואוּוען צי איך בין געטריי אונזער גלויבען, אָדער ניט. לויט די גלחים און מאָנאַכען האָט גאָט פיינט די אידען. ווער עס שלאָגט א אידען פערדיענט א מצוה. אַלע זיינע בעשעפענישען האָט גאָט ליעב, נאָר די אידען האָט ער פיינט, ווייל זיי זענען ווידערשפעניג און פאַלש. ווען אפילו זיי שמד'ען זיך טוען זיי עס נאָר לפנים און גאָט טוט נישט אָפּ זיין צאָרן פון זיי. ווען גאָט וואָלט זיי נישט געווען איבערגעגעבען אין טייוועלס הענד וואָלטען זיי דאָך נישט געווען אזוי געהאַסט, געיאָגט און געפּלאָגט!

— דאָס איז אויך נישט קיין בעווייז — האָט דאן קאראַנעל איהם געגעבען צו פערשטעהן — די אנהענגער פון איין אמונה האָבען פיינט די אנהענגער פון אן אנדער אמונה. אזוי ווי די קריסטען האסען אידען, אזוי האַסען די מאַכמאַדאַנער די קריסטען. וויפיל מלחמות זענען שוין געווען צווישען מאַכמאַדאַנער און קריסטען? די מאַכמאַדאַנער רופען זיך "גלויביגע" און האַלטען די קריסטען פאר אומגלויביגע. עס איז דאָ נאָך רעליגיעס. דאָס אמת'ע גלויבען איז די אמונה אין איינציגען גאָט, וואָס די אידען האָבען געקראָגען אין דער תורה דורך משה'ן. פון זיי האָבען דאָס גלויבען אין איינציגען גאָט איבערגענומען די קריסטען און די מאַכמאַדאַנער. ווער עס איז גערעכט פון די דריי, דאָס ווייס נאָר גאָט אַליין. איינער דעם צווייטען טאָר נישט צווינגען אָנצונעמען זיין גלויבען. דאָס בעסטע איז ווי דוד המלך האָט געזאָגט צו זיין זוהן שלמה: "קען דעם גאָט פון דיין פאָטער און דין צו איהם!"

— מיין גוטער הערר, אויב איהר ווילט מיר טאָן די גענאָד, וואָלט איך אייך געבעטען מיר צו געבען א לעהרער, וואָס זאָל מיך לערנען די הייליגע שפּראַך פון דוד המלך — האָט יצחק געבעטען.

— מיט פערגעניגען וועל איך דערפילען דיין בקשה, אָבער נאָך נישט איצט. איך האָב נאָך מיט דיר צו רעדען. און דער עיקר זאָלסטו געדענקען די רייד פון דוד המלך: צו קענען דעם גאָט פון די עלטערן, צו האַלטען פון די על־טערן׳ס אמונה און איהר זיין געטריי. געדענק די דאָזיגע ווער־טער, זאָלסט זיין גרייט צו דעם וויכטיגען סוד וואָס איך וועל דיר ענטפּלעקען.

— ווען וועט דאָס זיין? — האָט יצחק זיך געבעטען.

דאַן קאַראַנעל האָט איהם מיט ליעבע געגלעט דעם קאָפּ און געזאָגט:

— ס׳וועט נישט דויערן לאַנג. עס איז ביי דיר אין די הענד. ווען דו וועסט קענען לשון־קודש וועסטו לייענען די געשיכטע פון דיינע עלטערן. זי איז געשריבען אויף לשון־קודש. וועסטו דעמאָלט דערזעהן דעם אמת.

דער גאָט פון דיינע עלטערן איז אין דיין הילף. איך זעה, דאָס וואָס אַנדערע לערנען מיט גרויס מיה אין יאָהרען האָס־טו אויסגעלערנט אין עטליכע חדשים זעהר גרינג. לערן מיט התמדה די הייליגע שפּראַך וואָס איך וועל מיט דיר לערנען און גאָט וועט זיין ווייטער אין דיין הילף.

---

צומאָרגענס גאַנץ פריה איז דאַן קאַראַנעל אריין צו איהם אין צימער און איהם אויסגעלערענט דאָס אלף־בית מיט די נקודות. באַלד ווי ער האָט זיך אויסגעלערנט שרייבען און לייענען האָט ער אָנגעהויבען לערנען חומש און דקדוק. דער־צו האָט ער געהאַט די לאַטייניזשע איבערזעצונג. דאַן קאַראַנעל האָט זיך שטאַרק אָפּגעגעבען מיט איהם און אין עטליכע חדשים האָט ער אָפּגעלערענט גאַנץ תנ״ך אין דעם הייליגען לשון וואָס זיי זענען געשריבען.

ער האָט בעוואונדערט דעם תנ״ך און דערצעהלט זיין בעוואונדערונג דאַן קאַראַנעל׳ן. ער האָט אויפגעשיינט פאַר פרייד און איהם ארומגענומען און געדריקט צום האַרצען ווי א פאָטער זיין קינד.

יצחק איז אָבער אַלץ נישט געווען בעפרידיגט. ער האָט געוואָלט וויסען די אידישע געשיכטע פון צווייטען בית־

המקדש ביז'ן היינטיגען טאָג, ווי האָבען געלעבט די אידען אין די לעצטע אכצעהן הונדערט יאָהר.

ער האָט דאָס געזאָגט דאַן קאַראַנעל'ן און דערפריוט האָט ער איהם צוגעזאָגט:

— איך וועל דיר דאָס אויך צוליעב טאָן. קום מיט מיר.

זיי זענען אראָפּגעגאַנגען אין קעלער און מיט א לעמפּעל אין האַנד זענען זיי געגאַנגען אין א קרומע, פינסטערע הייהל ביז זיי זענען צוגעקומען צו א פעלזען־וואַנט. דאַן קאַראַנעל האָט ארויסגענומען א שטיקעל אייזען אריינגעשטעקט עס אין א שפּאַלט דריקענדיג שטאַרק.

עס האָט זיך עפּיס א דרעה געטאָן און דער פעלז האָט זיך געשפּאָלטען און א העלפט האָט זיך אָפּגערוקט אָן א זייט. עס האָט זיך געעפענט אַן אריינגאַנג אין א גרויסע ברייטע הייהל מיט טישען, שטוהלען און אַלערליי מעבעל. אין די ווענט זענען געווען א סך לעבער געשיקט געמאַכט פאַר פרישע לופט.

יצחק איז געווען שטאַרק נייגעריג צו וויסען וואָס דאָס איז. ער האָט אָבער נישט געפרעגט, ווייל ער האָט געוואוסט אז דאַן קאַראַנעל וועט איהם ענטפּלעקען דעם סוד, אויב ער וועט קענען.

דאַן קאַראַנעל איז צוגעגאַנגען צו א גרויסע שאַפע וואָס איז געווען איינגעמויערט אין וואַנט און געעפענט. יצחק האָט דאָרט דערזעהן דריי פאַכען. אויף איין פאַך זענען גע־לעגען גרויכע מגלות אויף זילבערנע רעדלעך געוויקעלט מיט גאָלדענע קרוינען און זיידענע העמדלעך אויסגענייט מיט גאָלד און בעזעצט מיט איידעלשטיינער. אויף דעם צווייטען פאַך זענען געלעגען קליינע מגלות. אין דריטען פאַך זענען געלעגען פערשידענע זאכען מיט צעטעלעך פּאַפּיר בעקלעפּט.

יצחק האָט געקוקט פערוואונדערט אויף דעם בילד און דאַן קאַראַנעל האָט ארויסגענומען די קליינע מגלות, צוזאַ־מענגעבונדען מיט א זיידען שנירעל און דערלאַנגט יצחק'ן. ער האָט צוריק פערשלאָסען די שאַפע און זיי האָבען זיך אומ־געקערט אין פּאַלאַץ.

---

יצחק'ן איז געוואָרען קלאָר, אז דאַן קאַראַנעל איז א

מאראן, א פערבאָרגענער איד. באלד פון די ערשטע געשפרע־
כען מיט איהם וועגען אידען איז איהם איינגעפאלען דער
דאָזיגער געדאנק. ער האָט מורא געהאט צו טראַכטען וועגען
דעם, טאָמער איז ער זיך טועה און ער איז איהם חושד אומ־
זיסט.

נאָך דער סצענע אין דער פערבאָרגענער הייהל איז עס
איהם געוואָרען קלאָר. ער איז א איד. אין געהיים היט ער
אידישקייט. דאן קאראנעל האָט ביי איהם גאָר נישט פער־
לוירען דורך דעם. ער האָט שוין מעהר נישט געפיהלט קיין
שנאה צו אידען. דאן קאראנעל'ס גוטסקייט צו איהם האָט
בעזונדער געוואונען זיין הארץ. צווישען אלע קריסטען האָט
זיך דאָך נישט געפונען קיין איין גוטהארציגער מענש, וואָס
זאָל זיך אויף איהם מרחם זיין ווי דער דאָזיגער פערבאָרגע־
נער איד.

ער האָט אָבער נישט געקענט פערשטעהן פארוואָס דאן
קאראנעל האָט איהם אויסגעקליבען צו טאָן איהם אזוי פיעל
גוטס? פאַרוואָס האָט ער אלע ארעסטירטע יונגלעך געלאָזען
אָהן הילף אין געפענגניש און אויף איהם האָט ער זיך דער־
בארמט? אפשר וויל ער איהם מגיר זיין, מאכען פאר א איד?
ער האָט אויפגעציטערט פון דעם דאָזיגען געדאנק. ער האָט
שוין טאַקי נישט פיינט געהאט די אידען. ער האָט אפילו גע־
האָט אויף זיי רחמנות, וואָס זיי ליידען אזויפיעל. אָבער אז
ער אליין זאָל ווערען א איד האָט ער אויפגעשוידערט, ווייל
פון קינדוויים־אויף האָט ער דאָך נאָר געהערט שאנד און
שפאָט אויף די אידען.

באלד איז נאָך א שוידערליכער געדאנק איהם געקומען
אויף'ן זינען. דער איד טוט איהם אזוי פיעל גוטס, פאשעט
איהם אויס, ווייל ער וויל איהם קוילען אויף פסח און אריינ־
טאָן זיין בלוט אין די מצות.

ער האָט אָבער פערטריבען דעם דאָזיגען געדאנק. ווען
ער וואָלט איהם געוואָלט קוילען וואָלט ער איהם נישט גע־
לערנט צו זיין א מענש און אן אָרענטליך קינד. קען ער איהם
נישט קוילען אָהן דעם ער זאָל קענען לאַטיין און לשון־קודש?
ניין. דאָס איז אונמעגליך. ער זינדיגט מיט זיינע ווילדע גע־

דאַנקען וועגען דעם גוטען מאַן וואָס איז צו איהם ווי א דער־באַרמדיגער פאָטער !

ער האָט בעשלאָסען אַלץ צו דערצעהלען דאַן קאַראַנעל׳ן און ער וועט איהם דערקלערען אַלע זיינע פראַגען. דאַן קאַראַ־נעל איז אריינגעקומען אין זיין צימער. האָט ער זיך געוואָר־פען צו זיינע פיס און מיט געוויין דערצעהלט אַלסדינג וואָס דריקט זיין הארץ. ער האָט איהם געבעטען מוחל זיין זיינע בייזע געדאַנקען און איהם געבעטען אַנטפּלעקען דעם סוד, וועט ער פערשפּאָרען זיך מאַטערן מיט שרעקליכע געדאַנקען.

דאַן קאַראַנעל איז געוואָרען שטאַרק אומעטיג. דאָס פּנים — פינסטער. ער איז שטיל געגאַנגען אויף־און־אָפּ און שווער געזיפצט. דערנאָך האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און געזאָגט :

— לייען די מגלות וואָס איך האָב דיר געגעבען אין הייהל. אז דו וועסט זיי האָבען איבערגעלייענט וועל איך דיר אַלץ דערצעהלען. איך וועל גאָרנישט פערבאָרגען פון דיר. צו דעם האָב איך דיך געבראַכט אהער !

---

דאַן קאַראַנעל איז מיט א ביטער הארץ ארויסגעגאַנגען און יצחק האָט זיך געוואָרפען אויף די מגלות. דריי טעג און דריי נעכט האָט ער נישט געגעסען און נישט געטרונקען, נאָר געשלונגען די מגלות. ער האָט זיך נישט געקענט אָפּ־רייסען פון זיי.

דאָס זענען געווען די זכרונות לבית דוד. די מגלות מיט די לעבענס־בעשרייבונגען פון דוד המלדס אייניקלעך. ער האָט דאָ געפונען די געשיכטע פון אידישען גלות. ער האָט אויפגעציטערט פון די מורא׳דיגע ליידען און בעוואונדערט דאָס שטאַרקייט פון אידישען פאָלק וואָס לעבט נאָך אַלע יסורים און פּיין, די אמונה אין זיין גאָט און תורה האַלט איהם אזוי פעסט. צוליעב זיי געהט ער מיט געזאַנג צום טויט און לעבט איבער זיינע פיינט. ער האָט אויך בעמערקט אז ווי נאָר די פיינט לאָזען זיי צורוה בעהעפטען זיי זיך צו די גוים און ווילען זיך אויסמישען מיט זיי.

פּלוצלינג ווערען די גוים אָנגעפילט מיט האס צו זיי, ווילען זיי אומברענגען און איינשלינגען. בלייבען די אידען זיי שטעקען אין האלז. די שוואכע ווערען שטאַרקער פון

שטאָל און האַלטען זיך פעסט אן זייער אמונה און גאָט און די שונאים קענען זיי נישט בעזיעגען. דאָס האָט ער געזעהן אין אַלע צייטען און אויך איצט — די מאראנען. ער האָט געקלערט, אז דאן קאראנעל מוז זיין זייער פיהרער, ווייל ביי איהם איז די הייכל וואו זיי קומען אודאי זיך צוזאמען דינען זייער גאָט.

באַלד ווי ער האָט איבערגעלייענט די מגלות האָט ער דערצעהלט אַלע זיינע איינדריקען דאן קאראנעל'ן. ער האָט איהם געזאָגט, אז ער איז זיכער אז ער איז א איד. און דאן קאראנעל איז געוועז צופרידען פון זיינע רייד. ער האָט איהם אָבער דערקלערט, אז נישט אַלעמאָל זענען די שוואכע צוריק־געבליבען מיט זייער פאָלק. א סך זענען אויסגעמישט גע־וואָרען צווישען די גוים און געגאַנגען פערלוירען.

— די מאראנען איז נאָך ערגער — האָט דאן קאראנעל געזאָגט — איך בין איינער פון זיי און איך וויים ווי ביטער עס איז אונז. מיר האָבען אָנגענומען קריסטענטום לפנים. און די בירגער האסען אונז. זיי ווייסען אז מיר זענען ווייט פון קריסטענטום. אז מיר נארען זיי. און פון אידישקייט זענען מיר אויך ווייט. זעלטען האָבען מיר א געלעגענהייט צוזאַ־מענצוקומען אין דער הייכל דינען אונזער גאָט. וויסט איז אונזער לעבען. הימעל און ערד איז קעגען אונז !

— וואָס איז געשעהן צו די אידען אין שפאַניען ? ווען זענען געוואָרען די מאראנען ? — האָט יצחק געפרעגט — די לעצטע מגלה מיט הונדערט און פופציג יאָהר צוריק איז געשריבען אין א צייט ווען די שפאַנישע אידען האָבען נאָך געהאַט אַלדאָסגוטס און געהאט אידישע מיניסטאָרען אין קעניגליכען הויף. ווען האָט זיך אָנגעהויבען דאָס אומגליק ? און וואָס איז געוואָרען מיט דער פאמיליע אברבנאל וואָס שטאַמט פון דוד המלך ? איז נאָך דאָ אן איבערבלייבונג פון דוד המלך'ס משפחה ?

— איך האָב פריהער געוואוסט אז דו ועסט מיך דאָס פרעגען — האָט דאן קאראנעל געזאָגט — האָב איך אָנגע־שריבען די דאָזיגע געשיכטע אין א מגלה. לייען דאָס, וועסט אַלץ געוואָהר ווערען.

ער האָט איהם געגעבען א מגלה. יצחק האָט זיך געזעצט

לייענען און דאן קאראנעל איז געזעסען לעבען איהם און גע־הערט. און דאס איז געשטאנען געשריבען אין דאן קאראנעל'ס בעשרייבונג:

אני הגבר, איך בין דער מאן וואס האב געזעהן די פיין פון זיין צארניגער רוט.

מיך האט ער געפיהרט און געפיהרט, פינסטער ארום מיר, אהן א שטראהל ליכט.

אזוי ווי ירמיהו הנביא האט געקלאגט אויפ'ן בראך פון זיין פאלק טו איך ביטער קלאגען, ווען איך דערמאן מיך די צרות וואס האבען געטראפען מיינע ברידער און דאס אומ־גליק וואס איז געקומען אויף מיין הויז.

עס איז געקומען דאס שרעקליכע אומגליק וואס אונזער עלטער־זיידע יהודה אברבנאל האט פאראויסגעזאגט מיט הונדערט און דרייצעהן יאהר צוריק.

דער אנהויב פון שלעכטס איז געקומען אין די טעג פון דאן יאאנא דעם ערשטען. ער איז געווען דער זוהן פון דעם קעניג דאן אינריקא, וואס האט דערמארדעט זיין ברודער דעם קעניג דאן פעדרא, דער "ליעבהאבער פון אידען". דער קעניג אינריקא איז געווען דאנקבאר די גלחים, וואס האבען געזאלבט איהם, דעם ברודער־מערדער, פאר קעניג און בע־פעסטיגט זיין הערשאפט. ער האט צוליעב געטאן די גלחים און ארויסגעגעבען שלעכטע געזעצען קעגען אידען. נאר עט־ליכע אידען האט ער אויסגעקליבען איבער זייער רייכקייט און זיי אריינגענומען צו זיך אין הויף. צווישען די עטליכע אידען איז געווען דאן שמואל אברבנאל, דער זוהן פון יהודה בן יוסף, וואס איז אנטלאפען פון דייטשלאנד אין דער צייט פון דער שווארצער פעסט און זיך אומגעקערט נאך סעוויל.

דאן שמואל איז געווען זעהר רייך און וואוילגעלערנט. דער קעניג דאן אינריקא האט איהם בעשטימט פאר זיין ראטגעבער. נאך א איד, דאן יוסף פייגאן איז געווען אין הויף. ער איז געווען דער הויפט צינזען־מייסטער. אויסער זיי זענען נאך געווען עטליכע אידען גאנץ אנגעזעהן אין קעניגליכען הויף. דער שטן האט זיך אריינגעכאפט צווישען די הויף־אידען און זיי האבען זיך אנגעהויבען ארומרייסען ווי אמאליגע צייטען אונטער דעם קעניג אלפאנזא.

עטליכע אידען האָבען אָנגערעדט דעם קעניג, אז דאן יוסף האָט צוגענומען פאַר זיך געלד פון דער קעניגליכער קאַסע. דער קעניג האָט דאן יוסף'ן פערשפאַרט אין תפיסה און ארויפגעלייגט אויף איהם אַ גרויסע שטראף. שפּעטער האָט ער זיך איבערגעבעטען מיט איהם און איהם צוריק בעשטימט אויף דער הויכער שטעלע. האָט דאן יוסף זיך נוקם געוועזן אן זיינע אידישע געגנער און אויף זיי אָנגערעדט ביים קעניג. עס איז געוואָרען זעהר שלעכט איבער דעם וואָס איינער האָט פער'מסר'ט דעם אַנדערן. דאָס האָט געגעבען א געלעגענהייט זייערע פיינט, די גוים, אויפצוהעצען דאָס פעבעל אויף זיי.

די רבנים האָבען איינגעזעהן אז עס וועט דורכדעם קומען אַ גרויס אומגליק אויף אַלע אידען. האָבען זיי זיך איינגעשטעלט אויסצוראָטען די שולדיגע. זיי האָבען געהאַט די מאַכט צו פעראורטיילען צום טויט די שולדיגע. האָבען זיי טאַקי א סך מוסרים פער'משפט צום טויט. די רבנים אין סעוויל האָבען ארויסגעטראָגען אַ טויט־אורטייל אויף דאן יוסף פייגאָן.

ווען דאן אינריקא איז געשטאָרבען און זיין זוהן דאן יאאַן איז געפאָהרען נאָך בארגאַש זיך קרוינען האָבען די סעווילער רבנים אויסגעפיהרט דעם טויט־אורטייל אויף דאן יוסף'ן. די שלוחים פון בית־דין זענען פארטאָג אריינגעקומען צו דאן יוסף'ן און אים פערנומען און אָפגעהאַקט זיין קאָפּ.

דאָס האָט שטאַרק פערדראָסען דעם יונגען קעניג. ער איז געוועזן אין כעס וואָס די אידען האָבען געטויט דעם מענשען וואָס זיין פאָטער האָט ליעב געהאַט. און זיי האָבען איהם נאָך אומגעבראַכט אין דער צייט פון זיין קרוינונג. עס האָט אויך פערדראָסען די מיניסטאָרען. זיי האָבען אַלע שטאַרק געאַכט דאן יוסף'ן.

דער קעניג האָט געלאָזט אומברענגען די אַלע וואָס האָבען געהאַט אַ האַנד אין דאן יוסף'ס טויט. דאָס האָט איהם אָבער נישט איינגעשטילט. ער האָט בעניייט אַלע אַלטע גזרות אויף אידען. און די אידען אין שפּאַניען האָבען פערלוירען זייערע רעכט אַזוי ווי די אידען אין דייטשלאַנד. זיי זענען פערטריבען געוואָרען פון זייערע הייזער און האָבען

בעקומען א געטא, זיי זאָלען זיין ווייט פון די קריסטען. דער קעניג האָט ארויסגעגעבען א בעפעהל אז קיין איד זאָל נישט טאָרען קריגען קיין רעגירונגס־שטעלע און אלע אידישע גרויסע לייט זענען פערטריבען געוואָרען פון הויף.

פון אלע אידישע רעכט איז נאָר געבליעבען דאָס בלוט־רעכט. מען האָט נישט געטאָרט אומבעשטראפט פערגיסען אידיש בלוט. דאָס איז געוועזן דער איינציגער אונטערשיעד צווישען זיי און די אידען אין דייטשלאַנד.

אָבער ווי נאָר עס איז געשטאָרבען דאן יואן און זיין זוהן דאן אינריקא דער צווייטער, א קינד פון עלף יאָהר, איז ארויף אויפ'ן טראָהן, און די מיניסטאָרען האָבען רעגירט אין זיין נאָמען און זיך ארומגעריסען צווישען זיך, איז געוואָרען א גרויסע אומאָרדנונג אין לאַנד. און די אידען־פיינד האָבען געפונען די צייט גינסטיג צו טאָן מיט די אידען וואָס זיי גלוסט.

פלוצלינג זענען די איינוואוינער אין גאַנץ שפּאניען בעפאַלען די אידען און דריי חדשים צייט האָבען זיי געקוילעט אידען אָהן רחמנות. דאָס איז געוועזן אין די חדשים תמוז, אָב און אלול אין יאָהר פינף טויזענד הונדערט איין און פופציג. אידיש בלוט האָט זיך געגאָסען אין די גאַסען. די מערדער האָבען נישט געשאַנעוועט קיין אלטע לייט. זיי האָבען נישט געהאַט קיין רחמנות אויף פרויען און קינדער. נאָר די וואָס האָבען זיך גע'שמד'ט זענען געבליבען לעבען. צוויי הונדערט טויזענד אידען האָבען זיך דעמאלט גע'שמד'ט געצוואונגענערהייט.

די וואָס זענען געטויט געוואָרען אָדער האָבען זיך גענומען דאָס לעבען אויף קידוש השם זענען געוועזן אָהן א צאָהל. צווישען די קדושים איז געוועזן די גאַנצע פאַמיליע פון רא"ש אין טאלעדא. דער עלטסטער פון דער רא"ש פאַמיליע רבי יהודה בן אשר האָט מיט די אייגענע הענד געקוילעט זיין ווייב און קינדער און זיין שוויגער און דערנאָך זיך גענומען דאָס לעבען. צווישען די אנוסים איז געוועזן דער בעריהמטער שר דאן שמואל אברבנאל, וואָס האָט ביים שמד געקראָגען דעם נאָמען יואן דע סעוויל.

ווי א גוף אָהן א נשמה איז דאָס אידישע פאָלק אין שפאניען איבערגעבליבען נאָך די גרויסע שחיטות. די בעס־טע און אויסדערוועהלטע האָבען געפעהלט, א טייל איז געוואָרען געטויט און א טייל האָט זיך גע'שמד'ט. פיעל פון די געצוואונגענע צו שמד זענען געווען צופרידען מיט דעם שמד. נאָך זייענדיג צווישען אידען זענען זיי געווען ווייט פון זייער פאָלק. געווען צווישען זיי אויך אזעלכע וואָס האָ־בען אָנגעהויבען האסען זייערע ברידער און פערראייניגט זיך מיט די פיינד צו פייניגען אידען.

אָבער די גרעסטע טייל איז גע'שמד'ט געוואָרען מיט געוואלט. זייערע קריסטליכע פריינד האָבען געהאַט רחמנות אויף זייער לעבען און זיי געצוואונגען צו שמד, זיי זאָלען בלייבען לעבען. די דאָזיגע אנוסים זענען אין הארצען גע־בליבען געטריי די אמונה פון זייערע עלטערן און זי נאָך מעהר ליעב געהאט. א סך פון זיי האָבען זיך ארויסגע'גנב'עט פון שפאניע, דאָס בלוטיגע לאַנד, און אוועק אין אנדערע לענדער און זיך אומגעקערט אָפען צו אידישקייט. די איבעריגע זענען געבליבען אויף די ערטער און אויס מורא פאר די גוים האָבען זיי זיך געפיהרט ווי קריסטען. פער־באָרגענערהייט זענען זיי אָבער געבליבען אידען.

איז געווען א גוטער קעניג האָבען זיי אראָפגעוואָרפען די קריסטליכע מאסקע פון זיך און זיך בעהאָפטען מיט אידען. איז געווען א שלעכטער הערשער, זענען זיי ווידער געווען אָפענערהייט קריסטען און שטילערהייט — אידען. אזוי האָ־בען זיי געדיענט צו צוויי געטער.

די גלחים האָבען דאָס געוואוסט און זיי מורא'דיג גע־יאָגט. אָנגערייצט דאָס פעבעל אויף זיי און אָנגעצונדען א שרעקליך פייער אויף די מאראנען. די גוים האָבען געהאַסט די מאראנען נאָך מעהר ווי די אידען, זיי האָבען זיי אָבער ניט געקענט טאָן קיין בייז. ווייל אזוי ווי זיי האָבען זיך גע־שמד'ט האָבען זיי נישט געליטען פון די אלע גזרות אויף אידען. זיי האָבען אויך געוואקסען אין רייכקייט און בילדונג און איבערגעוואקסען דעם קריסטליכען אדעל. זיי האָבען פערנומען די העכסטע שטעלעס אין לאַנד און אויך אין דער קירכע. זיי האָבען זיך משדך געווען מיט'ן אדעל, מיט די

עלטסטע יחוס'דיגע פאמיליעס, וואס האבען גרוים איינפלוס אויף דער רעגיערונג. און זיי האבען בעשיצט די אנוסים.

נאר די גלחים מיט'ן פעבעל האבען אלע מאל געוואלט אריינרייסען זיך צו די אנוסים און זיך נוקם זיין אן זיי די נקמה פון זייער גלויבען וואס די אנוסים פערשוועכען. א טייל פון אדעל איז צוגעשטאנען צו די גלחים, ווייל זיי האבען נישט פערגונען דאס רייכקייט די "אידען וואס פארשטעלען זיך פאר קריסטען", ווי די אנוסים זענען גערופען געווארען. זיי האבען אבער גאר נישט געקענט טאן און די שנאה האט געפלאקערט אין זיי שטארקער און שטארקער און געווארט אויף דעם פייערליכען אויסברוך.

---

די אידען וואס זענען געבליבען אפען אידען איז געווארען ערגער פון טאג צו טאג. די פיינד האבען זיי נישט געלאזט רוהען א מינוט. און די "משומדים להכעיס" האבען נאך פערגרעסערט די צרות און מיעד געמאכט די אידען מיט זייערע וכוחים וועגען די אמונות. די משומדים האבען אראפ־געווארפען די צוים פון מויל און גערעדט אלדאסבייז אויף דער אידישער אמונה אויפצורייצען די אידען. די ארימע אידען האבען פאר שרעק געמוזט שווייגען, די גוים זאלען זיי נישט אויסראטען. א סך קהלות, קליינע און גרויסע זענען אומ־געקומען.

עס איז געווען גענוג א גוי זאל אויסטראכטען א בלבול אויף איין איד, און די גלחים מיט'ן פעבעל זענען בעפאלען די גאנצע קהלה און אלעמען אויסגע'הרג'עט אדער אפגע־שמד'ט. פון די שוהלען האבען זיי געמאכט קירכען.

טיילמאל איז ארויס א פאנאטישער מאנאך פון מאנאס־טיר, צוזאמענגעקליבען א פעבעל ארום זיך און געוואלט אלע אידען אויס'הרג'ענען, אזוי האט געטאן דער מאנאך ווינסענ־טא פערער, וואס האט בעגייט די "פלאגעלאנטען" בעוועגונג אין יאהר פינף טויזענד הונדערט דריי און זיבעציג און פיער און זיבעציג. מיט זיין באנדע איז ער געגאנגען איבער כמעט אלע אידישע קהלות.

וואו זיי זענען געקומען האבען זיי אריינגעטריבען די אידען אין דער קירכע. דער מאנאך האט געהאלטען אין איין

האנד א צלם און אין דער צווייטער — א ספר תורה און ער האט געשריגען צו די אומגליקליכע אידען:

— קלייבט אויס לעבען אדער טויט!

זיין באנדע מיט געוועהר אין די הענד איז געשטאנען און געצוואונגען די אידען וואס אויסצוקלייבען. די גלחים האבען בעשפריצט די אומגליקליכע אידען מיט שמד־וואסער. און אזוי ארום ארויפגעצוואונגען אויף זיי דאס קריסטענטום. וועה איז געוועזען דעם איד וואס האט געוואגט זאגען אז ער האט זיך נישט גע'שמד'ט אדער פראטעסטירען קעגען זיי! זיי האבען איהם גלייך געטויט.

ווידער זענען ארום צוויי הונדערט טויזענט אידען אומגעקומען און אויסגע'שמד'ט געווארען אין דער דאזיגער עת צרה. א סך זענען אויסגעקוילעט געווארען און א סך פון די וואס האבען געגען זייער ווילען זיך געלאזט אפ'שמד'ען, זענען צוגעשטאנען צו די וואס האבען אזוי שרעקליך געהאסט דאס קריסטענטום, וואס האט געבראכט אויף זיי דאס גאנצע בייז.

א סך פון זיי וואס זענען בכלל נישט געוועזען פרום זענען איצט געווארען שטארק פרום. זיי זענען געגאנגען אין הייהלען און אין וויסטענישען צווישען פעלזען בעטען צום גאט פון זייערע עלטערן.

די גלחים האבען געלויערט אויף זיי. געהיט זייערע טריט. און וועה איז געוועזען צו די מאראנען וואס זענען אריינגעפאלען אין די גלחים'ס הענד אריין! זיי האבען זיי געברענט און געבראטען נאך איידער די אינקוויזיציע איז געווארען איינגעפיהרט אין לאנד.

נאר אין פארטוגאל איז געוועזען רוהיג. אין צייט פון דער גרויסער שחיטה אין שפאניען איז געוועזען קעניג אין פארטוגאל דער גוטער קעניג דאן יאאנא דער ערשטער. ער האט נישט געלאזט זיין פאלק טאן בייז די אידען.

אז דער מאנאך ווימענטא פערער האט געבעטען ביי איהם אן ערלויבניש צו קומען נאך פארטוגאל זיך נוקם זיין אן אידען, האט דער קעניג איהם געענטפערט אזוי:

— אויב דו וועסט קומען אין מיין לאנד אנצינדען דיין

פאנאטיש פייער, וועל איך דיר אָנטאָן א הייליגע קרוין — א קרוין פון גליהענדיג אייזען...

דער קעניג האָט אריינגעלאָזט די אנטלאָפענע אנוסים און נישט געלאָזט זיי טאָן בייז און זיי נישט ארויסגעגעבען צו שפּאניען. נאָך פּאָרטוגאַל איז אנטלאָפען דער מאראן דאן יאאן דע סעוויל. ער האָט זיך בעזעצט אין ליסאבאן א'ן צוריקגעקערט צום אידענטום. זיין זוהן דאן יהודה אברבנאַל איז געווען שטארק געאכט אין לאנד. ער איז געווען פינאנצ־מיניסטער ביי דאן פערנאגדא און נשיא פון די אידען.

אָבער נאָך בעריהמטער און אנגעזעהענער איז געווען זיין זוהן, דער גרויסער שר, דאן יצחק אברבנאל, וואָס איז געווען שטארק געלערנט אין דער תורה און אלע חכמות. אלס יונ־גערמאן האָט ער געשריבען וויכטיגע ספרים. און אז ער האָט בעקומען א גרויסען נאָמען צווישען אדעל און די מיניסטאָ־רען האָט דער קעניג אלפאנזא דער פינפטער איהם בעשטימט פאר פינאנץ־מיניסטער. דאן יצחק אברבנאל איז געווען זיין נאָהנטסטער און בעליעבטסטער ראטגעבער.

די קעניגליכע פאמיליע האָט איהם שטארק ליעב געהאט און פערנאנדא דער חויפּט פון דער בראגאנצא פאמיליע, וואס געהערט צו דער קעניגליכער פאמיליע, האָט איהם אזוי שטאַרק ליעב געהאט, אז ער האָט איהם געשאָנקען זיין וואונדערליכען פאלאץ אויף רוע נאווא מיט דער וואונדער־ליכער הייהל און דעם גרויסען גארטען.

— דאס איז דאָך דער פאלאץ, וואו מיר זענען איצט! — האָט יצחק געזאָגט פערוואונדערט.

— יא. — האָט דאן קאראנעל געזאָגט — אָבער א סך ענדערונגען זענען געקומען אויפ'ן לאנד און די איינוואוינע־ביז איך האָב בעקומען דעם פאלאץ. לייען ווייטער, וועסט דיך אלץ דערוויסען.

און יצחק האָט געלייענט ווייטער:

"ווען דער גוטער קעניג אלפאנזא דער פינפטער איז גע־שטאָרבען איז געוואָרען קעניג זיין זוהן דאן יאאנא דער צווייטער. א שלעכטער און א הארטהאַרציגער. ער האָט אומגעבראכט זיינע מיניסטאָרען און א סך פון זיין פאמיליע. ער האָט גע'הרג'עט דאן פערנאנדא דע בראגאנצא און האָט

אויך געוואָלט הרג'ענען דאָן יצחק אברבנאל'ן. ער האָט איהם חושד געווען אז ער איז פערבונדען מיט בונטאָווטשיקעס.

דאָן יצחק אברבנאל האָט זיך דערוואוסט דערפון און ער האָט גלייך בעהאַלטען זיין פערמעגען און זיינע ספרים אין דער הייהל און אַנטלאָפען נאָך קאסטיליען, וואו זיינע עלטערן האָבען אמאָל געוואוינט. ער איז דעמאָלט אַלט געווען פינף און פערציג יאָהר.

פון דאָרט האָט ער געשריבען צום קעניג דאָן יאאנא און איהם בעוויזען, אז ער איז אומשולדיג. דער קעניג האָט אָבער נישט געוואָלט הערען דערפון און קאָנפיסקירט דאָן יצחק'ס פערמעגען און אויך דאָס פערמעגען פון זיין זוהן דאָן יהודה לעאָן אברבנאל. די פאמיליע האָט ער אַרויסגעשיקט פון לאַנד און אַלץ וואָס דאָן יצחק אברבנאל האָט געהאט בעהאַלטען אין דער הייהל איז געבליבען, ווייל דער קעניג האָט נישט געוואוסט דערפון.

---

די לאַגע פון די אידען אין שפּאַניען איז געוואָרען ביטערער און ביטערער. אויב עס איז זיי געוואָרען א ביסעל גרינגער איז עס נאָר געווען זיי זאָלען קענען אָננעמען פרישע קרעפטען פאַר די שרעקליכע פּיין. די בייזע גזרות האָבען זיך געמעהרט פון טאָג־צו־טאָג. עס איז אזוי ווייט געגאנגען אַז אַ קריסטליכע הייבאם האָט נישט געטאָרט קומען צו א אידישע קימפּעטאָרין אפילו ווען זי האָט געהאַלטען ביים שטאַרבען.

נאָר די אידישע דאָקטוירים זענען פערבליבען אין קעניגליכען הויף און ביים אדעל און אויך די רעגערונגס־פינאַנצען זענען געפיהרט געוואָרען פון אידען. ווייל צווישען די גוים איז נישט געווען צו געפינען אַזעלכע פעהיגע דאָקטוירים און פינאַנסיסטען ווי צווישען אידען.

אין די לעצטע יאָהרען פון קעניג דאָן אינריקאָ דער פערטער האָבען די אדעללייט פון קאסטיליען מורד געווען איז איהם און אויסגעקליבען זיין יונגערען ברודער דאָן אלפאָנזאָ פאַר קעניג. זיי האָבען בערויבט די אידען און מאַראַנען און זיך אָנגעשטאָפּט מיט זייער גאָלד.

ווען דאָן אַלפאָנזאָ איז געשטאָרבען האָבען די בונטאָווי־

טשיקעס אויסגעקליבען זיין שוועסטער איזאבעלא פאר קע־ניגין און זי האט חתונה געהאט מיט פערנאנדא, קעניג פון אראגאניען. דעמאלט האבען זיי געמאכט גרויסע הריגות אויף די אנוסים.

שפעטער ווען דאן אינריקא איז געשטארבען און איזאבע־לא'ס הערשאפט איז געווארען פעסט און אראגאניען האט זיך פעראייניגט מיט קאסטיליען, האבען די בונטאוושיקעס מעהר נישט געמארדעט און בערויבט די מאראנען. דאס האט איבערגענומען די אינקוויזיציע און מיט דער אינקוויזיציע האט דער קעניג מיט דער קעניגין זיך געטיילט די רויב פון די אנוסים. זיי האבען זיך נאך אנגעטאן א פרומע מאסקע, אז זיי טוען דאס צו פערשטארקען די קריסטליכע אמונה.

אין דעם הערשער פאר־פאלק פערנאנדא און איזאבעלא האבען זיך פעראייניגט רויב און פאלשקייט. פערנאנדא איז נישט געווארען זאט פון רויב און איזאבעלא האט געטראַ־גען אויף זיך די פאלשע מאסקע פון פאנאטיזם פאר איהר קאטאלישען גלויבען. זי איז געשטאנען אונטער דעם איינ־פלוס פון איהר גלח דער מאנאך טארקוועמאדא.

נאך אלס מיידעל אין הויף פון איהר ברודער דאן הענרי־קא האט זי צוגעשוואוירען איהר גלח טארקוועמאדא, אז גאט וועט זיין מיט איהר און זי וועט טראגען איהר ברודער'ס קרוין, וועט זי נעמען נקמה אן אלע וואס זענען פאלש צו איהר גלויבען. זי וועט זיי אויסראטען אין נאמען פון גאט. און זי האט געהאלטען איהר שבועה ווען זי איז געווארען הערשערין.

די אינקוויזיציע איז נישט געווען קיין נייע צרה. נאך מיט דריי הונדערט יאהר פריהער האט דער פויבסט אינאצענט דער דריטער זי איינגעפיהרט אויף די אפיקורסים אין דרום־פראנקרייך. דער פויבסט ניקאליי דער פינפטער האט אויך בענוצט די אינקוויזיציע. און פערנאנדא מיט איזאבעלא'ן האבען זי איינגעפיהרט אין שפאניען אין יאהר רמ"א.

די מאראנען האבען זיך שטארק געמיהט דערקעגען. אומזיסט איז אבער געווען זייער ארבייט. זייערע איינפלוס־רייכע פריינד און מחותנים צווישען אדעל האבען אויך נישט געקענט פערמיידען די איינפיהרונג פון דער אינקוויזיציע.

די רייכע אנוסים האָבען געמאַכט אַ בונד אָפּצושאַפּען מיט מאַכט די אינקוויזיציע האָבען זיי מיט דעם געמאַכט זיך נאָך ערגער. זיי זענען געווען די ערשטע קרבנות פון דער אינקוויזיציע. און פון דעמאָלט אָן האָט זיך צופלאַקערט דאָס בייזע פייער.

די דאָמיניקאַנער האָבען געזויפען דאָס בלוט פון זייערע קרבנות. זיי האָבען אָהן רחמנות געפּייניגט די אנוסים. דאָס פּעבעל האָט דערשמעקט דעם ריח פון געבראָטען מענשען פלייש און עס האָט איהם פערשמעקט. דער קעניג האָט אָנ־געשטאָפּט זיין קאַסע מיט די אומגליקליכע פערמעגענס און די קעניגין האָט זיך געוואַרעמט ביים פייער וואָס זי האָט אָנגעצונדען פאַר איהר גאָט.

און וואָס מעהר זיי האָבען דאָס געטאָן אַלץ גרעסער איז געוואָרען זייער בייזע תאוה אומצוברענגען וואָס מעהר מענ־שען. זיי האָבען אויסגעקליבען דעם ווילדען גרויזאַמען טאָ־מאַש טאָרקוועמאַדאַ וואָס איז געווען אַזוי "גרויזאַם ווי אַ לעמפּערט און כיטרע און גיפטיג ווי אַ שלאַנג", אַלס דעם הויפּט פון דער אינקוויזיציע.

פיעל אנוסים האָבען זיך דערשראָקען און געפאָלגט טאָרק־וועמאַדאַ'ס בעפעהל זיי זאָלען קומען צו די אינקוויזיציאָנס־ריכטער מודה זיין אויף זייערע זינד. זיי זענען געקומען און געטאָן תשובה און געבעטען פערגעבונג, וואָס ער האָט זיי צוגעזאָגט.

ער האָט זיך אָבער נישט בעגנוגענט דערמיט. ער האָט געפאָדערט פון זיי זיי זאָלען איהם ארויסגעבען די נעמען פון אַלע זייערע פריינד וואָס היטען אידישקייט שטילערהייט. דער וואָס האָט נישט געוואָלט פער'מסר'ן זיינע ברידער איז גע'משפט געוואָרען ווי אַן אומגלויביגער. און דער וואָס האָט ארויסגעגעבען זיינע בעקאַנטע אנוסים אונטער די שרעקליכע פיין וואָס די אינקוויזיטאָרען האָבען איהם אָנגעטאָן, האָט אויף זיי אַלע געבראַכט אַ שוידערליך אומגליק.

די געפענגנישען זענען געוואָרען פול מיט אנוסים. אין גאַנץ שפּאַניען איז בעדעקט געוואָרען מיט שייטער הויפענס צו פערברענען די אנוסים.

דאָס איז נאָך אַלץ געווען ווייניג פאַר דעם בלוטיגען

טארקוועמאדא. און ער האט ארויסגעגעבען א בעפעהל צו אלע שפאניער, זיי זאלען אריינשיקען אנאנימע בריעף אין דער אינקוויזיציע און פער'מסר'ן יעדען פערדעכטיגען מאראן.

דערמיט האט ער אויפגעבונדען די הענד פון יעדען אומ־ווירדיגען מאן, וואס האט געהאט א בייז הארץ אויף די מא־ראנען זיי צו פער'מסר'ען שטילערהייט. ער האט אויך בע־פוילען די רבנים זיי זאלען איהם ארויסגעבען די נעמען פון די אנוסים וואס היטען אידישקייט. ער האט געוואוסט אז די אידען שטעהען אין נאהענטע בעציהונגען מיט די אנוסים און העלפען זיי האלטען אידישקייט. נאר די רבנים האבען זיך ארויסגעדרעהט און נישט געטאן זיין ווילדען פערלאנג.

---

ווען טארקוועמאדא איז בעשטימט געווארען אלס הויפט פון דער אינקוויזיציע איז דאן יצחק אברבנאל געקומען נאך טאלעדא, די הויפט שטאדט פון קעניגרייך. זיין ווייב און קינדער זענען נאכגעקומען און די גאנצע קהלה האט איהם אויפגענומען מיט גרויס כבוד.

דעמאלט איז געווען זעהר אנגעזעהן דאן אברהם סעניאר בנבנשתי (בענבאנעשטי). דער קעניג האט איהם איבערגע־געבען די ארענדע פון די רעגירונגס צינזען. דאן אברהם האט אפגעשאצט דאן יצחק אברבנאל'ס פעהיגקייטען און חכמה און איהם צוגענומען פאר א שותף אין זיינע געשעפ־טען. האט דאן יצחק אברבנאל געהאט דורכדעם צייט וויי־טער זיך אפצוגעבען מיט דער תורה ווי אין זיין יוגענד. אין עטליכע חדשים צייט האט ער אנגעשריבען א פירוש אויף נביאים ראשונים. ווי ער האט אנגעפאנגען שרייבען זיין פירוש אויף מלכים, איז ער געווארען איינגעלאדען אין קע־ניגליכען הויף.

פערנאנדא און איזאבעלא האבען איהם בעשטימט פאר פינאנץ מיניסטער, וויסענדיג וואס פאר א זעלטענער פינאנץ קענער ער איז. ער האט זיך נישט אפגעזאגט דערפון. ער האט געהאפט דערמיט צו קענען בעשיצען זיין געפייניגט פאלק און זיך ערווערבען א פערמעגען.

אין אכט יאהר צייט האט ער זיך ערווארבען א גרויס פערמעגען און א סך כבוד און לויב פון קעניג מיט דער קע־

ניגען און די רעגירונגס לייט. און וויפיעל עס איז געווען מעגליך האָט ער בעשיצט זיין פאָלק. אין די פאַלשע בלבולים אויף אידען האָט ער זיך איינגעשטעלט פאר זיי. ווען טארק־וועמאדא האָט געשיקט זיינע בייזע לייט צו בעשטראָפען די רבנים וואָס האָבען איהם נישט געוואָלט ארויסגעבען די נע־מען פון די אנוסים, האָט ער זיך געמיהט אין קעניגליכען חויף און געראַטעוועט די רבנים.

ער האָט זיך משדך געווען מיט די געמיינדע פיהרער פון טאָלעדא און סעוויל. זיין עלטסטער זוהן דאן יהודה האָט התונה געהאט מיט דאָן אברהם סעניאר דע בענבאַנעשטי'ס טאָכטער. זיין צווייטער זוהן דאן יוסף האָט התונה געהאט מיט דער טאָכטער פון רב שלמה איבן ווירגא פון סעוויל.

די דריי מחותנים האָבען געטאָן א סך צדקה און גוטס צו זייער פאָלק. ווען די שפאניער האָבען בעזיעגט די אראבער לעבען מאלאגא און איינגענומען די שטאָדט האָבען זיי אויפ'ן בעפעהל פון קעניג מיט דער קעניגען פערנומען אלע איינ־וואוינער צו פערקויפען פאר שקלאפען.

צווישען די געפאנגענע זענען געווען פיער הונדערט און פופציג אידען. האָבען די דריי מחותנים צוזאמענגענומען א גרוים פערמעגען און אויסגעלייזט די געפאנגענע אידען. נאָר צוועלף געפאנגענע האָבען זיי פאר קיין לוין אין דער וועלט נישט געקענט אויסלייזען. זיי זענען געוואָרען דערקענט אלס אנטלאָפענע אנוסים. זיי זענען איבערגעגעבען געוואָרען צו די אינקוויזיציע ריכטער און פערפייניגט געוואָרען צום טויט.

פון דעם זיעג איבער מאלאגא איז די קעניגליכע קאסע געוואָרען אָנגעשטאָפט מיט געלד. פונ'ם רויב און דאָס אויס־לייז־געלד פאר די געפאנגענע און דאָס געלד פאר די פער־קויפטע צו שקלאפעריי איז פערנאנדרא געוואָרען אָפגעשאָטען מיט געלד.

דעמאָלט איז טארקוועמאדא מיט זיין באנדע צוגעשטאנען צום קעניג מיט דער קעניגען זיי זאָלען ארויסטרייבען די אידען פון לאנד און פון דער הויפט־שטאָדט סעוויל. זיי האָ־בען געזאגט, אז נאָט האט זיי געהאָלפען אין דעם זיעג, זיי זאָלען האָבען גענוג געלד און מעהר נישט דארפען די צינזען

פון די אידען. ווען די אידען וועלען ווערען פערטריבען ווע־לען זיי מעהר נישט זיין קיין הילף פאר די אנוסים זיי זאָלען קענען האלטען זיך ביי דער אידישער אמונה.

פערנאנדא מיט איזאבעלא׳ן האָבען זיי געפאָלגט און ארויסגעטריעבען די אידען. דאָס איז געווען דער ערשטער גרוש פון די אידען אין שפאניען זייט דעם גלות. דער לעצ־טער גירוש איז געווען פיעל ערגער. ווען פערנאנדא מיט איזאבעלא׳ן האָבען איינגענומען גראנאדא, די לעצטע הער־שאפט־מדינה פון די אראבער אין שפאניען און פערנאנדא מיט איזאבעלא׳ן זענען אריינגעפאָהרען אין בעזיעגטען לאנד און געפונען דאָרט גרויס רייכטום, זענען טארקוועמאדא און זיין באנדע צוגעשטאנען צום קעניג מיט דער קעניגען מיט דער פאָדערונג, זיי זאָלען ארויסטרייבען אלע אידען פון שפאניען. זיי האָבען געזאָגט :

— אויב גאָט האָט אזוי געהאָלפען די קאטאָליקען, טאָ־רען זיי נישט לאָזען קיין איבערבלייבונג פון דעם גאָט־פערהאסטען פאָלק, די אידען. דער קעניג מיט דער קעניגען וועלען ערשט געווינען לייטזעליגקייט ביי גאָט, ווען קיין איין איד וועט זיך נישט געפינען אויף שפאניען׳ס ערד.

דער קעניג מיט דער קעניגען האָבען איינגעוויליגט. פער־נאנדא האָט זיך שוין געפרעהט מיט דעם רייכטום וואָס וועט אריינגעפאלען אין זיינע הענד ווען די אידען וועלען ווערען ארויסגעטריבען.

איזאבעלא האָט זיך געפרעהט וואָס ענדליך האָט זי דערלעבט צו האלטען איהר שבועה אויסצורוימען אלע אומ־גלויביגע פון איהר לאנד.

פערנאנדא מיט איזאבעלא׳ן האָבען ארויסגעגעבען א געזעץ אין אלהאמברא פאלאץ פון די גראנאדישע קעניגען, אז אלע אידען פון גאנץ שפאניען מוזען פערלאָזען דאָס לאנד אין פערלויף פון פיער חדשים צייט. זיי מוזען אויך איבער־לאָזען זייערע פערמעגענס. זיי טאָרען נישט מיטנעמען קיין גאָלד, זילבער און ווערטזאכען. ווער עס וועט וואגען מיט־צונעמען עפּיס וועט פעראורטיילט ווערען צום טויט. וויי־[illegible] אידישע פערמעגען ווערט קאָנפיסקירט פון קעניג.

די אידען האָבען דערהערט די ביטערע גזרה און זייער הארץ איז צוגאנגען. זיי זענען געגאנגען איבער די גאסען און געיאָמערט און געקלאגט. זיי האָבען געשפּאָלטען די הימ־לען מיט זייערע געשרייען. די ערד האָט געציטערט פון זייער געוויין.

דאן יצחק אברבנאל איז געלאָפען צום קעניג מיט דער קעניגין. ער האָט געוויינט פאר ז און געבעטען פאר זיין אומגליקליך פאָלק. ער האָט זיי פאָרגעשלאָגען זיי זאָלען נעמען א גרויסען אָפּצאָהל פון די אידען און מבטל זיין די גזרה. ער האָט זיי צוגעזאָגט אונגעהייערע סומען געלד פאר אויסלייזונג.

עס האָט אָבער נישט געהאָלפען זיין מיה. גאָט'ס ווילען איז נישט געווען דערביי. טארקוועמאדא מיט זיינע לייט האָבען זיך אוועקגעשטעלט ווי א מויער און הארט געמאכט די הערצער פון פערנאנדא מיט איזאבעלא'ן. און דאן יצחק אברבנאל'ס געבעט האָט נישט געקענט מאכען ווייך די שטיינערנע הערצער פון פערנאנדא מיט איזאבעלא'ן.

---

ווער קען דערצעהלען די פּיין פון די אומגליקליכע אידען וואָס זענען געוואָרען בעפוילען צו פערלאָזען דאָס לאנד וואו זיי האָבען געלעבט פופצעהן הונדערט יאָהר! זיי זענען געווען מיט לייב און לעבען צוגעבונדען צו שפּאניען און געמאַכט עס גרויס, רייך און בעריהמט. איצט מוזען זיי עס פערלאָזען!

זייער אומגליק איז געווען נאָך גרעסער דערדורך וואָס זיי האָבען עס געמוזט פארלאָזען מיט ליידיגע הענד. זיי טאָרען נישט מיטנעמען זייער פערמעגען, וואָס זיי האָבען אָנגעזאַמעלט מיט דעם שוויים פון זייערע הענד און מיט דער מיה פון זייער מוח.

מיט וואָס וועלען זיי שפּייזען זיך, זייערע ווייבער און קינדער, זייערע אַלטע, שוואכע און קראנקע? די רייכע האָבען פערקויפט זייערע הייזער און גיטער שפּאָט ביליג און דאָס געלד פערטוישט אויף ווערט־פּאַפּירען אָדער בע־האַלטען ביי אנוסים, וואָס האָבען זיך איינגעשטעלט דאָס לעבען דערמיט. די אינקוויזיציע האָט אַרויסגעגעבען א בע־

פעהל אז די אנוסים זאָלען נישט צוזאמענקומען און האַנדלען מיט די אידען.

טארקוועמאדא האָט געשיקט די דאמיניקאנער גלחים אנצורעדען די אידען זיי זאָלען זיך שמד'ען און בלייבען אין לאַנד. די רבנים האָבען אָבער אויך נישט געשוויגען. זיי האָבען געשטאַרקט די הערצער פון די אידען און זיי געמוטיגט בייצושטעהן דעם נסיון און פערלאָזען זיך אויף גאָט אז ער וועט זיי נישט פערלאָזען. די רייכע אידען האָבען זיך צוריקגעקערט צו זייער פאָלק מיט'ן גאַנצען הארצען. די צרה פון כלל האָט אַלעמען פעראייניגט. די רייכע האָבען זיך געטיילט מיט די אָרימע און זיי געהאָלפען צוגרייטען זיך צום לאַנגען וועג און פרישען גלות, וואָס זיי האָבען נישט געוואוסט וואו עס וועט זיי פערטראָגען.

וואוהין זאָלען זיי געהן? אין וואָסערע לאַנד? די אידישע פיהרער האָבען אָפגעהאלטען א בעראַטונג. א טייל פון די פרימסטע האָבען געזאָגט מען זאָל פאָהרען נאָך ארץ ישראל. דאָס הייליגע לאַנד איז אָבער געווען וויסט. ס'איז געשטאַנען אונטער דער הערשאפט פון עגיפּטישען סולטאַן און רעגירט געוואָרען זעהר שלעכט פון זיינע גובערנאטאָרען, וואָס האָבען בערויבט און בע'גזל'ט די איינוואוינער. ירושלים איז געוואָרען צו שאַנד און שפּאָט דורך די געמיינדע עלטסטע, וואָס האָבען זיך געפיהרט ווי רויבערישע תקיפים. די מזרח־אידען אין ירושלים האָבען פערפאָלגט די אייראָפּעאישע אידען און זיי תמיד פער'מסר'ט. די אָרימע לייט זענען אויך געווען זעהר פערשייט און חוצפה'דיג.

אַנדערע האָבען געראַטען צו פאָהרען נאָך טערקיי וואו אידען האָבען געלעבט רוהיג. אָבער דער פּלאַן איז נאָר געווען גוט פאר א קליינע צאָהל אידען. וואו האָבען זיי דען געקענט נעמען גענוג שיפען פאר די דריי הונדערט טויזענט ארויסגעטריבענע אויף אמאָל?

זיי האָבען אויך געדענקט אז די גזרה וועט באַלד מוזען ווערען בטל. ווייל דער שפּאַנישער האַנדעל איז געלעגען אין אידישע הענד און וואָס וועט טאָן שפּאַניען ווען די אידען וועלען פּלוצלינג זי פערלאָזען? זי וועט דאָך ווערען פעראָרימט. באַלד וועט דער קעניג מיט דער קעניגין דערזעהן

זייער פעראָרימטע קאַסע און זיי וועלען צוריקרופען די אי־דען. אזוי ווי עס האָבען פריהער געטאָן די פראנצויזישע און דייטשע קעניגען.

דערפאַר האָבען זיי בעשלאָסען צו פערבלייבען לעבען שפאניען און צו ווענדען זיך צום פּאָרטוגעזישען קעניג ער זאָל זיי, פאר א גרויסע סומע געלד ערלויבען זיין אין פּאָרטו־גאָל ביז די גזרה אין שפאניען וועט ווערען אָפּגעשאַפט, און אויב נישט, זאָל ער זיי ערלויבען בלייבען אין פּאָרטוגאַל אזוי לאַנג ביז אַלע ארויסגעטריבענע וועלען קענען אוועק־פּאָהרען אין אנדערע לענדער.

זיי האָבען אויסגעקליבען דעם עלטסטען רב רבי יצחק אבוהב און רבי שלמה איבן ווירגא מיט נאָך אכט און צוואַנ־ציג בעריהמטע געלעהרטע און זיי געשיקט נאָך פּאָרטוגאַל צום קעניג.

זיי האָבען גע'פּועל'ט ביים פּאָרטוגעזישען קעניג דאָן יאאנא דער צווייטער ער זאָל ערלויבען די ארויסגעטריבענע צו זיין אין זיין לאַנד אכט חדשים צייט פאר אכט גאָלד קראַשאדאס פון יעדען קאָפּ. ער האָט זיי אויך פערשפּראָכען צוצושטעלען גענוג שיפען פאר נישט טייערע פרייזען.

די אידען פון צפון שפאניען האָבען זיך אוועקגעלאָזט נאָך נאבארא. מיט זיי האָט געזאָלט מיטגעהן דאָן אברהם סעניאָר בענאבאנעשטי מיט זיין פאַמיליע. די אידען פון דרום־שפאניע זענען געפּאָהרען מיט'ן ים נאָך איטאַליע, אפריקא און טערקיי. דאָן יצחק אברבנאל האָט מורא געהאַט צו געהן מיט די פער־טריבענע נאָך פּאָרטוגאַל, ווייל ער האָט מורא געהאַט פאר'ן פּאָרטוגעזישען קעניג. האָט ער בעשלאָסען צו געהן מיט די וואָס פּאָהרען נאָך איטאַליען און זיך בעזעצען אין נעאַפּאָל, וואו דער גוטער פערדינאַנד דער ערשטער, זיין אַלטער פריינד איז געווען הערשער.

די צוויי גרעסטע אידען פון שפאניען, דאָן אברהם בענאַ־באַנעשטי און דאָן יצחק אברבנאל האָבען געזאָלט זיך שטע־לען בראש פון די ארויסגעטריבענע מחנות און מיטגעהן מיט זיי. זייערע פּלענער זענען אָבער געוואָרען צושטערט. די קע־ניגין איזאבעלא האָט פּלוצלינג געשיקט נאָך דאָן אברהם און געפאָדערט פון איהם ער זאָל איבערבלייבען. זי האָט מורא

געהאט, אז איהרע פינאנצען וועלען ליידען ווען ער וועט אוועק. עס איז איהר געווען א שאד צו פערלירען אזא גע־טרייען מאן, וואס האט זי געדיענט אזוי געטריי.

זי האט איהם געבעטען ער זאל זיך שמד'ען און בלייבען אויף זיין הויכען אמט אלס פיהרער פון איהרע פינאנסען. ער האט אבער נישט געוואלט הערען דערפון. איז זי געווארען שרעקליך בייז און געשוואוירען אז זי וועט לאזען אויס־הרג'ענען אלע אידען נאך איידער זיי וועלען פערלאזען שפא־ניען, אויב ער וועט זי נישט פאלגען.

ווען זי וואלט איהם געשראקען מיט'ן טויט וואלט ער גלייך געגאנגען צום טויט און זי נישט געפאלגט. די גרעסטע יסורים וואלטען איהם נישט געקענט צווינגען צו שמד. זי האט אבער געשוואוירען, אז זי וועט אומברענגען אלע אידען. און וואס פאר א ווערט האט ער מיט זיין פאמיליע, האט ער געטראכט, אז איבער זיי זאלען אלע שפאנישע אידען ווערען אויסגעקוילעט?

ער האט געוויינט פאר איהר, האט זי דערמאנט ווי גע־טריי ער איז איהר געווען. ער האט זי געבעטען זי זאל איהם דער'הרג'ענען מיט דעם גרויזאמסטען טויט, ווייל ער פאלגט זי נישט, נאר זאלען אנדערע נישט ליידען איבער איהם.

זיינע טרערען און געבעט זענען געווען אומזיסט. ער האט נישט געקענט ווייך מאכען איהר שטיינערן הארץ. ער האט געטראכט צו בעגעהן זעלבסטמארד. ער האט אבער מורא געהאט אז נאכדעם וועט זי אויסגיסען איהר בייזען צארן אויף אלע אידען און זי וועט אויספיהרען איהרע טייוועלישע פלענער אומצוברענגען איבער איהם אלע אידען. און ווער וויים, האט ער מורא געהאט, וויפיעל אידען וועלען נישט ביישטעהן דעם נסיון און וועלען זיך שמד'ען און ווערען פער־פאלען אויף אייביג?

ער האט דערפאר בעשלאסען, אז עס איז בעסער ער מיט זיין פאמיליע זאלען זיך טויפען און ראטעווען דערמיט אלע אידען פון שרעקליכען אומגליק. ווי איזאבעלא האט דערהערט זיין בעשלוס האט זי גלייך געשיקט נאך דאן אברהם'ס איינ־ציגען זוהן דוד. ווען ער איז געקומען אין הויף האט דער אלטער פאטער איהם אריינגענומען אין א בעזונדער צימער

און איהם דערצעהלט אלץ וואס עס איז געשעהן. ביידע האַבען שטארק געוויינט. דער אלטער האט בעשוואוירען זיין זוהן ער זאל פערבארגענערהייט בלייבען א געטרייער איד און לערנען די תורה מיט זיינע קינדער ביז עס וועט קומען דער גינסטיגער מאמענט, זיי זאלען קענען פערלאזען דאס לאנד און אין א פריי לאנד זאלען זיי זיך אפען אומקערען צום יודענטום.

דעם זעלבען טאג האט א קעניגליכע קארעטע ארויסגעפיהרט פון איזאבעלא׳ס הויף אין וואלדאוואלעד דאן אברהם סעניאר בענאבאנעשטי מיט זיין ווירדיגע פרוי, זיין זוהן דוד מיט זיין יונגע פרוי און קליין קינד און זיי געבראכט אין קלויסטער סאנט מערי דע גוואדאלופא. דארט האבען שוין געווארט דער קעניג מיט דער קעניגין און דער קארדינאל קאסימענאס. זיי האבען געוואלט זיין די טויפפאטערס פון דאן אברהם׳ס פאמיליע.

מיט וואקעלדיגע טריט און א צובראכען הארץ זענען זיי געגאנגען צום שמד. עס איז זיי געווען פינסטער אין די אויגען, די פנים׳ער זענען געווארען שווארץ און זייערע טויפפאטערס זענען געווען גליקליך, זיי האבען אויפגעטאן א גרויסע זאך. ביים שמד׳ען האט מען געביטען זייערע נעמען. דאן אברהם׳ן האבען זיי א נאמען געגעבען פערנאנדא נאכ׳ן קעניג, דער זוהן דוד, — יאאן, נאך׳ן קארדינאל. אלס עהרע וואס די געקרוינטע האבען זיך בעטייליגט אין זייער טויפען האט מען אויך פערביטען זייער יחוס׳דיגען פאמיליען־נאמען בענעבאנעשטי, אויף קאראנעל.

— קאראנעל! יאאן! — האט דער קליינער יצחק אויסגערופען אויפגערעגט — דאס זענט דאך איהר, מיין אומגליקליכער הערר!

— יא, מיין קינד, איך — האט געזאגט דאן קאראנעל מיט טרערען — איך בין דער אומגליקליכסטער מענש אויף דער וועלט. איך טראג זיך ארום מיט א פאלשער מאסקע. איך בין פאלש צו גאט און צו לייט. אוי, מיין יונגער פריינד! ווען איך וואלט נאר געקענט וואלט איך שוין לאנג אראפגעווארפען די פאלשע מאסקע פון זיך! איך וואלט זיך אומגעקערט צו מיין גאט אפען פאר דער גאנצער וועלט. מיט

שמחה וואָלט איך זיך איבערגעגעבען דער אינקוויזיציע, זי זאָל מיך משפּט׳ען מיט איהרע בייזע פּיין. מיט גרוים פרייד וואָלט איך ארויפגעגאנגען אויפ׳ן שייטערהויפען און געלאָזט זיך פערברענען צו קענען איינשטילען דאָס פייער וואָס ברענט אין מיין הארצען. נאָר איבער צוויי זאכען קען איך עס נישט טאָן. איך קען נישט איבערלאָזען מיין איינציגע טאָכ־טער איידער איך וועל זי ראטעווען פון קריסטענטום און זי ארייגעבען אין הויז פון איינעם פון מיינע ברידער. איך טאָר אויך נישט שטארבען פריהער איידער איך וועל מקיים זיין מיין שבועה, וואָס איך האָב צוגעשוואוירען מיין ליעבען שוואָגער אומצוקערען זיין איינציגען זוהן צו זיין גאָט און זיין פאָלק.

— וואו איז אייער טאָכטער? און וואו איז אייער שוואָגער? ביי וועמען האָט ער געלאָזט זיין איינציגען זוהן? וואָס איז געוואָרען פון אייער אַלטען פאָטער און דער גאנצער פאַמיליע? און וואָס איז געוואָרען מיט דער אברבנאל משפּחה? און זאָגט מיר שוין דעם סוד פון מיין שטאָם! — האָט יצחק אויף אמאָל געפרעגט האסטיג, ווען דאָס בע־שריבענע פּאפּיר האָט זיך געענדיגט און ער האָט נאָך נישט געוואוסט דעם סוד.

— האָסט געפרעגט צופיעל פראגען אויף אמאָל — האָט דאָן קאראנעל געענטפערט מיט אַן אומעטיגען שמייכעל — אָבער איך וועל דיר ענטפערן: מיין איינציגע טאָכטער איז אין טאָלעדאָ. אין צוויי וואָכען ארום קומט זי אהער. מיין פאָטער האָט נישט געלעבט לאנג. באַלד נאָך דעם שמד איז ער פאר ווערהטאָג געשטאָרבען. מיין מאמע האָט געזעהן ווי די קאטאָלישע גלחים נעמען איהר געליעבטען מאַן און בעגראָבען איהם צווישען גוים, איז איהר פאר צער געפּלאצט דאָס הארץ און זי איז געפאלען טויט לעבען אָפענעם קבר. דער קעניג האָט מיר געוואָלט איבערגעבען מיין פאָטער׳ס אמט און מיך מאכען פאר פינאנץ־מיניסטער. איך האָב זיך אָבער אָפּגעזאָגט דערפון. איך האָב נישט געוואָלט זיין צוגע־בונדען צום קעניגליכען הויף. איך האָב בעסער געוואָלט ווע־רען א קאָנסול און זיך געפינען אין די הויפען פון פערנאנדאס

קעניגליכע פריינד און קענען וויסען וואָס עס טוט זיך מיט די דאָרטיגע אידען.

---

דאַן קאראנעל האָט זיך אויפגעשטעלט און געגאַנגען אויף־און־אָפּ איבער'ן צימער שטארק אויפגערעגט. דערנאָך האָט ער זיך איועקגעזעצט און אָפּזיפּצענדיג געזאָגט:

— דו האָסט געלייענט וואָס עס איז געוואָרען פון מיין פאָטער. איצט הער וואָס עס איז געוואָרען מיט אונזער מחותן דאָן יצחק אברבנאל. זיין פּלאַן ארויסציגעהן בראש פון די ארויסגעטריבענע איז אויך געוואָרען צושטערט. דער קעניג מיט דער קעניגין האָבען איהם אויך געוואָלט פערהאַלטען און נישט ארויסלאָזען פון לאנד.

דאָס האָט אָבער נישט געשמעקט טארקוועמאדא'ן מיט זיין באַנדע. זיי האָבען מורא געהאַט אז ווען דאָן יצחק אברבנאל וועט בלייבען אין לאנד וועט איהם אין זיין גרויס חכמה געלינגען איבערצורעדען דעם קעניג מיט דער קעניגין, זיי זאָלען מבטל זיין די גזרה אויף אידען.

האבען זיי דערפאר געפּלאָנעוועט איבעררעדען מיט גוטען מיט זיין זוהן דאָן יהודה לעאָן, ער זאל זיך שמד'ען. אפשר וועט דורך זיין זוהן אויך דאָן יצחק אברבנאל זיך שמד'ען, און אז ער וועט דאס טאָן מיט'ן גוטען ווילען וועלען די אידען איהם פיינט האבען, ער וועט אויך קריגען פיינט די אידען און ער וועט זיך שוין נישט איינשטעלען אין קעניגליכען הויף פאר זיי.

און דאס איז געווען זייער טייפלישער פּלאַן וועגען דאָן יהודה לעאָן, ארייגצוכאַפּען איהם אין זייער נעץ. זיין ווייב איז דאָך דאָן אברהם בענעבאַנעשטי'ס טאָכטער. דער אַלטער האט זיך גע'שמד'ט און הייסט דאָן פערנאנדאָ קאראַנעל, איז איהר קינד דעם אלטען'ס אייניקעל און זיי האבען א רעכט איהם אָבצו'שמד'ען. זיין זיידע איז דאָך געטויפט.

זיי וועלען דאס קינד נעמען מיט געוואלד און אָפּ'שמד'ן און אזוי ווי די מאמע האט איהם שטאַרק ליעב, ער איז איהר איינציג קינד, איהר עלטסטער זוהן איז געשטאָרבען, וועט זי איהם נישט וועלען פערלירען און זי וועט זיך אויך שמד'ן. נאָך איהר וועט זיך שוין שמד'ען איהר מאן, דאָן יהודה לע־

אָן, וואס איז גוט בעפריינדעט מיט קריסטען. דעמאָלט וועט שוין דער אלטער דאָן יצחק אברבנאל נאכטאָן זיין עלטסטען זוהן און אננעמען קריסטענטום.

דעם פלאן האבען אויסגעארבייט די פערדאָרבענע דאָ־מיניקאנער. זיי האבען דאס אבער פערטרויט אין קעניגליכען הויף, ווען איך האב דאס געוואָהר געוואָרען. האב איך גלייך דאס געלאָזט וויסען מיין שוואָגער דאָן יהודה לעאָן.

דערשראָקענע האבען מיר ביידע בעטראכט וואס מיר זאָ־לען טאָן און עס איז נישט געווען קיין בעסערע עצה ווי אוועקצושיקען דאס קינד מיט זיין אם איבער דער גרעניץ. דאס קינד איז דעמאָלט אלט געווען א יאהר. מיר האבען מורא געהאט מיטצושיקען מיט'ן קינד די מוטער, טאָמער וועט דאס הויז בעוואכט און זיי וועלען זי דערקענען און פערהאל־טען די קארעטע און צונעמען דאס קינד. מיר האבען דער מוטער, מיין שוועסטער, אויך נישט אויסגעזאגט וואס מיר געהען טאָן, טאָמער וועט זי זיך נישט וועלען שיידען מיט'ן קינד און שטערען אונזער פלאן.

וואו זאל מען אבער שיקען דאס קינד? מיר האבען בע־שלאָסען איהם צו שיקען נאָך פאָרטוגאל וואו אינזער מחותן רבי שלמה איבן ווירגא און דער אלטער גרויסער רב רבי יצחק אבוהב וואוינען. איך בין אריין צו מיין שוועסטער און זי גע־טרייסט איבער דעם וואס דער טאַטע און איך האבען זיך גע'שמד'ט און דורכדעם זענען טאַטע מאמע געשטאָרבען. איך האב זי געבעטען זי זאל מיטגעהן מיט מיר אין מיין הויז און דארט רעדען מיט מיר.

זי איז געבליבען ביי מיר ביז האלבע נאכט. מיין שוואָגער האט תיכף גענומען דאס קינד מיט דער אם אין א געטרייען בעדיענטען און זיי אריינגעזעצט אין א קארעטע מיט פלינקע פערד זיי אריבערצופיהרען די גרעניץ. אלץ איז געטאָן גע־וואָרען בסוד אז די בעדיענטע האבען פון גאָר נישט גע־וואוסט.

ווען מיין שוועסטער איז אהיים געקומען און געוואָלט אריינגעהן צום קינד, האט מיין שוואָגער זי נישט געלאָזט, זי זאָל איהם נישט אויפוועקען. האט זי זיך געלייגט שלאָפען. באלד אין דער פריה, ווען מיין שוועסטער איז אויפגעקומען

און געזעהן אז די אם ברענגט איהר נישט אריין דאס קינד, איז זי גיך אריין אין קינדער־צימער און — עס איז ליידיג. דאס ליידיגע וויגעלע שטעהט, דעם קינד'ס קישעלעך זענען צוואָרפען איבער'ן צימער און דאס קינד איז נישטאָ. האט זי זיך שטאַרק דערשראָקען און אנגעהויבען שרייען ווילד. די משרתים זענען זיך צוזאמענגעלאָפען און נישט געוואוסט וואס דאָ איז געשעהן. מיין שוואָגער איז אויך אריינגעקומען און זיך געמאכט ווי ער וויים פון גאָרנישט. די געשרייען האבען זיך געטראגען אין גאס און די געוויינען האבען געשניטען דאס הארץ.

דאָן יצחק אברבנאל האט זיך דערשראָקען ווען ער האט דאס דערהערט. זיין זוהן האט איהם אבער אויסגעזאָגט אז צו ראטעווען זיין קינד האט ער איהם ביינאכט אוועקגעשיקט איבער דער גרעניץ.

דער אלטער האט זיך דערמאָנט וואס עס איז געשעהן מיט זיין מחותן דאָן אברהם און ער האט מורא געהאט אז מיט איהם וועט עהנליכעס געשעהן. האט ער בעשלאָסען צו אנטלויפען תיכף. ער האט אנגעזאגט זיין הויז־געזינד אז די זעלבע נאכט וועלען אלע אנטלויפען אויף א שיף. זיין זוהן דאָן לעאָן מיט זיין פרוי, מיין אומגליקליכע שוועסטער, זענען מיט זיי אנטלאָפען די זעלבע נאכט. זיי זענען אנגעקומען בשלום נאָך נעאפאל.

אבער זייער קינד איז אריינגעפאלען אין דער נעץ. ער איז אנטלאָפען פון אונגליק און דאָך אריינגעפאלען. נישט ווי־סענדיג האט זיין גוטע מאַמע איהם געמאכט אומגליקליך. די וואס האבען געלויערט אויף איהם האבען דערהערט די מור־טער'ס געשרייען און זיי האבען נאָכגעיאָגט די קארעטע. זיי האבען זי אבער נישט אנגעיאגט, ווייל ביז זיי זענען צוגעקו־קומען צו דער גרעניץ איז די קארעטע שוין געווען אריבער די גרעניץ.

די אינקוויזיציע לייט זענען אבער אויך אריבער די גרע־ניץ און אין פּאָרטוגאל האבען זיי דעריאגט די קארעטע. דאס געזעץ פון לאנד פערוועהרט אבער ארויסצוגעבען אנטלאָפע־נע סיידען זיי ווערען בעשולדיגט אין מאָרד. דאס איין יאָהר־ריגע קינד האט נישט געקענט ווערען ארויסגעגעבען.

זיי האבען אבער געפאָדערט פון דער רעגירונג זיי ארויס־צוגעבען דאס קינד ווייל די שפּאנישע אינקוויזיציע וויל עס טויפען. די זאך איז דערגאנגען צום קעניג און אז ער האט דערזעהן אז דאס קינד איז אן אברבנאל, האט ער זיך שטאַרק דערפרעהט, ער וועט נעמען נקמה אין דאָן יצחק אברבנאל און ער האט געזאגט:

— דאס קינד וועט נישט געהערען נישט צו די אידען און נישט צו דער שפּאנישער אינקוויזיציע. דאס קינד געהער צו מיר. ער איז אריינגעקומען אין מיין לאנד, איך וועל שוין וויסען וואס צו טאָן מיט איהם.

אויפ'ן קעניג דאָן יאאנא'ס בעפעהל האט מען געבראכט דאס קינד נאָך ליסאבאן און די אַם מיט דעם געטרייען בע־דיענטען צוריקגעשיקט נאָך שפּאניען. ווען זיי זענען געקומען נאָך טאָלעדא האבען זיי שוין נישט געפונען די אברבנאל'ס. זענען זיי געקומען צו מיר און מיר דערצעהלט אליץ וואס עס איז געשעהן.

איך בין געוואָרען אויפגעקאָכט אויף דאָן יאאנא'ן וואס געדענקט אזוי לאנג זיין שנאה צו דעם אומשולדיגען דאָן יצחק אברבנאל אז ער וויל זיך נוקם זיין אָן זיין אייניקעל. איך האב אבער נישט געגלויבט אז ער וועט טויטען דאס קינד. ער האלט ביי זיך דאס קינד פאר א משכון די עלטערן זאָלען קומען מיט זייער לעבען איהם אויסלייזען.

איך האב געוואוסט ווי ליעב די עלטערן האבען דאס קינד, און אז זיי וועלען געוואָהר ווערען וואס עס איז געשעהען, וועלען זיי פאָהרען נאָך פּאָרטוגאל און ברענגען אויף זיך א גרויס אומגליק, האב איך זיי דאס נישט געלאָזט וויסען. אין דעם שרעקליכען אומגליק וואס עס האט געטראָפען די אידען; וואס זענען געוואָרען צושפּרייט אויף אלע עקען וועלט, האָ־בען די אברבנאלס נישט געוואוסט וואס עס איז געשעהן און זיי האבען געמיינט אז דאס קינד געפינט זיך אין אידישע הענד.

— איך זאל דיר דערצעהלען די צרות און פיין וואס די ארויסגעטריבענע אידען זענען אויסגעשטאַנען — האט דאָן קאראנעל ווייטער גערעדט—וועלען מיר נישט האבען גענוג קרעפטען אויף דעם. איך און דו וועלען זיך שוין נישט גע־

פינען אויף דער וועלט און די געשיכטע פון די דאָזיגע ליי־דען וועט זיך נאָך אלץ נישט האבען געענדיגט. אלדאס בייז האט זיי געטראפען אויפ'ן וואנדער־וועג. וואו זיי האבען זיך געקערט און געווענדט זענען זיי אויסגעגאנגען פאר הונגער און דורשט; אין מגפות און דורך שווערד, זיי זענען גענומען געוואָרען געפאנגען! אלע פלאגען אויף דער וועלט האָבען זיי געטראָפען און זעהר א קליינע צאָהל איז איבערגעבליבען פון אונזערע פערטריבענע ברידער.

גוט איז נאָר געווען דאס ביסעל אידען וואס איז אנגע־קומען נאָך טערקיי. די טערקישע אידען האבען זיי אויפגע־נומען מיט גרויס ליעבע. דער סולטאן מיט זיין רעגירונג האָ־בען ארויסגעוויזען די פערטריבענע גרויס גענאָד. אבער זעהר ווייניג אידען זענען געפאָהרען נאָך טערקיי.

דאס גאנצע אומגליק האט זיך אויסגעגאָסען אויף די קעפּ פון די אידען וואס האבען איינגעוואנדערט צייטוויליג נאָך פּאָרטוגאל. די וואס האבען נישט בעוויזען צו פערלאָזען פּאָר־טוגאל אין צייט, און דער רוב איז נישט ארויסגעפאָהרען, זיי האבען מורא געהאט אויפצוזעצען זיך אויף די שיפען, וואס דאָן יאאנא האט פאר זיי אנגעגרייט, ווייל זיי האבען געוואוסט ווי די שיפסקאפּיטאנען האבען געמאַטערט די אלע וואס האבען זיך אוועקגעלאזט מיט די דאָזיגע שיפען פריהער.

באלד ווי די אכט חדשים זענען אריבער האט דער קעניג דאָן יאָאנא דערקלערט אלע איינגעוואנדערטע פאר שקלאפען. א טייל האט ער פערקויפט און א טייל אוועקגעשאָנקען צום אדעל פון לאנד. אלע קינדער פון דריי יאהר אלט ביז צעהן יאהר האט ער צוגענומען פון די עלטערן און אפּגע'שמד'ט און דערנאָך זיי פערשיקט אויף די טאמאש אינזלען וואו די מעהרסטע זענען אומגעקומען.

דאָס דאָזיגע אומגליק איז אויך געקומען איבער פערנאנ־דא און איזאבעלא'ן. דער פּאָרטוגעזישער קעניג דאן יאאנא האָט געהאט אן איינציגען זוהן, זיין קרוינפּרינץ דאן אפאנזא, וואָס האָט חתונה געהאט מיט פערנאנדא און איזאבעלא'ס טאָכטער דאנא איזאבעלא די צווייטע. זי האָט ווי איהר מוטער געהאסט אידען.

איינמאָל נאָך א באל האָט דער קרוינפּרינץ דאן אפאנזא

געריטען אויף א פערד און עס איז געקומען גאָט'ס שטראף. ער איז אראָפּגעפאַלען פון פערד און צובראָכען דאָס גניק און גע־בליבען טויט אויפ'ן אָרט.

פון דעמאָלט אָן איז דאָן יאָאנא ארומגעגאנגען פער־טרויערט און די יונגע אלמנה האָט איהם נאָך מעהר פער־ביטערט. זי האָט געזאָגט, אז גאָט האָט איהם געשטראָפט ווייל ער איז געווען גוט צו אידען. איהרע עלטערן האָבען איהם אויך געזאָגט דאָסזעלבע, האָט ער אויסגעלאָזט זיין צאָרניג הארץ צו די אידען און זיי שרעקליך פערפאָלגט.

---

דאָן יאָאנא האָט שוין לאַנג נישט געלעבט. די הויפלייט האָבען איהם פער'סמ'ט און זיין קרוב דאָן מענועל איז גע־וואָרען קעניג. דער נייער קעניג האָט זיך דערבארמט אין אָנ־פאנג אויף די אידען און בעפרייט די פערשקלאַפטע אידען. ער האָט אָבער זיך פערליעבט אין דער יונגער אלמנה דאָנא איזאבעלא און זי מיט איהרע עלטערן האָבען איהם געזאָגט, אז זי וועט נישט חתונה האָבען מיט איהם סיידען ער וועט ארויסטרייבען אלע אידען פון פּאָרטוגאל.

זיין ליעבע צו דער פרוי האָבען בעזיעגט זיינע מענשליכע געפיהלען און זיין חתונה מיט איזאבעלא די צווייטע איז גע'חתמ'עט געוואָרען מיט אידיש בלוט. ניין און צוואַנציג טאָג אין כסלו אין יאָהר רנ"ז האָט דאָן מענועל ארויסגעגעבען א גזרה אז אלע אידען פון פּאָרטוגאל מוזען זיך שמד'ען אָדער פערלאָזען דאָס לאַנד.

ער האָט זיי געגעבען צייט עלף חדשים צו פערענדיגען די געשעפטען און זיך גרייטען אין וועג אריין. ער האָט אָבער נישט געוואַרט ביז דעם טערמין. דעם זעלבען ווינטער האָט ער בעפוילען אלע בעאַמטע צו בעפאַלען פּלוצלינג די אידישע הייזער און פערנעמען אלע קינדער, אינגלעך און מיידלעך ביז פערצעהן יאָהר אלט און מיט געוואַלט זיי אָפּשמד'ען.

די בעאמטע זענען געווען שטרענגער. זיי האָבען געכאַפּט אויך צוואַנציג יאָהריגע בחורים און מיידלעך און געשלאָגען מערדערליך זייערע עלטערן, וואָס האָבען נישט געוואָלט אָפּ־געבען די קינדער.

די געפאַנגענע האָבען זיי געשלעפּט פאַר די האָר אין די

קירכעס און זיי גע׳שמד׳ט. די געוואַלדען און געשרייען האָ־
בען אויפגעציטערט די ערד. א סך עלטערן האָבען געטוי־
זייערע קינדער און דערנאָך זיך גענומען דאָס לעבען.

אָבער דער קעניג מיט זיין שפאַנישע פרוי האָבען נישט
געוואָלט וויסען פון קיין רחמנות. און אז די עלף חדשים זענען
אריבער האָבען זיי בעפוילען צו כאַפּען אויך די טאַטעס און
מאַמעס וואָס האָבען נישט בעוויזען צו פערלאָזען דאָס לאנד.
דאָס מיליטער האָט ארומגעלייגט שטריק אויף זייערע העל־
זער און ביי די האָר פון קאָפּ און ביי די בערד זיי געשלעפּט
אין די קירכעס און זיי אָפּגע׳שמד׳ט. נאָר די וואָס האָבען
זיך גענומען דאָס לעבען האָבען זיך געראַטעוועט פון שמד.

אינגיכען איז אָבער געקומען גאָט׳ס שטראָף אויך אויף
דער מרשעת איזאַבעלאַ די צווייטע. באַלד נאָכדעם איז זי
געגאַנגען צו קינד און געשטאָרבען אין קינפּעט.

גאָט׳ס שטראָף איז נישט געקומען בלויז אויף איזאַבעלאַ
די צווייטע, נאָר אויך אויף איהר פאָטער־מוטער׳ס גאַנץ
הויזגעזינד. זיי האָבען געהאַט אַן איינציגען זוהן און פיער
טעכטער. איז זייער קרוינפּרינץ, דער בן־יחיד זייערער גע־
שטאָרבען א פּאָר חדשים נאָך זיין חתונה, ווען ער איז גאָך
נישט אַלט געווען פולע זיבעצעהן יאָהר. דעם סוף פון זייער
עלטסטע טאָכטער איזאַבעלאַ ווייסטו דאָך. און איהר זוהן
וואָס זי האָט געהאַט און איהרע עלטערן פערנאַנדאָ און אי־
זאַבעלאַ האָבען איהם צוגענומען אויפצוהאָדעווען ער זאָל
ירשנ׳ען דעם טראָהן איז אויך יונגערהייט געשטאָרבען.

זייער צווייטע טאָכטער מערי האָט חתונה געהאַט מיט
איהר שוואָגער דאָן מענועל, איז זי אויך באַלד געשטאָרבען
אָהן א זוהן. זייער דריטע טאָכטער יאָאַנאַ האָט חתונה געהאַט
מיט פיליפּ דעם שעהנעם פון עסטרייך. זי האָט איהם שטאַרק
געליעבט און ער האָט זי נישט געקענט אָנקוקען, איז זי משוגע
געוואָרען פון אייפערזוכט און מען האָט זי גערופען די
משוגע׳נע יאָאַנאַ. די יונגסטע טאָכטער קאַטערינאַ האָט צום
ערשט חתונה געהאַט מיט דעם ענגלישען קרוינפּרינץ אַרטור
און נאָך זיין טויט האָט זי חתונה געהאַט מיט זיין ברודער
הענרי דער דריטער. זי איז איהם באַלד מיאוס געוואָרען און
ער האָט זי ארויסגעטריבען און גענומען אַנדערע ווייבער.

די צרות האָבען פערביטערט די בעטריבטע קעניגין איזאַ־בעלא, וואָס האָט פערלוירען איהרע אַלע קינדער און געהאַט פון זיי אזוי פיעל צער, דערפאר וויil זי האָט אזויפיעל אידי־שע מאַמעס געמאַכט בעטריבט איבער איהר פאַנאַטיזם און בייזקייט. זי איז געוואָרען געפעהרליך קראַנק און אין אַכט יאָהר שפּעטער נאָכדעם ווי זי האָט ארויסגעטריבען די אידען פון שפּאַניען, איז זי געשטאָרבען אין גרויסע, מורא׳דיגע יסורים.

איהר מאַן פערנאַנדא האָט חתונה געהאַט מיט א מיי־דעל. ער האָט געוואָלט האָבען א יורש פאר׳ן טראָהן. האָט איהם אָבער זיין עסטרייכישער איידים פיליפּ דער שעהנער געזאָגט, אז דער טראָהן געהער איהם, ווייל ער האָט א זוהן פון דער משוגע׳נער יאאַנא. אין כעס און מיט שאַנד האָט פערנאַנדא זיך געמוזט אומקערען אין זיין קליינע מלוכה אין אראַגאָניען, וואו ער האָט געהערשט איידער ער האָט חתונה געהאַט מיט איזאבעלא׳ן. מענשען וואָס ווייסען זאָ־גען אז ער וועט האָבען א בייזען סוף פון זיין ווייב. זי האָט איהם אין קנאַפּע צוויי יאָהר ארום טאַקי פער׳סם׳ט. כן יאבדו.

דער פּאָרטוגעזישער קעניג דאָן מעניעל האָט חרטה גע־האַט וואָס ער האָט געטאָן אזויפיעל שלעכטס צו אידען. און ער האָט ארויסגעגעבען א בעפעהל מען זאָל קיינעם נישט שטערען צו פיהרען זיך אין הויז ווי ער וויל, אבי ער האַלט אָפענערהייט קריסטענטום. דאָס איז געווען א גענאַד צו די אנוסים. ער האָט זיי געגעבען צוואַנציג יאָהר צייט צוצו־געוועהנען זיך צום קאַטאָליציזם.

דער בעפעהל האָט שוין אָבער נישט געהאַט קיין ווירקונג. די גלחים האָבען אָנגעפאַנגען העצען דאָס פעבעל אויף די אנוסים און איינגעפיהרט די אינקוויזיציע ווי אין שפּאַניען. דאָן מאַנועל האָט נישט געשטערט די גלחים צו משפּט׳ען די געכאַפּטע אנוסים. די אינקוויזיציע האָט אָבער געטאָן איהר ארבייט שטילערהייט. די צייט איז נאָך געווען צו פריה די אינקוויזיציע אין פּאָרטוגאַל זאָל קענען מאַטערן אין דער עפענטליכקייט די אנוסים.

איצט וועל איך דיר דערצעהלען וואס עס האט פאסירט מיט די אברבנאל׳ס אויף זייער וואנדערונג — האט דאן קאראנעל געזאגט צו יצחק׳ן:

— נאך דאן יצחק אברבנאל און זיין פאמיליע זענען א סך אידען געפאהרען נאך נעאפאל. אלע האבען געפונען זיכערע שוץ אונטער דעם גוטען פערדינאנדא דעם ערשטען, דער הערשער פון נעאפאל.

ווען דער שפאנישער קעניג האט דאס געוואהר געווארען האט דאס איהם פערדראסען און ער האט גע׳מוסר׳ט דעם נעאפאלער קעניג און איהם אויפגעפאדערט ארויסצוטרייבען אלע איינגעוואנדערטע און איהם אוועקגעבען זייערע פערמעגענס, ווייל די אידישע פערמעגענס זענען קאנפיסקירט געווארען אין קעניג׳ס אוצר.

דער נעאפאלער קעניג האט זיך אבער נישט אומגעקוקט אויף זיינע פאדערונגען און ער האט נאך בעשטימט דאן יצחק אברבנאל׳ן פאר זיין פינאנץ־מיניסטער און ראטגעבער.

ווען דער גוטער קעניג איז געשטארבען האט זיין זוהן אלפאנזא איהם אפגעגעבען גרויס כבוד. איז אבער געקומען א גרויס אומגליק פון פראנקרייך. דער קעניג קארל דער אכטער האט דערקלעהרט קריעג אלפאנזא׳ן און ער איז אנטלאפען נאך סיציליען. דאן יצחק אברבנאל איז איהם געבליבען דער איינציגער געטרייער פון אלע זיינע מיניסטארען און אונטערטאנען. דאן יצחק אברבנאל איז מיט איהם מיטגעלאפען און דורכגעגאנגען אלע מאטערנישען, וואס זיין קעניג האט זיך געמאטערט אין מעסינא, ביז אלפאנזא איז קראנק געווארען און געשטארבען.

ווען נעאפאל איז אריינגעפאלען אין שונא׳ס הענד, איז אברבנאל׳ס הויזגעזינט צושפרייט געווארען אויף אלע זייטען. איבער דעם שפאנישען קעניג, וואס איז געוועזן איינער פון די בעזיעגער פון לאנד האבען די איינגעוואנדערטע אידען געמוזט אנטלויפען. דאן יצחק אברבנאל איז איינער אליין אוועק נאך קארפו. דארט האט ער אן עלענטער פארבראכט אכט יאהר און געזעסען און געלערנט און געמאכט א סך ספרים.

שפּעטער האָט זיין צווייטער זוהן דאָן יוסף אברבנאל זיך בעזעצט אין וועגעציע און באַלד געוואָרען בעריהמט אלס גוטער דאָקטאָר. זיין פאָטער דאָן יצחק איז געקומען צו איהם און דאָרט געלעבט בשלום. די הערשער פון לאַנד האָ־בען זיך אָפּט בעראַטען מיט איהם און מיט זיין עצה און פערמיטלונג איז געשלאָסען געוואָרען דער בונד צווישען וועגעציע און פּאָרטוגאל.

נאָכדעם ווי די פראַנצויזען האָבען איינגענומען נעאַפּאַל האָט דאָן יהודה אַברבנאל זיך בעזעצט אין גענוא. ניין יאָהר האָט ער דאָרט געוואוינט אין שטענדיגען טרויער אויף זיין פערלוירען קינד. זיין פרוי האָט נישט אויפגעהערט וויינען און בעקלאָגען איהר איינציג קינד.

דאָן יהודה האָט אָבער דערהערט אז זיין פאָטער דאָן יצחק איז בעשטימט געוואָרען צו זיין דער פרידענס־פער־מיטלער צווישען וועגעציע און פּאָרטוגאל, איז ער אַוועק נאָך וועגעציע, אפשר וועט ער פון די פּאָרטוגעזישע פערטרעטער געוואָהר ווערען וואָס עס איז געוואָרען פון זיין קינד.

ער האָט פון זיי זיך דערוואוסט דעם גאַנצען ביטערן אמת. אז אלע אידישע קינדער זענען געוואָרען אפּגע־שמד׳ט. דאָן יהודה האט דעמאָלט אנגעשריבען א שטאַרק קלאָג־ליעד אויף זיין זוהן און איהם אין ראַזיגען ליעד אויפ־געפאָדערט צו געדענקען זיין שטאַם, ער זאָל אין הארצען ליעב האָבען די אמונה פון זיינע עלטערן און היטען די תורה פון זיין גאָט.

דערווייל האָט דאָס שפּאַנישע מיליטער פערנומען נעאַ־פּאַל און דער שפּאַנישער פעלדמארשאל גאָנזאַלאָ דע קאָר־דאָווא איז בעשטימט געוואָרען אלס הערשער פון נעאַפּאַל. דאָן יהודה אברבנאל איז געוואָרען דעם הערשער׳ס לייב־דאָקטאָר און שטאַרק בעליעבט אין הויף.

האָט דאָן יהודה מיר געשריבען — האָט ווייטער דער־צעהלט דאָן קאַראַנעל — איך זאָל זעהן קריגען א שליחות פון מיין קעניג צו דאָן גאָנזאַלאָ דעם הערשער אין נעאַפּאַל, מיר זאָלען זיך קענען זעהן און דורכרעדען.

איך האָב שוין לאַנג געגאַרט צו זעהן מיין שוועסטער און שוואָגער און איך האָב גע׳פּועל׳ט דער קעניג זאָל מיך

שיקען נאָך נעאפּאל העלפען איינאָרדנען די טאקסעס פון לאַנד. איך האָב געהאַט גרויס פרייד ווען איך האָב דערזעהן ווי מיין שוואָגער איז אנגעזעהן ביי דאן גאנזאלא, דעם שפאַנישען וויצע־קעניג. מיין טרויער איז אָבער געוועז נאָך גרעסער ווען ער האָט מיר דערצעהלט אז מיין שוועסטער הערט נישט אויף צו קלאָגען אויף איהר פערלוירען קינד.

און דעריבער האָט ער זי איבערגעלאָזט אין ווענעציע און געקומען נאָך נעאפּאל, ער זאָל מיך קענען זעהן און מיר זאָלען צוזאמען אויסארבייטען א פּלאן ווי צו געפינען זיין פערלוירען קינד.

איך האָב איהם געגעבען א שבועה אז איך וועל זעהן צוצוקומען אין פּאָרטוגעזישען קעניגל־כען הויף און אויפ־זוכען זיין פערלוירען קינד. איך וועל נישט פערלאָזען ליסא־באָן ביז איך וועל איהם אויסגעפינען. עס איז געבליבען ביי אונז דאן יהודה זאָל ווייטער זיין אין נעאפּאל ביז איך וועל איהם לאָזען וויסען פון זיין פערלוירענעם זוהן.

באַלד ווי איך האָב זיך אומגעקערט נאָך טאָלידאָ האָב איך גע'פּועל'ט ביים קעניג ער זאָל בעשטימען אויף מיין שטעלע מיין פריינד דאן פערנאנדא דע סאנט אנגעל, אן אנוס און מיך זאָל ער שיקען אלס קאָנסול נאָך ליסאבאָן.

ווי איך בין געקומען אהער נאָך ליסאבאָן האָב איך אָפּגעקויפט דעם פּאַלאַץ וואו מיר וואוינען איצט. ער האָט געהערט צו דאן יצחק אברבנאל. איך האָב געוואוסט דעם סוד פון דער פערבאָרגענער הייהל וואו דאן יצחק האָט גע־האַט בעהאַלטען זיינע יחוס־בריעף, די "זכרונות לבית דוד", זיינע ספרים און צירונג, ווען ער איז אנטלאָפען איבער דעם קעניג דאן יאאנא.

די אַלע זאַכען ליגען איצט ביי מיר ביז איך וועל געפינען דאָן יהודה'ס קינד. וועט מיר געלינגען איהם אומצוקערען צום יודענטום וועט אַלץ געהערען צו איהם. אויב נישט, וועל איך אַלץ איבערשיקען צו דאן יצחק אברבנאל אָדער צו זיינע יורשים.

---

— וואָס איז געוואָרען פון אייער אומגליקליכע שוועס־טער? — האָט דאס יונגעל יצחק געפרעגט דאָן קאראנעל'ן

— וואו איז זי נאכדעם ווי איהר קינד האָט זי פערלוירען און איהר מאַן האָט זי איבערגעלאָזט?

— איך ווייס נישט וואו זי איז — האָט דאַן קאראנעל איהם געענטפערט — זי איז אויך אוועק פון ווענעציע און נישט געזאָגט וואו זי פאָהרט.

דאַן קאראנעל האָט ביטער געזיפצט און ווייטער דער־צעהלט:

— איך בין שוין צוויי יאָהר אין ליסאבאָן. דאָס ערשטע יאָהר האָב איך געמיהט זיך אומזיסט און נישט געקענט קו־מען אויף די שפורען פון דעם פארלוירענעם קינד. ביז איך האָב זיך בעקאַנט מיט דעם טאקסעס ארענדאטאר דאָן ראָד־ריגא, א מאראן, וואָס איז פון די רייכסטע לייט אין ליסאַ־באָן. די אנוסים האָבען איהם נישט ליעב, ווייל ער גרויסט זיך מיט זיין רייכטום. די גוים האסען איהם ווייל ער דריקט זיי. מיר האָט ער אָבער געהאָלפען.

אויף זיין פערלאַנג האָט מען געעפענט פאַר מיר אלע ביכער וואו עס זענען פערשריבען די נעמען פון די אידען וואָס זענען געוואָרען אָפגע׳שמד׳ט אין דער צייט פון קעניג דאַן מאַנועל. די נעמען זענען פערשריבען לויט אלפאבעט און געפינען זיך אין רעגיערונגס־ארכיוו.

מיר האָבען געזוכט דעם נאָמען "יצחק אברבנאל", אַזוי איז דער נאָמען פון פערלוירענעם קינד. און מיר האָבען נישט געפונען. איך האָב שוין באַלד אויפגעגעבען די האָפנונג און מיין הייליגע מיה וועט געלינגען.

נאָך האָט מיר אָבער אריינגעגעבען אין זינען איך זאָל אויך זוכען אין די ביכער פון קעניג דאָן יאָאנא. אפשר האָט ער אָפגע׳שמד׳ט דאָס קינד, ער זאָל זיך נוקם זיין אָן אברבנאל׳ן. און איך האָב געפונען זיין נאָמען. אלץ וואָס ס׳איז געווען פערשריבען וועגען איהם האָב איך אָפגעשרי־בען אויף לשון קודש אין מיין טאַשענביכעל. אָט האָסטו עס לייען איבער.

פון דער ערשטער רגע וואָס דאָן קאראנעל האָט אָנגעהויבען רעדען צום אינגעל וועגען דער אברבנאל פאמיליע, האָט איהם דאָס הארץ געזאָגט, אז דאָס האָט א שייכות צו איהם. איצט איז ער געוואָרען נאָך נייגעריגער און געוואָרפען זיך

ראשיג צום ביכעל, וואָס ער האָט דערקענט אז דאָס האָט דער הערר געהאַלטען אין האנד, ווען מען האָט איהם ארויסגע־נומען פון תפיסה.

ער האָט געציטערט ווי א פיש און איבערגעלייענט די ד'אָזיגע ווערטער:

„י צ ח ק, דעם אידישען דאָקטאָר לעאָן אברבנאל'ס זוהן, א יאָהר אַלט. גע'שמד'ט אום דאָנערשטאָג, אכט א'ן צוואַנציג טאָג אין יוני, אין יאָהר 1492. אויפ'ן קעניג'ס בעפעהל איז ער אוועקגעגעבען געוואָרען צו דער אם באַר־בארא, אנטאָניאָ גאָנזאַלעס דעם פישער'ס ווייב. דער פי־שער מיט זיין ווייב זענען געווען זיינע טויפ־עלטערן. דער מאַנאַך־גלח יאָאַנא האָט איהם געטויפט. זיין נאָמען וועט איצט זיין יאָאַנא, נאָך דעם גלח, און אַנטאָניאָ, נאָך זיין טויפ־פאָטער, און זיין פאמיליען־נאָמען — בארנאל, פער־קירצט פון אברבנאל".

ווען יצחק האָט איבערגעלייענט די פאָר שורות האָ־בען טרערען גערונען איבער זיינע באקען און ער האָט נישט געקענט אויפהערען וויינען. עס איז אָבער געווען א געוויין פאר פרייד. פלוצלונג איז ער געוואָרען דערהויבען. פון דעם פישער מארק, וואו ער האָט געדענקט אז ער שטאַמט, איז ער דערהויבען געוואָרען צו זיין אַ קעניגליך קינד. זיינע עלטערן און קרובים זענען די גרעסטע לייט. זיי שטאַמען פון מלכות בית דוד. אין זיין וואוילטעטער וואָס האָט איהם געראַטעוועט איז זיין לייבליכער פעטער, דער ברודער פון זיין אומגליקליכע מאמע, וואָס טרויערט נאָך איהם שוין דרייצעהן יאָהר.

— פעטער! מיין אויסלייזער! — האָט יצחק א גע־שריי געטהאָן און געפאַלען אויף זיין האלז. ער האָט גע־וואָלט עפעס זאָגען, ער האָט אָבער נישט געקענט ארויס־ריידען א וואָרט. די טרערען זענען אבער געלאָפען אומגע־שטערט און נאָס געמאַכט זיין פעטערס האַלז. דאָן קאָראָ־נעל האָט אויך שטארק געוויינט און איהם געהאַלזט און געקושט.

ווען זיי האָבען זיך אביסעל בערוהיגט האָט דאָן קאָ־ראָנעל זיך אָנגערופען:

— איך האָב נאָך נישט דערפילט מיין מיסיע. איך האָב ביי מיר דאָס קלאָג־ליעד וואָס דיין טאַטע האָט גע־שריבען אויף דיר און פאַר דיר. צוויי יאָהר האָלט איך עס ביי מיר גרייט דו זאָלסט עס איבערלייענען ווען דו וועסט זיך דערוויסען דעם סוד פון דיין שטאַם. לייען, וועסטו וויסען ווער עס איז דיין טאַטע.

דאָס קלאָג־ליעד האָט געוויינט אויף דעם אידישען בראָך, אויף דעם גירוש וואו קינדער זענען אָפּגעריסען געוואָרען פון זייערע עלטערן; אויף גזרת שמד און אויף זיין פער־לוירען קינד. ער בעט איהם זיך אומקערען צום שורש, צו ווערען א איד און געהן אין וועג פון זיינע עלטערן.

באַלד ווי ער האָט געוואָהר געוואָרען אז ער איז גע־בוירען געוואָרען א איד, האט ער דערהערט א שטימע אין הארצען רופען:

— ווער א איד! זיי א איד!

און איצט, ווען ער האָט איבערגעלייענט זיין פּאָטער'ס קלאָג־ליעד איז די שטימע געוואָרען נאָך שטאַרקער. ער האָט געהערט זיין פאָטער'ס זיפצען, ער האָט געזעהן זיין מאמע'ס אונאויפהערליכע טרערען. ער האָט געזעהן דעם אלטען שר, זיין זיידע דאָן אברבנאל און הינטער איהם אלע זיידעס ביז דוד המלך שטעהן און רופען צו איהם:

—— קום צו אונז! דו ביזט אונזערער!!

א פרישער שטראָם טרערען האט ארויסגעזעצט פון זייע־נע אויגען און ער האָט אויסגעשריגען:

— איך בין אייערער! עלטערן מיינע, איך בין אייע־רער אויף אייביג!

---

דאָן קאראנעל האָט איהם איבערגעלאָזען אליין אין דעם הייליגען מאָמענט. ער האָט זיך אָבער נישט געפיהלט עלענט אליין. די גייסטער פון זיין גרויסער משפחה, פון מלכות בית דוד, האָט ער געפיהלט ארום זיך. זיי האָבען ארויסגעקוקט אויף איהם פון די יחוס־בריעף און פון פאָ־טער'ס קלאָג־ליעד. מיט טרערען אין די אויגען האָט ער ארויפגערעדט זיין בימער הארץ פאר זיי. ער האָט היים געקושט די יחוס בריעף, וואָס האָבען איהם צוריק געבראַכט

צום גאָט פון זיינע עלטערן. ער האָט אויפגעהויבען די הענד און געשוואוירען אז ער וועט זיין א געטרייער איד.

נאָך דער שבועה האָט ער דערפיהלט ווי די הייליגע גייסטער פון זיינע עלטערן האָבען איהם אויפגעהויבען הויך, הויך ביז צום הימעל. ער האָט דערפיהלט אין זיך א נייען גייסט, דעם העכסטען אויף דער וועלט, דעם פעסטען אידישען גייסט, וואָס האָט אין זיך דעם כח פון אייביגקייט און א געטליכע קראַפט און דורך דעם גייסט איז דער איד אייביג.

דאָן קאַראַנעל'ס פרייד איז געווען אָהן א גרענעץ, זעהענדיג די ענדערונג אין זיין פלימעניק. ער האָט איהם אָבער נישט געוואָלט גלייך אוועקפיהרען צו זיינע עלטערן. פריהער מוז ער קענען די אידישע דינים און מנהגים. אליין פאָהרען האָט דאָן קאַראַנעל איהם נישט געוואָלט לאָזען, ווייל דער וועג איז א שווערער. דאָן קאַראַנעל האָט נישט געוואָלט פריהער אוועק ביז ער וועט פערקויפען דעם פאַלאַץ און אויף א זיכערען וועג ארויספיהרען דאָן יצחק אברבנאל'ס ספרים, די יחוס־בריעף און דאָס בעהאלטענע גאָלד און זילבער.

— מוזט נאָך ווארטען, מיין קינד — האָט דאָן קאַראַנעל איהם דערקלערט — איך מוז דאָס אלץ טאָן זעהר פאָרזיכטיג, די גוים זאָלען מיך נישט פערדעכטיגען.

יצחק האָט מסכים געווען צו בלייבען. דער פעטער האָט איהם אָנגעזאָגט צו זיין פאָרזיכטיג מען זאָל נישט אויסגעפינען די ענדערונג אין איהם. ער וועט זיך מאַכען אומגליקליך און ברענגען אַן אומגליק אויף אלע אנוסים.

עס איז געווען אונמעגליך פאַר די אנוסים אָפּצוהיטען אידישקייט ווי א איד. דערפאַר האָבען זיי א סך מצוות נישט אָפּגעהיט. זיי האָבען זיך נאָר אָפּגעהיט פון עברות, אויסער עטליכע מצוות וואָס זיי האָבען געהאלטען פאַר די וויכטיגסטע אין אידישקייט האָבען זיי בעמיהט זיך אָפּצוהיטען.

זיי האָבען אָפּגעריכט פסח דעם סדר און געזאָגט כל נדרי אום יום כפור. דאָס האָבען זיי געטאָן קליינע גרופּעסווייז, צו מנין, און פערבאָרגענהייט. אין די פערבאָרגענע פּלעצער זענען זיי זיך צוזאַמענגעקומען און איינער דעם

אנדערן צוגעגעבען מוטה און פעסטקייט צו האַלטען אידיש־קייט.

— מיר האָבען אויך אזא פערבאָרגען פּלאַץ — האָט איהם דער פעטער געזאָגט — די הייהל אין פּאַלאַץ. היי־יאָהר, די ערשטע סדר־נאַכט, וועלען מיר זיך צוזאַמענקומען און אָפּריכטען דעם סדר. מיר וועלען האָבען א בעסערען יום־טוב ווי ביז איצט. פריהער האָט מען געגעסען רייז. דעם פסח וועלען מיר האָבען מצות, געבאַקענע אין אויווען וואָס מען האָט אוועקגעשטעלט אין הייהל. זאָל גאָט געבען, מיין טאָכטער זאָל וועלען זיין א אידיש קינד און זיך פרעהען מיט אונזער יום טוב. איהר קומען זאָל נישט זיין קיין אומ־גליק פאַר אונז!

ווען דאָן קאַראָנעל האָט געזאָגט די לעצטע ווערטער האָט ער שווער געזיפצט און געוואָרען אנטשוויגען.

— פון וואַנען, פעטער, קומט דיין טאָכטער, וואָס דו האָסט מורא פאַר איהר?

— זי וויים פון גאָרנישט — האָט דאָן קאַראָנעל איהם ערקלערט — זי איז אַלט געווען א יאָהר ווען די גזרה איז ארויס אין שפּאַניען. אַלע אידען זענען געוואָרען ארויס־געטריבען, און מיר, איהרע עלטערן, זענען איבערגעבליבען. מיר האָבען אָנגענומען די הערשענדע רעליגיע. און די פיער יאָהר וואָס זי האָט זיך געפונען אין אונזער הויז, האָט זי נישט געזעהן קיין סימן פון אידישקייט. ווען זי איז אַלט געוואָרען פינף יאָהר איז געשטאָרבען מיין פרוי, איהר מו־טער. די קעניגין איזאַבעלאַ האָט רחמנות געהאַט אויף מיין יתומה און זי גענומען אונטער איהר שוץ. זי האָט זי אריינגעגעבען אין אריסטאָקראַטישען מאָנאַסטיר סאַנט ארזאלא, וואו עס האָדעווען זיך די טעכטער פון אַדעל.

זיבען יאָהר צייט שטעהט זי אונטער'ן איינפלוס פון די קאַטאָלישע נאָנעס, וואָס ערציהען זי אַלס פרומע קריסטין. איך האָב זי זעלטען געזעהן. נאָר אין זייערע האָגעס, ווען זיי לאָזען אריין די עלטערן און קרובים פון די מיידלעך אין מאָנאַסטיר צו זעהן די קינדער אין אַלגעמיינעם זאַל, וואו מען קען נישט אויסרעדען א הארציג וואָרט.

די גאַנצע צייט טאָרען די מיידלעך נישט ארויסטרעטען

פון מאָנאַסטיר אויף אַ רגע און קיינער טאָר נישט אריינגעהן אין די מאָנאַסטיר צימערן. ביז צוועלף יאָהר טאָרען זיי נישט זעהן קיין מאַנסביל. דערנאָך נעמט מען זיי אין לעהר־אינ־סטיטוט וואָס טראָגט דער קעניגינס נאָמען און איז לעבען איהר פאַלאַץ. דאָרט לערנען זיי וועלט־זאַכען צוויי יאָהר.

ווען זיי ווערען אין פופצעהנטען יאָהר האָבען זיי דאָס רעכט אויסצוקלייבען איינס פון די ביידע: אָדער זיי געהען אהיים צו די עלטערן אָדער זיי ווערען אריינגענומען אין קעניגליכען הויף און ווערען אַ הויף־פריילין. די מיידלעך וואָס ווילען בלייבען נאָנעס קערען זיך אום אויף אַ יאָהר אין מאָנאַסטיר און קומען אַרויס פאַרטיגע נאָנעס וואָס שיי־דען זיך אָפּ פון לעבען.

מיין טאָכטער איז אריינגענומען געוואָרען אין דעם דאָ־זיגען מאָנאַסטיר צו מיין אומגליק. איך בין אויסגעגאַנגען פאר ווייטאָג צו זעהן ווי מיין קינד ווערט אָפּגעריסען פון מיר. זי וועט נישט קענען איהרע ברידער, וועט נישט וויסען פון גאָט, פון איהרע עלטערן. באַלד וועט זי פערגעסען איהר פאָטער און שטאַם.

אהיימנעמען זי פאר דער צייט האָב איך מורא געהאַט, דאָס זאָל נישט ווארפען א חשד אויף מיר און זיי וועלען מיך אומברענגען. נאָר איין זאך האָב איך יא געטאָן: די גאַנצע צייט, וואָס זי איז געווען אין מאָנאַסטיר, האָב איך אלע מאָל ווען איך בין זי געקומען זעהן, זי בעשוואוירען זי זאָל זיך נישט לאָזען צורעדען פון די נאָנעס צו ווערען אַ נאָנע און זיך אָפּשיידען פון לעבען. איך האָב כסדר דערוועקט אין איהר שטארקען חשק צום לעבען.

גאָט־צו־דאַנקען, זי האָט פערשטאַנד. זי האָט בעסער אויסגעקליבען צו קומען אהיים צו מיר איידער צו ווערען אַ הויף־פריילין און צו קאָנקורירען מיט די הויף־פריילינס פאר דער ליעבע פון מענער. איהר אויסוואהל גיט מיר האָ־פענונג, אז איך וועל געווינען מיין טאָכטער פאר מיין גאָט און פאָלק. אויב דו וועסט מיר העלפען אין דעם. זאָלסט טאָן פאר מיין טאָכטער דאָס וואָס איך האָב געטאָן פאר דיר. זי איז שוין געוואָרען פערצעהן יאָהר. זי האָט שוין געענדיגט איהר לערנען און באַלד וועט זי קומען צו אונז. מיין פריינד

דאן ראדריגא איז איצט אין שפּאַניען, ער וועט מיטברענגען מיין טאָכטער גראציא, זאָל גאָט העלפען זי זאָל זיין צופרידען מיט מיין הויז און זאָל מיר ברענגען די אמת'ע טרייסט!

— זיי זיכער, פּעטער, אז מיט מיין גאנצען הארצען וועל איך ווירקען אויף דיין טאָכטער דאנא גראציא, וואָס איז מיין שוועסטערקינד. זאָל גאָט געבען איך זאָל געפינען חן אין איהרע אויגען, וועל איך שוין ווירקען אויף איהר און זי וועט זיין מיט אונז!

— דו קענסט א סך ווירקען, מיין קינד, ביזט מיט איהר אין איין עלטער, פערשטעהט איהר זיך בעסער. זאָל גאָט זיין אין דיין הילף און דורך דיר זאָל קומען מיין טרייסט. איך זאָל בעקומען צוריק מיין רוה וואָס איך האָב פערלוירען דעם טאָג ווען איך האָב געפאָלגט די קעניגין און פערראטען מיין גאָט! — האָט דאן קאראנעל געזאָגט.

— גאָט וועט דיר דאָס מוחל זיין, פּעטער, דו האָסט עס געטאָן פאר דיין פאָלק, די קעניגין זאָל זיך אן איהם נישט נוקם זיין.

— גאָט איז גערעכט. זיין פאָלק איז גערעכט, איך בין אומגערעכט, וואָס איך האָב אָנגענומען דעם פאַלשען וועג. זאָל איך נאָר נישט האָבען קיין צער פון מיין טאָכטער!

— פּעטער, ווערסט נישט האָבען קיין צער פון דיין קינד. אזוי ווי דו האָסט מיך אומגעקערט צו מיינע עלטערן אזוי וועט גאָט אומקערען דיין קינד צו דיר. שפּעטער וועלען מיר פאָהרען צו מיינע עלטערן און דינען אונזער גאָט אָפענעוהייט.

— אמן! — האָט דאן קאראנעל געזאָגט און זיך אויפגעהויבען. יצחק האָט גענומען זיין האנד אין געקושט היים און דאנקבאר. דאן קאראנעל האָט איהם ארומגענומען און גערדיקט צום הארצען און זיי זענען געגאנגען צום טיש עסען נאכטעסען. דאן קאראנעל האָט איהם געלערענט זאָגען "שאו ידיכם" און מאכען די ברכות. נאָכ'ן עסען האָבען זיי געבענטשט און זיך הארציג צוקושט און געגאנגען זיך לייגען. עס האָט שוין אָנגעהויבען טאָגען.

---

יצחק האָט נישט געקענט צוטאָן מיט אן אויג. די צרות

פון זיינע עלטערן, זיין פאָלק און פון זיין פעטער האָבען איהם נישט געלאָזט איינשלאָפען. ער האָט אויך געטראַכט א סך וועגען זיין פעטער'ס טאָכטער וואס מען ווייס נישט צי זי וועט וועלען זיך אומקערען צו איהר פאָלק.

אין דער פריה איז געוואָרען א טומעל אין הויז. די דינער האָבען געאַרבייט אין פּאַלאַץ איהם אויסצופּוצען פאַר זייער הערר'ס טאָכטער. דאָן קאַראַנעל האָט אכטונג געגעבען און זיי געלערנט וואָס צו טאָן.

יצחק האָט זיך גוט ארומגעקוקט אין פּאַלאַץ און זיך נישט געקענט אָפּוואונדערן. באַלד ווי ער איז דאָ אָנגעקומען האָט ער זיך געוואונדערט אויף דעם גרויסען רייכטום. ער האָט אבער נאָר געהאט געזעהן א טייל דערפון. איצט האט ער אויסגעפונען א סך מעהר. דער פּאַלאַץ האָט אויסגעזעהן ווי א וואונדערליכער לאַבירינט, א כשוף־פּאַלאַץ, פון די אריענטאַלישע קעניגען.

דער פּאַלאַץ האט געהערט צו זיין זיידע. דאָ האט געוואוינט דאָן יצחק אברבנאל מיט זיין פאַמיליע. דאָס האַרץ האָט געוויינט אין איהם וואָס עס איז געוואָרען פון זיין זיידע און דער פאמיליע. ווער ווייס צי זיין פעטער'ס גורל וועט זיין בעסער. דאָן קאַראַנעל האָט דערפיהלט זיינע געדאנקען און ער האָט איהם געזאָגט:

— מיין קינד, רייכטום איז גאָרנישט ווערט. עס איז נאָר א גוטער חלום וואָס פערפליהט. ווי גוט עס איז ווען מען ווייס דעם בעשייד פון חלום. אָבער דאָס איז אויך א נאַרישקייט. אָבער דערווייטערן זיך פון דאָזיגען לעבען־נאַרישקייט דאַרף מען נישט. אז מען לעבט דאַרף מען לעבען.

איך וועל דיך היינט נעמען צו מיינעם א חבר, אין טאַנץ־הויז פון דעם הערר לאַרענטא. וועסט זיך לערנען זינגען און שפּיעלען מאַנדאַלינע און טאַנצען. דו ביזט פעהיג. וועסט זיך אויסלערנען גיך. מיין טאָכטער וועט דיר העלפען. זי האָט ליעב שפּילען, זינגען און טאַנצען. ווייל איך דערפאַר דו זאָלסט זיין איהר חבר איידער די גוים. וואָס וועלען זיך גלייך יאָגען נאָך איהר, ווען זיי וועלען דערזעהן איהר שעהנקייט, פון איהר פערמעגען ווייסען זיי דאָך.

יצחק האָט זיך שוין נישט געקענט דערוואַרטען אויף גראַציא'ן. טאָג און נאַכט האָט ער געטראַכט פון איהר.

---

עס איז אַוועק אַ מאָנאַט. יצחק האָט זיך געלערנט שפּי־לען און טאַנצען. און דאָנא גראַציא, די וואונדערליכע, איז געקומען.

עס איז געווען אָנהויב אָדר. עס האָט שטאַרק גערעגענט. פאַרנאַכט איז געוואָרען שעהן און וואַרים. דאָנא גראַציא איז אָנגעקומען געפיהרט פון דאָן ראָדריגא מיט זיין זוהן דאָן אַלאַנזאָ. דאָן קאַראַנעל האָט אַריינגעפיהרט זיין טאָכטער אין איהרע צימערן, זי זאָל זיך איבערטאָן. ער האָט זי איבער־געלאָזט מיט דער אַלטער דינסט און ער איז אַרויסגעקומען.

ער האָט האַרציג געדאַנקט דאָן ראָדריגא'ן וואָס ער האָט איהם געבראַכט די טאָכטער און ער האָט פאָרגעשטעלט יצחק'ען פאַר איהם מיט דאָן אַלאַנזאָ'ן, וואָס איז אַקעגען געפאָהרען זיין פאָטער ביז דער גרעניץ אין די לעצטע צוויי טעג געפאָהרען אינאיינעם מיט דאָנא גראַציא.

דאָן אַלאַנזאָ איז אַלט געווען דריי און צוואַנציג יאָהר. הויך און דאַר מיט גרויע אויגען און שוואַרצע לאָקען. אַ שמאָלען טיעפען שטערען און אַ לאַנגע נאָז מיט אַ האָרב. ער האָט געהאַט אין זיך געמישט בלוט. דער פאָטער איז געווען אַ מאַראַן און די מוטער — אַ קריסטין. ער האָט זיך שטאַרק געגרויסט מיט זיין רייכטום און צופיעל זיך בעריהמט מיט זיין נייע גלויבען.

ער איז געווען אַן אָפטער איינגעהער ביי דאָן קאַראַנעל, נאָר יצחק האָט איהם נישט געזעהן פריהער, ווייל דאָן קאַראַ־נעל האָט איהם געהייסען זיצען שטענדיג אין זיין צימער. ער האָט איהם נאָר מיטגענומען מיט זיך שפּאַצירען אין גאַרטען.

דאָנא גראַציא איז אַרויסגעקומען אַן איבערגעטוענע. זי איז געווען איין איין עלטער מיט יצחק'ן, אין פופצעהנטען יאָהר. עס איז אָבער געווען אַ גרויסער אונטערשיעד צווישען די צוויי שוועסטערקינדער. נישט אין שעהנקייט. ביידע זע־נען געווען וואונדערליך שעהן. נאָר אין רעדען און האַלטונג.

זי איז געווען אזוי וואויל־געלערנט און גערעדט אזוי שעהן און קלוג בערעכענט.

ער איז נאָך געווען א יונגעל און זי איז שוין געווען א דערוואקסענע פריילין ווי א רויז וואָס האָט זיך צובליהט. ער האָט זיך דערפיהלט געפאַלען קעגען איהר. ער האָט געזעהן ווי דאן אלאנזא האלט זיך מיט איהר ווי א נאָהענטער חבר און עס האָט איהם וועה געטאָן. ווי ער איז געשטאַנען צעטומעלט, האָט דאן קאראנעל איהם אָנגענומען פאר׳ן האנד און איהם פאָרגעשטעלט פאר זיין טאָכטער, זאָגענדיג:

— דאָס איז מיין שוועסטער׳ס זוהן יאאנא אנטאניא, וואָס איך האָב א ביסעל גערעדט מיט דיר וועגען איהם. האָב איהם האָלד, מיין טאָכטער, ער איז אונזער בלוט און פלייש.

— קום אהער, שוועסטערקינד — האָט דאנא גראציא געזאָגט ליעבליך — לאָמיר זיך צוקושען, ביזט דאָך מיינער א ברודער, זאָגט מיין טייערער טאַטע!

— איך פערדין נישט אזוי פיעל עהרע און גענאָד — האָט ער געזאָגט און געקושט איהר האנד. זי האָט איהם געקושט אין מויל און געהאַלטען לעבען זיך. זיין פנים האָט אויפגעפלאַמט.

— הלואי וואָלט איך געווען אייערער א קרוב — האָט געזאָגט דאן אלאנזא — איך שווער ביים הייליגען פעדרא דע אלאקאנטארא, אז א מענש מיהט זיך יאָהרען און קריגט נישט דאָס וואָס אן אנדערער קריגט אין א רגע אומערוואַרטעט. אוי, ווי א וואונדער, הייליגער אנטאניא דע אסטרעלא, דער בחור פלאַמט ווי ער וואָלט געוואוסט דעם ווערט פון די קושען פון אזא שעהן איידעל מיידעל!

יצחק איז געוואָרען שטארק צוטומעלט. גראציא האָט זיך איינגעקוקט אין איהם און געשמייכעלט.

דאן אלאנזא האָט ווייטער געמאַכט איהר קאָמפּלימענטען און כסדר דערמאָנט זיינע נייע "הייליגע". גראציא האָט קוים איינגעהאַלטען א געניץ בעווייזענדיג אז דער שמועס איז איהר אומאינטערעסאנט. האָט דאן קאראנעל געזאָגט:

— איך זעה, טאָכטער מיינע, אז דו ביזט מיעד פון דער רייזע. פערזוך עפּעס און וועסט זיך דערנאָך צולייגען.

— הייליגער אנאדע קאמפּאסטעללא! — האָט דאן

אלאנזא זיך געשטעלט אויף די קניה פאר איהר און דער־לאנגט א זילבערנע טאץ מיט צוויי גאלדענע בעכערלעך — איידער איהר געהט אוועק טרינקט א ביסעל וויין אדער זאפט.

זי האט פערזוכט א ביסעל זאפט און דאן אלאנזא איז געבליבען שטעהן אויף די קניה ביז זי האט צוריק געלייגט דאס לעפעלע. דערפרייט איז ער אויפגעשפרונגען און צוריקגעשטעלט די טאץ אויפ'ן טיש.

— טאטע, איך בין ניט שלעפעריג. איך האב אזוי גע־בענקט נאך דיר ! — האט גראציא געזאגט — מיר וועלען בעסער שמועסען א ביסעל.

— לאמיר געהן — האט געזאגט דאן ראדריגא צו זיין זוהן דאן אלאנזא — לאמיר נישט שטערן דעם פאטער מיט זיין טאכטער אין זייער פרייד.

— ביזט גערעכט, טאטע — האט געזאגט דאן אלאנזא אויפשטעהענדיג אומוויליג — אבער, הייליגער ליקאר, איך האב עפים צו רעדען מיט דאנא גראציא. מארגען איז דער לעצטער טאג פון קארניוואל. באלד וועט מען נישט טארען עסען קיין פלייש. מארגען וועט זיין דער קארידאס (אקסען־קאמף) אין גרויסען אמפי־טהעאטער אויפ'ן אלהאמא פעלד. הייליגער ראקע! איידער איך בין געפאהרען דיר אקעגען האב איך געדונגען א לאזשע רעכטס אין דער צווייטער רייהע לע־בען קארעבידאר (הויפט ריכטער). דאנא גראציא, ווילט איהר מיר טאן די גענאד און נעמען די לאזשע א מתנה פון מיר ? איך וועל זיין גליקליך צו שטעהן הינטער אייך און אייך בעדינען, אזוי ווי די אדעליליים פיהרען זיך מיט זייערע אויסדערוועהלטע.

— איך ליעב נישט די דאזיגע פערגעניגענס — האט גראציע געזאגט—מענשען מיט אקסען קעמפען, בלוט גיסט זיך און דאס פאלק קוועלט אן פון זייער ווילדקייט און בלו־טיג־שפיעל.

— וואס רעדט איהר, דאנא גראציא ? — האט דאן אלאנזא געפרעגט פערוואונדערט — איהר זענט דאך א שפאניערין ! און דער אקסען־קאמף איז דאך א נאציאנאלע פארשטעלונג, וואס איז טייער יעדען וואס האט אין זיך שפא־

ניש אָדער פּאָרטוגעזיש בלוט ! יאָ, אין געבענטשטען שפּאַ־
ניען זעהט מען נאָך שענערע און וואונדערליכערע פּאָרשטע־
לונגען, דערפאר געפעלען אייך נישט די שפּילערייען פון אונ־
זער אָרים פּאָרטוגאל. אין שפּאַניען פייערט די אינקוויזיציע
איהרע פייערונגען אָפּבראָטענדיג די מאַראַנען, די קינדער
פון דעם אומווירדיגען מיאוס׳ן פאָלק, וואָס לעסטערן אונזער
גאָט און לייקענען אין אונזער ערלייזער ! הייליגער דאָ־
מיניק ! הלואי וואָלט מען אַזעלכע ספּעקטאַקלען געזעהן אויך
דאָ. איך וואָלט אַלע מאָל געגאַנגען דאָס זעהן !

אַלע זענען געוואָרען בלאַס. דאָנא גראַציאַ האָט אויפ־
געריגט געקוקט אויף איהר פאָטער און געזאָגט צו אלאנזא׳ן :

— איך וועל נישט לייקענען, עס איז מורא׳דיגער דאָס
הייליגע געריכט אויף מענשען ווי מיר זענען איידער דער
קאמף מיט פיער פיסיגע ברואים. די שפּאַניער פון נידריגס־
טען שטאַנד ביז די פּרינצעסינס האָבען גרויס תענוג פון
דעם גרויזאַמקייט, וואָס זיי בעגעהן אין זייער פאַנאַטיזם
פאַר זייער רעליגיע. איך ווייס אָבער נישט וואָסערע פער־
געניגען קען האָבען אַ מאַן, ווען ער איז אפילו אַ קריסט פון
קאָפּ ביז די פיס, ווען מען פערברענט זיין פאָטער, פעטער,
שוועסטערקינד אָדער פריינד אויפ׳ן שייטערהויפען ? איך
האָב לעצטענס בייגעוואוינט אַזאַ שוידערליכע סצענע. אַ
פערזאָן וואָס איז מיר געווען זעהר נאָהענט האָט די אינקווי־
זיציע פערברענט לעבעדיגערהייט. איך ציטער ווען איך דער־
מאָן זיך ווי דאָס פייער האָט זי ארייגעכאפּט און פער־
ברענט !

זי האָט דאָס געזאָגט און שרעקליך געציטערט. איהר
פנים איז געוואָרען פינסטער דערביי.

— איידעלע דאָנא, זינדיגט נישט מיט אייערע רייד ! —
האָט אלאנזא געזאָגט ווילענדיג אויספּיינען זיך מיט זיין
פאַנאַטיזם — דער אמת־גלויביגער קוקט נישט אויף אַזעלכע
קליניגקייטען. מען טאָר נישט האָבען רחמנות אויף די פער־
רעטער. ווייסט איהר וואָס אַ געטרייער שפּאַניער האָט גע־
טאָן מיט זיין פאָטער, וואָס איז געווען אַ מאַראַן ? ער האָט
געפאָלגט דעם בעפעהל פון פרומען עהרליכען ריכטער טארק־
וועמאדאַ און מיט זיינע הענד אויסגעגראָבען זיין פערשטאָר־

בענעם פאַטער פון קבר און איהם בעגראבענט אויף א שייטערהויפען, וואָס ער האָט אַליין אָנגעלייגט. וואויל איז דעם מענשען וואָס איז אַזוי פעסט אין זיין גלויבען, הלואי האָבען מיר א סך ווי ער!

אויב דאן ראדריגא איז געווען צופרידען מיט זיין זוהן'ס רייד און די האָפנונג זיינע וואָס ער וועט שפּעטער האָבען איז קבר דורך זיין זוהן — ווייס מען נישט. צי יצחק'ס וואונדער האָט דאנא גראציא געשמייכעלט צו אלאנזא'ן און געזאָגט:

— געפעלסט מיר, פריינד, איך זעה אז דו ביזט געטריי דיין גלויבען. איך קען דיר מעהר נישט אָפּזאָגען. מאָרגען וועל איך געהן זעהן דיין נאַציאָנאַלע פאָרשטעלונג, די פרייד פון דיין פאָלק. איצט לאָזט מיך אַליין. איך בין מיעד.

זי האָט דערלאַנגט די האנד אלאנזאן און דאן ראדריגאן, האָט זיך צוקושט מיט איהר פאָטער און יצחק'ן און אוועק אין איהרע צימערן. די מענער זענען אויך געגאַנגען שלאָפען.

---

יצחק האָט נישט געקענט איינשלאָפען. גראציא'ס קושען האָבען געברענט אויף זיינע ליפּען. און ער האָט זיך געטראַכט אז א קינד שלאָפט רוהיג ווען זיין מאַמע קושט איהם מיט איהרע ווארימע ליפען. ער, דאָס אומגליקליכע יונגעל, דער לעבעדיגער יתום, האָט נישט געהאַט דעם דאָזיגען פערגעניגען אַלס קינד. גאָט האָט זיך אָבער דערבאַרמט אויף איהם און וועט איהם גרויסערהייט געבען דאָס פערגעניגען.

יצחק איז געלעגען אין בעט אין האַלב־דרימעל און זיין פאַנטאַזיע האָט איהם געמאָלען א בילד נאָך א בילד. אָט האַלזט ער גראציא'ן, לאַשטשעט זיך צו איהר ווי א קינד צו דער מוטער... ביידע זיצען אויף איהר פאָטער'ס שויס, ער שפּיעלט זיך מיט זיי... טאַנצט מיט זיי... טראָגט זיי אויף זיינע הענד... עס טאַנצט זיי אַקעגען א מאָגערע בלאַסע פרוי איינגעהילט אין שווארצען... זי טאַנצט פול פרייד, פּאַטשט גליקליך מיט די הענד... פלוצלינג צינדט זיך אָן א פייער אונטער איהר... כאַפּט ארום איהרע קליידער און ברענט... דער פעטער פערשווינדט... ער און גראציא ווערען געשלעפּט פון אלאנזא'ן צום שייטערהויפען... ער וויל זיך ארויסרייסען

פון זיינע הענד... ראטעווען גראציא'ן.... אלאנזא'ס פינגער האלטען איהם אָבער ווי מיט צוואנגען.... ער טרייסעלט איהם און שלעפּט איהם צום שייטערהויפען.... ער זעהט ער קען זיך נישט ראטעווען, שרייט ער ביטער...

— — — — — — — — — — — — — — — —

ער האָט זיך אויפגעכאפּט און געזעהן דעם פעטער שטעהן לעבען בעט מיט א ליכט אין האנד און ער זאָגט איהם שטיל .

— שרעק זיך נישט, קינד, איך האָב פאר דיר א גוטע בשורה. די אַלטע דיענסט איז מיר זעהר געטריי און זי האָט מיר דערצעהלט א זאך וואָס איך האָב זיך נישט פאָרגע־שטעלט.

— וואָס ?

— זי האָט מיר געזאָגט, אז מיין טאָכטער האָט פאר'ן שלאָף נישט געקניהט פאר'ן הייליגען בילד און נישט גע־זאָגט דאָס נאַכט־געבעט.

— דאָס קען נישט זיין ! — האָט יצחק אויסגערופען איבערראשט

— זי האָט מיר אויך געזאָגט אז זי האָט זי געזעהן ליגען די הענד צום הארצען און מורמלענדיג עפּיס ווי שמע ישראל...

דאן קאראנעל האָט געפּלאַטערט פאר פרייד.

— עס איז אונמעגליך — האָט יצחק גע'טענה'ט — ווי קומט דאָס צו איהר ? ווער האָט איהר דערצעהלט פון גאָט פון איהרע עלטערן ?

— איך וואונדער זיך דערויף, אָבער די אַלטע זאָגט נישט קיין ליגען.

יצחק האָט זיך איצט דערמאָנט ווי זי האָט גערעדט מיט אַלאנזא'ן און ער האָט אָנגעהויבען איינזעהן אז די אַלטע זאָגט דעם אמת. באַלד האָט ער זיך דערמאָנט איהרע לעצ־טע ווערטער ווי זי האָט געליבט אלאנזא'ן. און פארוואָס האָט זי איינגעוויליגט צו געהן מיט איהם אין לאָזשע צו־קוקען דעם בלוטיגען אקסען־קאמף וואָס איז אזוי פרעמד דעם אידישען גייסט ?

ער האָט אַרויסגעזאָגט זיין צווייפעל דעם פעטער. און

ער איז אויך געווען אין צוויפעל. ער האָט נאָך א ווייל̇ע קל̇ערען געזאָגט :

—ל̇אָמיר צוקוקען דאָס גרייטע. שפּעטער וועל̇ען מיר וויסען איהרע געדאַנקען און וויסען וואָס צו טאָן.

דאַן קאַראַנעל̇ איז ארויס. יצחק האָט נאָך ל̇אַנג געטראַכט פון גראַציא׳ן ביז ער איז ענדליך איינגעשל̇אָפען און געשל̇אָ־פען רוהיג ביז צומאָרגענס.

---

אינמיטען אָנבייסען איז אַריין אל̇אַנזא. אויסגעפּוצט און בעגאָסען מיט שמעקעדיג וואסער. ער איז געגאַנגען שטאָל̇ץ און געזידעל̇ט זיינע דינער וואָס זענען געשטאַנען אין דרויסען, זיי זאָל̇ען זיין גרייט פאַר זיין דאַנא. ער האָט זיך געשטעל̇ט אויף דער קניה פאַר גראַציא׳ן און געקושט איהר האַנד צום גוט־מאָרגען. ער האָט זיך פּערנייגט פאַר אַל̇עמען און זיי בעגריסט אין נאָמען פון הייליגען סעמיאַנא און הייל̇יגען אקסעמא. און זיי אָנגעזאָגט די נייעס :

— דער הימעל̇ איז ל̇ויטער, דאָס וועטער איז אויסגע־צייכענט. דאָס פאָל̇ק פערזאַמעל̇ט זיך שוין אויף׳ן אל̇האמא פעל̇ד.

די נייעס האָבען זיי געוואוסט אָהן איהם. דאַן קאַראַנעל̇ האָט דערקל̇ערט אז ער וויל̇ בל̇ייבען אין דער היים. גראַציא האָט איינגעל̇אַדען יצחק׳ען ער זאָל̇ מיטפאָהרען. זיי האָבען זיך איבערגעטאָן. זי האָט געשיינט און געל̇ייכטען. זי האָט געקושט דעם פאָטער און אָנגענומען יצחק׳ן און אַראָפּ די שטיגען. אל̇אַנזא איז געל̇אָפען פאָראויס און מושטירט די שטול̇־טרעגער. זיי זענען צוגעקומען צו די שטיגען. ער האָט געהאָל̇פען גראַציא׳ן זיך אריינזעצען. יצחק האָט זיך געזעצט קעגען־איבער איהר. אל̇אַנזא איז ארויף אויף זיין טייער פערד און געריטען ל̇עבען גראַציא׳ן. אל̇אַנזא׳ס און דאַן קא־ראַנעל̇׳ס קנעכט זענען נאָכגעגאַנגען.

— ל̇אָמיר טאָן אזוי ווי דער אדעל̇ טוט. מיר׳ן זיך אַנטאָן מאַסקעס, היינט איז דאָך דער ל̇עצטער טאָג פון מאַסקעראַד — האָט אל̇אַנזא געזאָגט.

ער האָט אַרויסגענומען דריי זיידענע מאַסקעס, זיי

האָבען אָנגעטאָן די מאַסקעס און מען האָט זיי מעהר נישט געקענט דערקענען.

— איך וועל מיטשיקען מיין קאַרעטע — האָט דאָן קאַר־דינאַל געזאָגט — עס קען נאָך רעגנען. מען קען נישט וויסען וואָס שפּעטער וועט זיין.

— גוט, טאַטע, — האָט גראַציאַ געזאָגט און איהם געגע־בען אַ קוש אין האַנד.

זיי האָבען אָנגעהויבען פאָהרען. ביים טויער פון אלהאַמאַ פעלד איז געווען אַ גרויסער טומעל. פיעל קאַרעטעס און רייטוועגען האָבען אָנגעפילט די געגענד. אַ סך זענען אָנגע־ריטען אויף פערד און אייזלען און אַ ים צו־פוס־געהער. עס זענען זיך צוזאַמענגעקומען די בעסטע רייטער, דאָס אַריס־טאָקראַטישע מיליטער און די מאַטראָזען, קרעמער, האַנד־ווערקער און לוין־אַרבייטער. קינד און קייט איז געקומען. מענער, פרויען, יונג און אַלט. אַלע האָבען זיך געשטופּט דורכ'ן טויער צום גרויסען פעלד.

די געגענד איז געווען יצחק'ן גוט בעקאַנט. ער פלעגט זיך דאָ אַרומשלעפּען מיט'ן פּעבעל צו פּערדינען אַ מטבע צוהאַלטענדיג אַ פערד פאַר עמיצען וואָס איז אַריין אין צירק. ער פלעגט דאָרט קלעטערן אויף דער מויער אַרום אַמפיטעאַטער און זיך אַריינ'גנב'ענען אינוויינינג זעהן די פאָרשטעלונג. אָפט האָבען איהם די וועכטער געכאַפּט און גוט אָנגעשלאָגען.

איצט איז ער געזעסען ברייט און שטאָלץ לעבען דער טאָכטער פון שפּאַנישען קאָנסול און דער יונגער דאָן, וואס זיין פאָטער איז פון די רייכסטע לייט אין לאַנד שפּרינגט פאָראויס אויף זיין שטאָלץ פערד צו מאַכען פאַר זיי אַ וועג צום אויבען־אָן.

זיי זענען צוגעקומען צום אַמפי־טעאַטער און אַרויס פון טראָג־שטול. זיי זענען דורכגעגאַנגען דורך צוויי רייהען בע־וואפענטע רייטער אנגעפיהרט פון אלגואזיל, דער פּאָליציי־שעף. זיי זענען אַריין אין דער צווייטער רייהע און אַריין אין דער טירעדער לאַזשע. דאָנאַ גראַציאַ האָט זיך אַנידער־געזעצט. יצחק מיט דאָן אַלאַנזאָ'ן זענען געשטאַנען הינטער איהר און די קנעכט זענען געשטאַנען הינטער דער טיר.

ווי דער שטורמישער ים האָבען זיך געטראָגען מאַסען מענשען צו די זיץ־פּלעצער ארום דער גרויסער ברייטער אַרע־נא. אין דער אונמערשטער רייהע איז נישטאָ קיין זיץ־פּלע־צער. דאָרט שטעהן די אַקסען־קעמפּער: די פּיקאַדאָרען, די רייטענדיגע קעמפּער מיט פּיקעס אין די הענד; די כולאָס, פוס־געהער מיט שפּיזען; די באַנדאַרעלען, וואָס רייצען אויף די אקסען מיט זייערע גלאַנציגע זיידענע שלייערס און די עספּאַדען, די הויפּט־קעמפּער.

ווען אַלע האָבען זיך אויסגעזעצט זענען אריין די קעמפּער און זיך געשטעלט הינטער דעם הילצערנעם פּאַרקען לעבען ארענא. דער אלגואזיל האָט אויסגערופען די געזעצען פון שפּיעל, די נעמען פון די קעמפּער און דעם יחוס פון די אקסען. די פּיקאַדאָרען האָבען אריינגעריטען אין ארענא און געשטאַנען גרייט אויף דעם קאַרעגידאָר'ס סיגנאַל.

---

— באַלד וועט דער קאַרעגידאָר געבען דעם סיגנאַל און דאָס שפּיעל וועט זיך אָנהויבען — האָט געזאָגט אלאַנזא צו גראַציא'ן וואָס איז געזעסען שטיל — איהר וועט באַלד זעהן דעם קאַמף, הייליגער האַבערטא!

— דאָס איז נישט קיין נייעס ביי אונז אין שפּאַניען — האָט גראַציא געענטפערט שטיל — אין טאַלעדאָ אויך אין אַנדערע שטעדט מאַכט מען אַזעלכע פאָרשטעלונגען פיער־פינף מאָל א חודש, אַלע זונטאָג.

— דאָס איז אונזער בעליעבט שפּיעל — האָט אלאַנזא געזאָגט מיט פייער — ווי אַנגענעם איז צו זעהן ווען דער קעמפּער פערלירט, דער אָקס שטעכט אריין אין זיין האַרץ די שאַרפע הערנער און שליידערט איהם אינדערהויך! מען זעהט נאָר זעלטען אזא וואונדערליכע סצענע!

— האָט איהר הנאה פון אזא בילד? — האָט גראַציא איהם געפרעגט שטיל.

— איך בין א געבוירענער פּאָרטוגעז, הייליגער יאַצענ־טאָדע סאַקראַמענטא! — האָט אַלאַנזא געזאָגט הויך — ווער עס קען נישט בעזיגען זיין פיינד צי דאָס איז א קאַמף־אָקס, א מאַכמעדאַנער אָדער גלאַט אן אומגלויביגער האָט קיין ווערט נישט מיר זאָלען איהם שענקען אויפמערקזאַמקייט

אין די נאָהנטע לאזשעס האָט זיך געהערט א שטילער מורמעל. מען האָט זיך דאָרט גע'סוד'עט איבער אלאנזא'ס ווערטער. יצחק האָט זיך איינגעהערט. ער האָט גע־וואָלט וויסען צי זיינע רייד זענען געוואָרען געפעלען. אין דער רגע האט דער קארעכידאר געגעבען א סיגנאל. מען האָט אָנגעהויבען פויקען. די טיר פון די שטייגען האָט זיך פלוצלונג געעפענט און עס איז אריינגעשפרונגען אין ארענא א יונגער אָקס מיט שארפע הערנער מיט בלוט פער־גאָסענע אויגען. איידער מען האָט ארויסגעלאָזט דעם אָקס איז ער געוואָרען שרעקליך אויפגערייצט.

— אוי, איז דאָס אן אָקס! הייליגער לופא! ווען מיין הונט לוציפער וואָס כ'האָב בעצאָהלט פאר איהם צוויי טויזענט מאראוועדיאס און ער איז ווערט דריי טויזענט — ווען ער איז יעצט דאָ וואָלט איך איהם געשיקט רייצען דעם אָקס.

די פיקאדאָרען אויף די פערד האָבען ווי ביהנען ארומגע־רינגעלט דעם אָקס, געפייפט און געקוויטשעט אויפצורייצען דעם אָקס און געפאָכעט אויף איהם מיט די פיקעס. דער אָקס האָט אראָפגעבויגען דעם קאָפ און גלייך איהם אויפגע־הויבען און א פערד איז געפאלען. דער אָקס האָט גע־שפאלטען זיין בויך מיט די הערנער און זיינע געדערים זענען ארויסגערונען.

— הייליגער לאמפערטא! נאָך גוט וואָס מיין פערד באציפאלאס איז נישט אויף זיין אָרט — האָט אנזאלא געזאָגט מיט א זיפץ — איך האָב פאר מיין אראביש פערד בעצאָהלט אכט טויזענד קראשאדאס. ער איז איצט ווערט צוועלף טויזענד. עס וואלט מיר שטארק באנג געטאָן.

אין דער צווייטער לאזשע האָט מען זיך שטארק צולאכט און גראציא האט זיך פערשעמט און נישט געקענט איינזיצען.

אז דאָס פערד איז געפאלען איז דער פיקאדאר אראָפ־געשליידערט געוואָרען און דער אָקס האָט זיך געלאָזט אויף איהם. נאָר די שלייער טרעגער האָבען איהם פערנארט און ער האָט איבערגעלאָזט דעם פיקאדאר. ווידער האָבען איהם די פיקאדארען ארומגערינגעלט און געשטאָכען מיט די פי־קעס און עטליכע פערד זענען געפאלען. די שלייער טרעגער

האבען איהם ווידער צורייצט און ער איז געוואָרען מיוראַ'דיג ווילד. די געפאַלענע פערד האָבען געשטערט די שלייער טרעגער צו לויפען, זענען זיי ארויס פון ארענא און זיך געהאַלטען הינטער'ן הילצערנעם פארקען.

פלוצלונג איז דער אָקס ארויפגעשפרונגען אויפ'ן פארקען און אריין אין דער אונטערשטער רייהע. עס איז געוואָרען א שרעקליכער טומעל. מען האָט געמיינט אז דער אָקס ועט טויטען אלע שלייער טרעגער, זיי וועלען זיך נישט קענען ראטעווען. אנדערע האָבען מורא געהאַט, דער אָקס זאָל זיך נישט אריינרייסען צווישען פובליקום, און זיי האָבען אָנגע־פאנגען לויפען.

צווישען די ערשטע לויפער איז געוועזן דער מויל־העלד דאן אלאנזא. אין א רגע זענען אָבער די שלייער טרעגער געווען צוריק אין ארענא און מיט זייערע שלייערס פערנאַרט דעם אָקס. און ער האָט זיך געיאָגט ווילד נאָך זיי.

דאָ איז אריין אין מיטען ארענא אן עספאַד מיט א שווערד אין דער רעכטער האנד און א זיידען פעהנדעל אין דער לינקער. ער האָט געהאַלטען די לינקע האנד מיט'ן פעהנדעל אויף דער רעכטער האנד מיט דער שווערד. דער אָקס איז אימפעטיג געלאָפען אויף איהם און די שווערד איז איהם אריין אין הארצען. ער איז געפאַלען טויט. דאָס פובליקום האָט זיך דערפרייט, געפאַטשט בראוואָ און גע־שריגען: הורא! פאר דעם זיעגער!

אלאנזא איז געווען צוריק און ער האָט שטאָלץ געזאָגט:

— אזוי וואָלט איך געטאָן מיט דעם לעמפערט, ווען איך וואָלט געווען א יעגער אין מזרח אינדיע, וואָס מיר האָבען איינגענומען.

— ווען ער וואָלט דאָרט געווען וואָלט ער אונז איצט נישט געדולט דעם קאָפ! — האָט יצחק איינגערוימט גראַ־ציא'ן. זי האָט געשמייכעלט.

דאס טויער פון צירק האט זיך געעפענט. יועגען בע־צירט מיט בלומען קרענץ געשפאנט צו אייזלען זענען אריינ־געפאָהרען. מען האָט ארויפגעלייגט דעם טויטען אָקס מיט די צו'הרג'עטע פערד אויף די וועגען און זיי ארויסגעפיהרט.

די דינער האָבען אויסגעריייניגט די ארענא און דאָס שפּיעל האָט זיך געזאָלט אָנהויבען אויפס'ניי.

---

פּלוצלונג איז געוואָרען א גערודער אין די אויבערשטע רייהען צווישען פּראָסטען פּאָלק.

— די רעגירונג שפּענדירט אונזער געלד אויף אמוזי־רונגען — האָט אַן אָרימער אַלטער געזאָגט — זי וואָלט עס אונז בעסער געגעבען אויף ברויט. מיר האָבען דאָך נישט צו עסען!

— אמת, דאָס פּאָלק הונגערט און שטאַרבט פון הונגער — האָט א צווייטער געזאָגט.

— די אָרימעלייט שטאַרבען פון הונגער, עס איז א הונגער יאָהר. אלץ איז טייער, א יקרות! — האָט א דריטער אריינגערעדט און א פערטער האט זיך אנגערופען:

— עס איז אזא יקרות ווייל די סוחרים האָבען אוועקגע־קויפט אלע תבואות און שינדען די הויט פון אָרימאַן.

— ווער זענען די תבואה סוחרים? דאָס זענען די פער־פלוכטע מאראנען! — האָבען זיך געהערט שטימען — ווער איז דער טאקסע מאָהנער וואָס שינדט די הויט פון אָרימען פּאָלק? דער אומווירדיגער מאראן דאן ראדריגא מיט זיין פאלשען צולאָזענעם זוהן אלאנזא וואָס מאכט זיך פאר א פרומען!

— א טויט אויף די מאראנען! טויט דאן ראדריגא'ן מיט זיין זוהן!

— אָט איז דער צולאָזענער זוהן מיט א מאסקע אין דער צווייטער רייהע אין דער לאזשע לעבען דעם קארעבי־דאָר! ער מאכט דאָרט קאָמפּלימענטען דער דאנא וואָס זיצט אין לאזשע — האָט פון דער נעבענדיגער לאזשע עמיצער געשריגען צום פּעבעל:

— לאָמיר אראָפּגעהן צום פערפלוכטען מאראן, וואָס וויל פערנארען קריסטען אין זיין נעץ! לאָמיר נעמען נקמת אין איהם פאר גאָט און איהם טויטען!

עס איז געוואָרען א גערויש. דאָס פּעבעל האָט זיך אויפ־געהויבען און געוואָלט לויפען צו דער לאזשע. גראציא

מיט יצחק'ן זענען אויפגעשפרונגען דערשראָקען. דאן אַלאנזא האָט אין טויט שרעק געמורמעלט:

— שמע ישראל!....

דער קארעבידאר האט געגעבען א סיגנאל און דער פּאָליציי שעף מיט זיינע בעוואפענטע סאָלדאטען זענען אריין.

— אין נאָמען פון קעניג! — האט דער קארעבידאָר אויסגערופען הויך — ווער עס וועט זיך ריהרען פון אָרט ווערט געטויטעט! שעמט אייך, ליסאבאָנער! ווען איז דאָס געהערט געוואָרען אז פּאָרטוגעזען זאָלען וואגען פערשטערן אַ פּאָלקס פייערונג? יעדער וואָס טראָגט א מאסקע אום קארניוואל איז הייליג פון אייביג אָן. ווער וועט דאָס וואגען פערשוועכען אונזער הייליגקייט און אָנהויבען א קריעג?

ווי דורך א כשוף האט דאָס פּעבעל זיך בערוהיגט. עס איז געוואָרען שטיל. דאָס מיליטער איז אָבער געבליבען היטען די צווייטע רייהע קיינעם נישט צוצולאָזען. דאָס שפּיעל האָט זיך אָנגעפאנגען אויפס'ניי. אין ארענא איז ארויס אַן אָקס גרעסער און מורא'דיגער פון ערשטען.

גראציא האָט מעהר נישט געוואָלט בלייבען און צוקוקען דאָס טויט שפּיעל. יצחק איז געשטאַנען גרייט מיטצוגעהן. אַלאנזא האָט זיך אָבער איינגעשפּארט און געשוואוירען ביי אַלע זיינע הייליגע אז ער האָט נישט מורא פארן פּעבעל, ער איז מעכטיג נענוג זיי אָפּצוטרייבען. ער האָט אָבער געזעהן אז זי וויל מעהר נישט בלייבען האָט ער נאָכגעגעבען און איז אָהן חשק מיט זיי ארויס.

ער האָט איהר אויך צוליעב געטאָן און איבערגעלאָזט זיין פערד מיט'ן טראַג שטול ביי די דינער און אריין מיט איהר און יצחק'ן אין דער פערמאכטער קארעטע. זיי זענען גלייך געפאָהרען אַהיים.

אַהיימוועגס האָט גראציא געפרעגט אַלאנזא'ן וואָסערע ווערטער ער האָט געמורמעלט ווען ער איז געווען אין גע־פאהר. ער האָט גערעדט, האָט זי געזאָגט, א פרעמדע שפּראך, וואָס זי האָט נישט פערשטאַנען.

— עס דאכט זיך אייך — האָט ער געענטפערט — איך האָב גאָרנישט געמורמעלט.

יצחק האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטען און זיך צו־לאַכט. פערוואונדערט האָט גראַציא געקוקט אויף יצחק'ן. זי האָט זיך דערוואוסט זיין סוד! ער האָט זיך אָבער דער־ווייל אויך דערוואוסט איהר סוד. איצט האָט ער איינגע־זעהן אז די אַלטע דינסט האָט געזאָגט אמת. ער האָט גע־גאַרט איהר צו דערצעהלען אז ווי זי וויים ער זיין שטאַם און איז געטריי די אמונה פון זיינע עלטערן. ער האָט אָבער מורא געהאַט צו רעדען פאַר דעם נאַרישען אלאנזא וואָס האָט נאָך אַלץ געלייקענט, ווען ער האָט אנטפּלעקט זיין אידישקייט, אז ער טראָגט א פאַלשע קריסטליכע מאַסקע.

גראַציא האָט דערצעהלט איהר פאָטער די געשיכטע פון אַמפּיטעאַטער. אז דאָס פאָלק איז אויף דאָן אלאנזא מיט זיין פאָטער שטאַרק אויפגערעגט און ווער וויים, וואָס מיט זיי וועט געשעהן. דאָן אלאנזא'ן האָבען איהרע רייד נישט געשמעקט, ער האָט זיך בעמיהט זיי צו בערוהיגען, אז ס'איז גאָרנישט.

דאָן קאַראַנעל האָט איהם אָבער אָנגעזאָגט ער זאָל דאָס דערצעהלען זיין פאָטער און זאָגען אין זיין נאָמען אז עפּיס מוז געטאָן ווערען צו בערוהיגען דאָס פאָלק. ער זאָל אויך בעטען שוץ ביים קעניג. צוליעב זיכערקייט וועגען זאָל ער אהיימפאָהרען אין זיין קאַרעטע, טאָמער וועט דאָס פעבעל איהם דערקענען אויפ'ן וועג און איהם בעפאַלען. אלאנזא האָט זיך געלאָזט איינריידען.

ווי אלאנזא איז ארוים רופט זיך אָן יצחק אין גראַציא'ס אויגען:

— פעטער, איך האָב פאַר דיר א נייעס! דער מאַן וואָס איז אזוי פאַנאַטיש פאַר דער הערשענדער רעליגיע האָט פּלוצלונג פאַר אונז ארויסגעגעבען זיין אידישקייט. ווען ער איז געווען אין סכנה, האָט ער געזאָגט: שמע ישראל!

— מיר האָבען א סך אזעלכע ווילדע לייט, וואָס ווייזען אז זיי זענען קריסטליכער פון די קריסטען און אז זיי זענען אין געפאַהר ווערט מען געוואָהר זייער אידישקייט. איך

האָב זיך אָבער נישט געריכט צו הערען דאָס וועגען דעם דאָזיגען נאַר וואָס פּלאַפּעלט און גרויסט זיך מיט זיין איבערטריבענע פרומקייט.

— אויב דער פעטער גלויבט מיר נישט — האָט ער איהם געקוקט גלייך אין די אויגען — וועט דיין טאָכטער דיר דאָס זאָגען.

— פונוואנעט, טאָכטער מיינע, ווייסטו אונזערע הייליגע תפלות? — האָט מיט פריידיגער וואונדער געפרעגט דאָן קאראנעל.

— צו מיין גליק! — האָט גראציא אויסגערופען דער־פרייט — מיין טאַטע האָלט נאָך היילינ דעם שמע ישראל! געלויבט איז גאָט, דער גאָט פון די אידען, וואָס ער האָט מיך געפיהרט אויפ'ן אמת'ן וועג דאָ אהער!

זי האָט איהם ארומגעכאפּט און געקושט היים.

— געלויבט זאָל זיין גאָט אונזער גאָט אויף אייביג!

— האָט אויסגערופען דער גליקליכער פּאָטער ווייגענדיג ביטער אין קושענדיג זי אָהן אויפהער.

דער שמע ישראל האָט אומגעקערט דעם טאַטע צו זיין טאָכטער און די טאָכטער צו איהר פּאָטער און דערנעהנטערט יצחק'ן צו גראציא'ן. זי האָט זיך דערוויסט אז יצחק'ס גאָט איז איהר גאָט און ער איז געטריי איהר אמונה.

דאָס רעטעניש איז אָבער געבליבען דערווייל אומדער־קלערט. פון וואנעט קומט זי דערצו? ווי אזוי האָט זי זיך דערוואוסט ווער זי איז? באַלד ווי זיי האָבען זיך בערוהיגט האָט יצחק זי דאָס געפרעגט.

— אַ נאָנע האָט מיך געלערנט אידישקייט — האָט זי געענטפערט.

— ווער איז זי? ווי הייסט זי? האָבעןביידע געפרעגט מיט אַ מאָל.

— איהר אידישען נאָמען ווייס איך נישט. איך ווייס נאָר איהר צונאָמען, וואָס זי האָט זיך גערופען ווען זי איז אריין צווישען די נאָנעס. מען האָט זי גערופען "שוועסטער מארגארעטא". זי האָט מיר אָבער געזאָגט מיין אידישען נאָמען: חנה. ווען מיר זענען געזעסען ביידע אליין האָט זי מיר גערופען אזוי. זי האָט מיר געזאָגט אז חנה און גראַ־

ציא האָבען די זעלבע בעדייטונג. נאָר די אידען רופען דעם נאָמען נאָך א בעריהמטע אידישע פרוי און די גוים רופען דאָס נאָך די גראציעס.

— דאָס איז ריכטיג. דיין נאָמען איז טאקי חנה — האָט דער פאָטער געזאָגט — פונוואַנעט האָט דאָס אָבער גע־וואוסט די נאָנע?

— זי האָט מיר נישט געוואָלט אויסזאָגען. וויפיעל איך האָב זי געבעטען איז געוועזן אומזיסט.

— פון וואנעט איז זי געקומען? ווי האָט זי זיך מיט דיר בעקענט?

— דאָס וויים איך אויך נישט קלאָר. איך געדענק נאָר אז אלע נאָנעס האָבען זי שטארק געליבט פאר איהר גוטס־קייט. זי האָט געגעבען א שבועה צו ווידמען איהר לעבען פאר די מענשען. זי איז געוועזן א גוטער דאָקטאָר און האָט געהיילט קראַנקע. זי איז געקומען צו "מוטער פעליציע" די עלטסטע פון ארזאלא מאָנאסטיר מיט א בריעף פון בישאָף יאָאן אריאַס.

— יאָאן אריאַס? — האָט דאָן קאראנעל געזאָגט — ער איז דאָך אַן אנוסים־קינד! זיין פאָטער איז געוועזן מלוכה־קאָנטראָלער אונטער קעניג יאָאן דעם צווייטען. מיין פאָ־טער'ס א גוטער חבר. דער בישאָף איז אריינגעפאלען איז טאָרקוועמאדא'ס הענד, נאָר זיין עלטערער ברודער דער פיה־רער פון שפאנישען אדעל דע פאנגאראָסטרא האָט איהם גע־ראַטעוועט פון טויט.

און גראציא האָט ווייטער דערצעהלט:

— דעמאָלט איז דער בישאָף נאָך געוועזן זעהר אנגעזעהן. ווען "שוועסטער מארגארעטא" איז געקומען מיט דעם רע־קאָמענדאציע־בריעף צו "מוטער פעליציע" האָט זי זי אויפ־גענומען מיט גרוים כבוד. איך בין דעמאָלט אַלט געוועזן עלף יאָהר. איך געדענק שוין נישט צי איך בין געוועזן א קרענק־ליכע תמיד, אדער איך בין ערשט ארוים פון א גרינגע שלאפ־קייט.

"שוועסטער מארגארעטא" האָט געזאָגט, ווי זי האָט מיך דערזעהן, אז אויב מען וויל איך זאָל לעבען מוז איך זיין אָפ־געזונדערט פון די איבעריגע מיידלעך אין א בעזונדער צי־

מער און עסען ספּעציעל צוגעגרייטע שפּייז. אויב נישט וועט די "דאָר" מיך טויטען. "מוטער פּעליציע" האָט מיך ליעב געהאַט און זי האָט געגלויבט מאַרגאַרעטא'ס רייד. זיי האָבען זיך בעראַטען און שוועסטער מאַרגאַרעטא האָט גענומען אויף זיך אַכטונג צו געבען אויף מיר. זי האָט מיך אַריינגענומען צו זיך אין צימער און דאָרט מיך אָפּהיטען ביז איך וועל איבערקומען די געפאַהר.

פון דעמאָלט אָן האָב איך געוואוינט אינאיינעם מיט דער גוטער שוועסטער. זי איז געווען צו מיר ווי א דערבאַרמדיגע מאַמע. די ערשטע צוויי וואָכען האָט זי מיך נישט איבערגעלאָזט אויף א רגע. זיצענדיג מיט מיר האָט זי ביסלעכוויים מיר דערצעהלט פון מיין שטאַם, דערנאָך האָט זי מיך געלערנט תפלה טאָן צום גאָט פון מיינע עלטערן און זיין געטריי אונזער אמונה.

זי האָט מיך אויך געלערנט צו זיין פאָרזיכטיג מען זאָל נישט אויסגעפינען מיין סוד. יעדעס מאָל ווען זי האָט גערעדט מיט מיר האָט זי ביטער געוויינט אויף איהר פערלוירען קינד און געבעטען צו גאָט זי זאָל איהם געפינען.

זי האָט פערלוירען איהר קינד אין אן אומגליק. איבער איהם איז זי עלענט, האָט זי געזאָגט, זי קען נישט רוהען. געהט אַרום פערשטעלט, וואָגעלט און וואנדערט איבער שטעדט און דערפער, געהט פון איין מאָנאַסטיר צום צווייטען, פון איין שפּיטאָל צום אנדערן. זי טרייסט אלמנות, יתומים און בעטריבטע מאַמעס. און איהר גאַנצע האָפנונג איז צו געפינען איהר פערלוירענעם זוהן.

זי האָט מיר אויך געזאָגט, אַז דאָס וואָס זי טוט פאַר מיר איז צוליעב איהר זוהן. זי האָפט, אַז איהרע מעשים וועלען איהר געבען חן ביי גאָט און אַזוי ווי זי קערט אום א פערלוירען קינד צו איהם, וועט גאָט איהר אומקערען איהר פערלוירענעם זוהן, וואָס איז אין איין עלטער מיט מיר. זי איז נימ פרעמד צו מיר, האָט זי געזאָגט, זי קען מיר אָבער נישט אויסזאָגען וואָס זי געהער מיר אָן, איהר טרויער זאָל מיך נישט דערשלאָגען. איך בין א יונג, אומגליקליך, איידעל קינד, א לעבעדיגע יתומה ביים טאַטענס לעבען. ווער ווייס צי ער איז געטריי דעם גאָט פון זיינע עלטערן? געגוג אַז איך

האָב מיינע ליידען, האָט זי געזאָגט, וואָס דארף איך נאָך מיטליידען איהרע צרות ?

גראציא איז שטיל געוואָרען און שווער געזיפצט.

---

דער פאָטער איז געוואָרען טרויריג און ביטער געזיפצט. יצחק האָט געקוקט אויףביידע און זיינע אויגען זענען געוואָרען פול טרערען. ווען דאָן קאראנעל האָט זיך א ביסעל בערוהיגט האָט ער געפרעגט .

— ווי לאַנג איז די גוטע פרוי געווען מיט דיר ?

— דערנאָך איז זי געווען מיט מיר זעהר ווייניג. די גאַנצע צייט איז זי געווען פערנומען מיט טאָן גוטס אין שטאָדט, ווען זי וואָלט אפילו געוואָלט בלייבען מיט מיר וואָלט עס געווען אומזיסט. מיין לערנען די קאָנפעסיעס, די געבעט, די פראָצעסיעס האָבען פערנומען מיין גאַנצע צייט. נאָר אין די מעהרסטע נעכט איז זי געקומען צו מיר נעכטיגען. איך האָב אומגעדולדיג געווארט אויף איהר אין איהר צימער. איך האָב זי שטארק געליעבט. זי איז געקומען צו מיר אַזוי לאַנג ווי איך בין געווען אין מאָנאסטיר. דאָס לעצטע מאָל איז זי מיט מיר אויפגעזעסען א גאַנצע נאַכט און מיר האָבען ביידע ביטער געוויינט ביז מיר האָבען שוין מעהר נישט געהאַט קיין כח. עס איז אונז אַזוי שווער געווען זיך צו־צושיידען ! מיט'ן טאָג צוגלייך האָט זי זיך געשטארקט, געזעגענט זיך מיט מיר, געבענטשט מיך אין נאָמען פון גאָט און איז אוועק.

— האָט זי דיך מעהר נישט געזעהן ?

— אויב זי האָט מיך געזעהן נאַכאמאָל, ווייס איך נישט — האָט זי געזאָגט אויפגערעגט — איך האָב זי אָבער יאָ געזעהן נאָכאמאָל... אוי, וועה איז מיר, ווי איך האָב זי געזעהן ! פינסטער האָט געדארפט ווערען יענער טאָג ! מיינע אויגען זענען מיר געוואָרען פינסטער ! אוי, וואָסער אומגליק איז מיט איהר געשעהן !

זי האָט שרעקליך געציטערט, געריעדט פערשטיקט, פערדעקט דאָס פנים מיט די הענד און אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. טרויריג שטיל זענען געזעסען דאָן קאראנעל און יצחק און

געוואַרט צו הערען דעם סוף. זי איז אָבער געזעסען שטיל און נישט אויפגעהויבען דעם קאָפּ.

פלוצלינג האָבען איהרע אַקסלען אָנגעהויבען זיך טרייסלען און זי האָט בעקומען ספּאַזמעס. זי האָט אָנגעהויבען שלוכצען און קרעכצען. באַלד האָבען שרעקליכע געשרייען זיך אַרויסגעריסען פון איהר האַלז. זי האָט מורא'דיג געשריגען און פּלוצלינג געוואָרען שטיל. זי איז געפאַלען חלשות.

— טאָכטער! טאָכטער! — האָט דער פאָטער געשריגען און זיך געריסען די האָר פון קאָפּ.

די דינערשאַפט איז אַריין. מען האָט זי בעשפּריצט מיט קאַלט וואַסער און זי געלעגט אין בעט אַריין. דער פאָטער האָט גלייך געהייסען אַרויסגעהן אַלעמען. יצחק האָט געעפענט דאָס פענסטער צום גאָרטען. עס איז אַריין פרישע לופט. דער פאָטער האָט איהר געגעבען מעדיצין און זי איז געקומען צו זיך. זי האָט אָפּגעזיפצט שווער און געעפענט די אויגען. באַלד האָט זי אָנגעהויבען שטאַרק וויינען. פון וויינען איז איהר געוואָרען גרינגער.

דער פאָטער און יצחק האָבען זיך דערפרעהט און זי געבעטען מעהר נישט דערצעהלען איצט, ווייל עס איז איהר צו שווער.

— ניין! — האָט זי געזאָגט פערבימערט — איך טראָג אַזוי לאַנג די ווייטאָג אין הארצען. איך קען נישט מעהר אויסהאַלטען. איך וועל אַלץ דערצעהלען און וועט מיר ווערען גרינגער. איהר וועט מיט מיר מיטוויינען אויף איהר אומגליק און מיין צער וועט זיין קלענער.

זי האָט זיך אויפגעזעצט און שטיל, קוים וואָס מען האָט געהערט, האָט זי דערצעהלט ווייטער:

— דאָס איז געווען דעם ערשטען נאָוועמבער, דער קאַטאָלישער פייערטאָג פון "אַלע היילִיגע". די טאָלעדאָ'ר זענען זיך צוזאַמענגעקומען צו אַ פאָרשטעלונג וואָס איז זיי נאָך ליעבער פון אַקסענקאַמף. צו דעם רעליגיעזען ספּעקטאַקל, וואָס זיי האָבען, לויט זייער גלויבען, מעהר שכר אויף יענער וועלט, ווען זיי פרעהען זיך מיט איהם.

די אינקוויזיציע האָט בעשטימט דעם טאָג פאַר אַן "אַוי-

טא־דע־פע" פארשטעלונג, צו פערברענען א סך מענשען. די שייטערהויפענס האבען זיי אנגעלייגט אויפ'ן גרויסען פלאץ צווישען קעניגליכען הויף און אונזער אינסטיטוט.

באלד נאך'ן רעליגיעזען דינסט אין דער גרויסער קירכע איז דאס פאלק געקומען צום פלאץ, בעטראכטען די זיילען וואס מען וועט צובינדען צו זיי די פעראורטיילטע צום פער־ברענען. רייהען שטיגען זענען געווארען אוועקגעשטעלט לעבען דער הויף־וואנט קעגענאיבער דעם פלאץ. אויף די שטיגען זענען געשטאנען די רעגירונגס־לייט. אויף די הייזער און ארומיגע מויערן און די דעכער זענען געשטאנען די אדעל־לייט. אין די אפענע פענסטער זענען געשטאנען די דאנאס אין זייד און אטלאס בעהאנגען מיט צירונג. מיינע חבר'טעס, די איידעל־דערצויגענע מיידלעך זענען אויך ארויס און גע־שטאנען אויפ'ן באלקאן פון אינסטיטוט און זיך געשטופט צו קענען צוקוקען די סצענע וואס איז גוט פאר די אויגען און פאר דער נשמה, ווי די גלחים זאגען, עס איז א גרויסע מצוה, ווייל דאס ווערט געטאן פאר גאט'ס כבוד.

איך האב אויך געמוזט ארויסגעהן צוקוקען, מען זאל מיך נישט פערדעכטיגען. פלוצלינג האבען אלע גלעקער אנגעהויבען קלינגען און עס איז געווארען א פויקעריי, א צייכען אז די פראצעסיע הויבט אן געהן צום אורטייל־פלאץ.

פאראויס זענען געגאנגען די שמידען בעוואפענט מיט פיקעס און ביקסען. זיי האבען די זכיה אנצולייגען דאס האלץ צום פייער. נאך זיי זענען געגאנגען אלע דאמיניקאנישע גלחים מיט די רעליגיעזע בילדער. נאך זיי האט אן אדעלמאן געטראגען דעם רויטען פאהן — די אינקוויזיציע פאהן. הינ־טער איהם זענען געגאנגען די "פאמיליארען", די אינקווי־זיציע שפיאנען, אנגעטאן אין שווארצען און פערדעקטע גע־זיכטער. (צווישען די שפיאנען זענען געווען א סך אדעללייט וואס האבען שפיאנירט פרייוויליג פאר זייערע פערזענליכע אינטערעסען). הינטער זיי האט מען געפיהרט די פעראור־טיילטע צום פערברענען.

בארוועס אין דער גראבער, ענגער סאנבעניטא אויפ'ן לייב מיט דער קאראזא, א גראב פאפירענער הוט דריי פוס לאנג, אויף די קעפ, זענען געגאנגען די פעראורטיילטע. אויף

די קליידער און די היט זענען געווען אויסגעמאָלט טייוועל־בילדער מיט שדים וואָס טאַנצען אין פייער. א סך פעראור־טיילטע האָבען נישט געקענט געהן איבער די וואונדען וואָס זיי האָבען בעקומען אין תפיסה. די שפּיאָנען און די סאָלדאַ־טען האָבען די דאָזיגע שוואַכע און פערוואונדעטע געשלעפּט נאָך זיך.

איך שטעה און קוק מיט א צובראָכען הארץ אויף דעם שרעקליכען בילד און איך האב דערזעהן צווישען די אומגליק־ליכע א דארע בלאַסע פרוי וואָס האָט מיך צוגעצויגען. איך האָב זיך עפּיס דערמאָנט און איך האָב דערפילט ווי מען וואָלט מיר דערלאַנגט מיט א שטיין אויפ'ן מוח.

איך האָב זיך געוואָלט בעסער איינקוקען אין איהר, איז זי שוין אָבער געווען פערביייגעפיהרט. מיט ציטערדיגע קניה און א צובראָכען הארץ בין איך געבליבען אויפ'ן אָרט ביז די גלחים האָבען געענדיגט זייערע געזאַנגען, וואָס זיי זינגען "פון הימעל'ס וועגען".

די שפּיאָנען האבען צוגעפיהרט די אומגליקליכע פאר־אורטיילטע צו די זיילען און זיי צוגעבונדען און אוועקגע־שטעלט אויף די קופּעס האָלץ. ווען די שפּיאָנען זיינען אוועק־געגאַנגען פון די אומגליקליכע האָב איך ווידער דערזעהן די בלאַסע פרוי. איהר פּנים איז געווען גאָר פערענדערט. זי האָט אויסגעזעהן שרעקליך. אָבער איהרע אויפגעהויבענע אויגען צום הימעל, די וואונדערליכע אויגען, וואָס האָבען געקוקט אויף מיר מיט מוטער־ליעבע, זיי האָב איך גלייך דערקענט און איך האָב דערזעהן דעם טויט פאר די אויגען.

גראַציא האָט א שטאַרקען ציטער געטאָן ראַדענדיג און איהר פּנים איז געוואָרען שוואַרץ. דער פּאָטער מיט יצחק'ן האָבען אויפגעציטערט. די ערצעהלונג האָט זיי צובראָכען און זיי האָבען מורא געהאט זי זאָל ווידער נישט חלש'ען. זי האָט זיי בערוהיגט און געזאָגט:

— האָט נישט מורא פאר מיר. גאָט האָט מיר געגעבען כח איבערצולעבען דעם מורא'דיגען מאָמענט, ווען מיין טייערע פריינדין איז פערברענט געוואָרען לעבעדיג פאר מיינע אויגען, וועט ער מיר אויך געבען כח איבערצוטראָגען מיין

ווייטאָג רעדענדיג וועגען איהר. קיין איין רגע האָב איך זי נישט פערגעסען און וועל זי געדענקען מיין גאנץ לעבען.

— אפשר האָסטו געהאַט אַ טעות — האָט דער פּאָטער געוואָלט זי בערוהיגען.

— איך האָב זיך געוואָלט אָפּנאַרען — האָט גראַציא געזאָגט — איך האָב געוואָלט זיך איינרעדען אַז איך מאַך אַ טעות. איך האָב אָבער געפונען אין דער ליסטע פון די פערברענטע איהר נאָמען. די "שוועסטער מארגארעטא" איז פערברענט געוואָרען, ווייל מען האָט ענטדעקט אַז זי איז אַ אידישע און איז געטריי דעם גאָט פון איהרע עלטערן.

— מארגארעטא ? — האָט דאן קאראנעל געמורמעלט שטיל — מיין טאָכטער חנה'ס אן אייגענע ? אזוי האָט זי געזאָגט !...

ער איז אויפגעשפרונגען. אַ מורא'דיגער געדאַנק איז איהם געקומען אויפ׳ן זינען.

— זי האָט געזוכט איהר פערלוירענעם זוהן וואָס איז אין איין עלטער מיט דיר ?...

יצחק האָט אויך אַ שפּרונג געטאָן פאר שרעק און זיין הארץ האָט געקלאַפּט שרעקליך.

— עס קען נישט זיין ! אונמעגליך ! — האָט דאן קאראַנעל גערעדט — זי וועט דאָך נישט גלאַט אומזיסט אריינשפּרינגען אין די חיות׳ לאַפּעס. אזא אידעלע שוואכע פרוי וועט נישט געהן צווישען ווילדע חיות אָהן דער האָפנונג צו געפינען וואָס זי זוכט. די בענבאנעשטי פאמיליע איז אַ גרויסע. פאראן אַ סך אין פערשידענע שפּאַנישע שטעדט. ווער קען איצט וויסען ווער זי איז געוועזן און וואָס זי האָט זיך אָנגעקערט מיט אונז? זי האָט דאָך נישט געוואָלט אויסזאָגען איהר אידישען נאָמען !

דאָס האָט יצחק׳ן אַ ביסעל בערוהיגט.

---

פּלוצלינג האָט גראַציא זיך אָנגערופען :

— כ׳האָב עפּיס פערגעסען. זי האָט מיר איבערגעלאָזט אַ שטיק צירונג צום אנדענקען. אַ טייערן גאָלדענעם האַלזבאַנד בעזעצט מיט פּערל און אויסגעקריצטע צוויי ווערטער, וואָס איך ווייס נישט זייער בעדייטונג. זי האָט מיך נישט

געלערנט קיין לשון קודש און האָט מיר גישט געוואָלט זאָגען דעם טייטש פון די ווערטער.

— ווייז מיר — האָט דאן קאראנעל געזאָגט אומגעדולדיג.

— זיי אזוי גוט — האָט זי געזאָגט יצחק'ן — עפען מיין האנדטאש. אונטען ליגט א זיידען טיכעל שטארק פערוויקעלט. דאָרט איז דער האלזבאנד.

יצחק האט געבראכט דעם האלזבאנד און ווי דאָן קאראנעל האָט איהם דערזעהן, איז ער אויפגעשפרונגען און געשריגען ווילד:

— אוי, אן אומגליק ! אוי, וועה !

יצחק האָט זיך איינגעקוקט און דערזעהן אז אינמיטען צווישען די פערל זיצט א וואונדערליבער שטיין, אויפ'ן שטיין איז אויסגעקריצט א הויערנדער לייב מיט א האנד איבער איהם. אין דער זייט שטעהן די ווערטער : "יהודה-צדקה".

דאן קאראנעל איז געשטאנען פערשטיינערט בלאס מיט ווילדע אויגען. חנה איז צוגעלאָפען צו איהם און מיט שרעק געשריגען :

— טאטע ! וואָס איז דיר !

ער האָט זיך בעהערשט און טרויריג געזאָגט :

— איך קען גוט דעם האלזבאנד. ער שטאמט פון אָריענט. פון נשיא פון בבל. דער לייב מיט דער האנד איז זייער הערב. דעם האלזבאנד האט יהודה הבבלי געשאָנקען זיין ווייב יאסטא צו דער חתונה אין רוים.ביידענס נעמען זענען געוואָרען אויסגעקריצט אויף דעם האלזבאנד. יהודה און צדקה, דאס מיינט יאסטא אויף לשון קודש, דאס שטיק צירונג איז געבליבען הייליג אין דער פאמיליע. ביז עס איז געבראכט געוואָרען נאָך טאלידא. איינער פון דער פאמיליע האט דאָס געשאָנקען זיין כלה און איהר געזאָגט אזוי :

"די פערל זענען א מתנה צו דער איינציגער פערל, וואָס איז מיר טייערער פון אלע פערל אויף דער וועלט".

—די כלה האט געהייסען פערל—האט דאָן קאראנעל ווייטער גערעדט — מארגארעטא מיינט פערל. זייט גרייט, קינדער, פאר די שרעקליכע נייעס, וואס איך געה אייך זאָגען:

— שוועסטער מארגארעטא איז מיין טייערע שוועסטער,

די שוועסטער פון איהר זינדיגען ברודער... דיין טרייע מוה־מע איז זי געווען, מיין לעבעדיגע יתומה, חנה מיינע, דיין אומגליקליכע מאמע, דו פערלוירענער זוהן" — האָט ער געזאָגט צו יצחק'ן — איבער אייך האָט זי זיך געלאָזט וואַנ־לען און וואנדערן און זי איז פערכאפט געוואָרען אין דער בייזער נעץ. מען האָט זי געפייניגט און געמאַטערט און זי מקריב געווען צום "מולך", פערברענט לעבעדיגערהייט.

עס האָט אויסגעבראָכען אזא שרעקליך יאָמער אין שטוב. אלע דריי זענען געזעסען און ביטער געוויינט אָהן אויפ־הער.

---

דעם גאנצען טאָג און די נאכט האבען זיי נישט אויפגע־הערט וויינען. די אַלטע דינסט האָט זיי גערופען צום עסען, האָבען זיי זי ארויסגעשיקט פון צימער. יעדער איז געזעסען פאר זיך און געגאָסען טייכען טרערען אויף דער טייערער נשמה, וואס איז פערברענט געוואָרען לעבעדיגערהייט. דאן קאראנעל האָט געקלאגט מעהר פון אלעמען און געיאָמערט:

— זי האָט געליטען פאר מיינע זינד! ווען איך וואָלט זיך נישט גע'שמד'ט וואָלט נישט געקומען דאָס שוידערליכע אומגליק. איבער מיינע זינד! איך בין שולדיג!

זיי האָבען נישט געוואָלט אָנצינדען קיין ליכט. אין דער פינסטער זענען זיי געזעסען און בעקלאגט זייער בראָך. עס איז געוואָרען א שטארקע כמארע און עס האָט גערעגענט. דורכ'ן אָפענעם פענסטער האָט אריינגעקלאפט דער רעגען. עס האָט זיך זיי אויסגעוויזען אז דער הימעל וויינט מיט אויף זייער צער.

שפעטער האָט דער הימעל זיך אויסגעלייטערט. די לבנה האָט אָנגעהויבען שיינען און אריינגעשיינט אין צימער. דאָס לבנה ליכט האָט זיי א ביסעל בערוהיגט און זיי האָבען אָנ־געהויבען קומען צו זיך.

די גאנצע צייט איז חנה געלעגען אויפ'ן בעט איינגענו־רעט דאָס פנים אין קישען און נאס געמאכט דאָס קישען פון איהרע טרערען. דער פאָטער האָט זיך אויפגעהויבען דער ערשטער און צוגעגאנגען צו איהר. ער האָט זי אויפגעזעצט און ארומגענומען מיט איין האנד. ער האָט צוגערופען יצחק'ן

צו זיך און איהם ארומגענומען מיט דער צווייטער האנד. אזוי זענען זיי געזעסען ארומגענומען אין דרייען. דער פאטער האט אנגעשפארט דעם קאפ אויף זייערע קעפ, אפט געקושט זייערע קעפ און זיי האבען געקושט זיינע הענד.

אזוי זענען זיי געזעסען פערצאגט אין זייער שווערען טרויער. יעדער האט געזוכט טרייסט אין דער ליעבע וואס ער האט געפיהלט צום צווייטען. זיי האבען גארנישט גע־רעדט, נאר זייערע זיפצען האבען זיך געטראגען אין שטיל־קייט פון הויז.

---

פלוצלינג האבען זיך אריינגעטראגען מאנדאלינע קלאנ־גען, פאלשע, זיי האבען געגרילצט אין די אויערן. עמיצער מיט א הייזעריג קול האט געזונגען א סערענאדע. די שטימע האט געקלונגען ווי מען וואלט געזעגט האלץ. דאס געזאנג איז געווען ווי זאלץ אויף זייערע וואונדען און דאן קאראנעל האט געזאגט יצחק׳ן:

— טרייב איהם אוועק דעם אידיאט, זאל ער מעהר נישט אריינקומען צו אונז!

— נאר נישט מיט בייזען — האט חנה געזאגט — מיט דעם נאר טאר מען זיך נישט אנהויבען. בעט איהם אין גוטען, ער זאל מיך איצט לאזען צורוה, איך קען איהם איצט נישט זעהן.

יצחק איז ארויס אויף׳ן באלקאן און ביים לבנה־ליכט האט ער דערזעהען דאן אלאנזא׳ן. אנגעטאן אין געפאסטע קליידער, פעסט אויף׳ן לייב, מיט א גראבען גאר־טעל ארומגעגארטעלט; אויף׳ן הוט א לאנגע שטרויס־פעדער; אויף די פלייצעס א זיידען וועסטיל פערשפילעט ביים האלז מיט גאלדענע העקעלעך. ער האט געהאלטען די מאנדאלינא און זיין דאר פנים אויסגעשטעלט אינדער־הויך. יצחק האט איהם געזאגט:

— די דאנא בעט דיך זאלסט זי איצט לאזען צורוה און געהן געזונטערהייט אהיים!

— אט דאס איז א שפאנישע דאנא! — האט אלאנזא געזאגט דערפרייט — זי האט א שעהנעם יונג פאר א דינער ווי אלע אריסטאקראטישע קינדער. אז דיין הארנטע וועט

מיר שענקען איהר ליעבע, וועל איך דיר אָנטאָן דעם כבוד און דיך בעשטימען פאר מיין פּאַזש. זאָג דער דאנא אז דאן אלאנזא, איהר העלד און ריטער, וואַרט אויף איהר.

— די דאנא איז טרויריג איצט, זי קען דיך נישט זעהן.

— אויב זי איז טרויעריג, טאָ ווער וועט זי טרייסטען, אויב נישט איך? ווער קען זי דען אמוזירען אזוי גוט ווי איך? דערפאר האָב איך אריבערגעשפּרונגען די גארטען־מויער צו שפּילען און זינגען פאר איהר. זאָל זי הערען מיין ליעד וועט איהר ווערען גרינגער — האט אלאנזא געזאגט און וייטער רוהיג געזונגען זיין ליעבע־ליעד צו גראציא׳ן.

— וואָס קען מען טאָן מיט דעם שוטה? — איז יצחק אריין אינוויינינג און געפרעגט חנה׳ן.

— רוף איהם שוין ארויף, אבי זאָל ער אויפהערען זינגען — האָט חנה געזאָגט אומעטיג.

— איך געה ארויס — האָט דער פּאָטער געזאָגט — איך קען פערלירען דאָס געדולד און איהם אראָפּשלײדערן פון אלע שטיגען.

— טאטע, זיי זיכער ער וועט לאנג נישט זיצען דאָ און עס וועט דויערן לאנג ביז ער וועט קומען אונז זעהן — האָט חנה געזאָגט בייז.

יצחק איז אַרויס אויפ׳ן באלקאן און געזאָגט:

— די דאנא האָט געזאָגט אז דאן אלאנזא קען אריינגעהן דורך׳ן טויער אויב ער וויל זי זעהן.

— ניין, מיין פריינדליך אינגעל—האט אלאָנזא געזאגט שטאָלץ — א ריטער געהט נישט צו זיין געליעבטע דורך׳ן טויער. ווי א רויבער קריכט ער דורך׳ן פענסטער און נעמט זי צו.

— גיב איהם נאָך זיין נארישקייט — האָט חנה געזאָגט— זאָל ער ארויף אויף א שטריק, ער וועט זיך אבער דערוועגען און אויפהערען אונז נודיען.

יצחק איז ארויס צום דריטען מאָל און געזאָגט:

— די דאנא האָט געזאָגט אז עס זאָל זיין ווי דו ווילסט.

— שטעה און כאפּ דעם שטריק וואָס איך וועל דיר וואר־פען. בינד אָן אן באלקאן, אָבער פעסט. טאָמער צוברעך איך

דאָס גנעיק וועל איך דיר שפּאַלטען דיין קאָפּ — האָט אַלאַנזאַ געזאָגט צו יצחק'ן.

אַלאַנזאַ האָט אַוועקגעלייגט די מאַנדאַלינאַ אויף דער ערד, אָפּגעוויקעלט אַ לאַנגען שטריק פון לייב און צוגעוואָרפּען יצחק'ן און ער האָט איהם אָנגעבונדען אַן באַלקאָן. דערנאָך איז יצחק אריין אין שטוב און אויף חנה'ס בעפעהל פערשלאָסען די טיר.

אַלאַנזאַ האָט אָנגעהויבען קריכען אויפ'ן שטריק. דער שוויס האָט זיך געגאָסען פון איהם ביז ער איז אַרויף אויפ'ן באַלקאָן. דאָ האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער האָט פערגעסען אַרויפצונעמען די מאַנדאַלינאַ. ער האָט שוין אָבער געהאַט געשוואָלענע הענד אַראָפּצולאָזען זיך נאָך איהר און צוריק אַרויפקריכען, האָט ער געזאָגט יצחק'ן, ער זאָל אַראָפּגעהן נאָך דער מאַנדאַלינאַ. קיינער האָט איהם אָבער נישט געענטפערט. ער האָט אָנגעקלאַפּט אַן טיר, די דאנא זאָל איהם אַריינלאָזען.

— אָט דאָס איז טאַקי אַ שפּאַנישע דאנא ! — האָט ער געזאָגט — נישט ווי די פּאָרטוגעזישע דאנאס וואָס לויפען אַקעגען זייערע געליעבטע. די שפּאַנישע דאנאס לאָזען זיך בעטען. איך וועל אַראָפּגעהן נאָך דער מאַנדאַלינאַ און מיט מיין שפּילען וועל איך געווינען דאָס הארץ פון מיין ליעבע דאנא.

ער איז אַראָפּ נאָך דער מאַנדאַלינאַ און מיט גרויס מיה איז ער ענדליך ווידער אַרויף אויפ'ן באַלקאָן און ווידער אָנגעהויבען שפּילען און זינגען, פּלוצלונג האָט דער הימעל זיך פערוואָלקענט. עס האָט אָנגעהויבען שטאַרק רעגענען און ער איז געבליבען אויפ'ן אָפּענעם באַלקאָן אונטער דעם שלאַקסרעגען. ער האָט געקלאַפּט אין טיר און קיינער האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף איהם. זיי האָבען זיך געזעצט עסען און געגאַנגען שלאָפען.

צומאָרגענס האָט דאָן קאַראַנעל זיך געזעהן מיט דאָן ראַדריגאָ'ן און איהם געוואָרנט ער זאָל נישט ברענגען אויף זיך אַן אומגליק, אויב ער וועט נישט עפּיס טאָן פאַר'ן פּאָלק. ער האָט איבערגערעדט וועגען דעם צופאַל אין אַמפּיטעאַטער. דאָן ראַדריגאָ'ן האָט דאָס נישט גענאַרט. ער האָט זיך פער־

לאָזט אויף'ן קעניגליכען מיליטער וואס איז געשטאַנען גרייט צו זיין הילף.

— א מאָדנע זאך ! — האָט דאָן ראָדריגא געזאָגט — פאַראַן א סך אַריסטאָקראַטען וואָס האָבען דעם זעלבען אמט וואָס איך. זיי שטיקען דאָס פאָלק מעהר ווי איך און קיינער רעדט נישט קיין וואָרט. טאָמער טוט דאָס אונזערס איינער ווארפט דאָס פאָלק אויף איהם די גאַנצע שולד. וואָס בין איך שולדיג אז שוין צוויי יאָהר ווי עס איז נישט געווען קיין גערעטעניש ? איך מוז דאָך פאָלגען דעם קעניג : איינמאָהנען די טאַקסעס. אויב נישט, וועל איך און מיין הויזגעזינד אויס־געהן פאר הונגער. איך נעם דאָך דאָס וואָס מיר קומט און זיי ווילען מיך דערפאַר דער'הרג'ענען. איך ווייס, זיי זענען נישט בייז איבער די טאַקסעס, נאָר דערפאַר וואָס מיינע עלטערן זענען געווען אידען. דאָס דאָזיגע פערברעכען ווילען זיי מיר קיינמאָל נישט מוחל זיין.

— אמת, אָבער דאָך... דאָן קאַראַנעל האָט ווייטער גע־וואָלט רעדען, נאָר דאָן ראָדריגאָ האט פערכאַפּט:

— וואָס נאָך קען איך טאָן זיי זאָלען פערגעסען מיין אידישע אָפּשטאַמונג ? מיין הויז איז פול רעליגיעזע בילדער. מיין איינציגער זוהן האָט געהאט לעהרער בלויז גלחים און מאָנאַכען. איך געהער זיך נישט אָן מיט די אנוסים. אלע מיינע דינער זענען ריכטיגע קריסטען. איך פערברענג בע־סער מיט א שיכור'ן קנעכט וואָס איז א ריין־בלוטיגער קריסט איידער מיט דעם גרעסטען דאָן וואָס האָט אין זיך אפילו איין טראָפּען אידיש בלוט. און דאָך גלויבען זיי מיר נישט און ווילען מיר נישט גלויבען. אומזיסט מיין שטרענג אָפּ־היטען קריסטענטום מעהר פאר זיי. איך מעג א סך פאַסטען און געהן אין קירכע, מיין זוהן זאָל זיך נישט ריהרען אָהן צו דערמאָנען די "הייליגע", גלויבען זיי נישט אונז. זיי האַל־טען אונז פאר אנוסים. נישט פאר ריכטיגע קריסטען, נאָר פאר פערשטעלטע. דאָס איז דאָס אומגליק.

דאָן קאראנעל האָט איהם דערצעהלט ווי נאַריש אלאַנזא האָט זיך נעכטען ביינאַכט אויפגעפיהרט. דעם פאָטער האָט עס אָבער נישט געאַרט :

— אַזוי פיהרען זיך דאָך די יונגע אַריסטאָקראַטען. די

אריסטאָקראַטישע טעכטער וואָלטען דאָס געהאַלטען פאר אַ גרויסע עהרע אויב מיין זוהן וואָלט ביינאכט געקומען צו זיי זינגען א סערענאדע.

ווען ער האָט געוואָהר געוואָרען אז חנה האָט איהם נישט געוואָלט אריינלאָזען, האָט עס איהם שטאַרק פערדראָסען און ער האָט געזאָגט מיט כעס:

— דיין טאָכטער האָט נישט בעליידיגט מיין זוהן, נאָר דיך און זיך אליין. זי האָט דערמיט בעוויזען אז זי איז אַ אידיש קינד און אומזיסט איז געווען די מיה פון איהרע לעהרער אין דעם אריסטאָקראַטישען אינסטיטוט אין שפּאַניען. אויף איהר קען מען זאָגען דאָס קלוגע שפּריכוואָרט: "מעגסט צושטויסען דעם איד אין א שטויסעל וועסטו נישט ארויסשטויסען זיין אידישקייט".

דאָן ראָדריגא איז אוועק שטאַרק אויפגערעגט. דאן קאראַנעל האָט דערזעהן אז ער איז א געפעהרליכער מענש און עס האָט איהם שוין באנג געטאָן וואָס ער האָט איהם געבעטען ברענגען זיין חנה'ן פון שפּאַניען. ער האָט מורא געהאַט עס זאָל נישט ארויסקומען אַ רעה פון דער טובה. ער איז אָבער צופריעדען געווען וואָס דאן ראדריגא איז אין כעס, וועט זיין משוגע'נער זוהן נישט קומען מעהר צו איהם און דולען חנה'ן א פולען קאָפּ.

דאָן אלאנזא האט אויפגעהערט קומען. ער האט זי אבער נישט פערגעסען. וואו זי איז געגאנגען איז ער איהר נאָכגעגאנגען ווי א שאטען און געווארט זי זאָל איהם צורופען. זי האט אָבער זיך נישט אומגעקוקט אויף איהם. עטליכע מאָל האָט מען איהם געזעהן זיך דרעהען אין גארטען. זי האָט געוואָלט אָנזאָגען די דינער, זיי זאָלען איהם אוועקטרייבען. דאן קאראנעל האט זי אבער אפּגעהאלטען דערפון און געזאָגט:

— דער פאָטער זיינער האָט דאָך מיר געטאָן אַ טובה, ער האָט דיך געבראכט. לאָמיר איהם לאָזען צורוה, וועט איהם מיאוס ווערען.

זיי האָבען נישט אויפגעהערט טרויערן אויף יצחק'ס אומגליקליכע מוטער. יצחק איז מעהר נישט געגאנגען זיך לערנען שפּילען, זינגען און טאַנצען. חנה איז אויך נישט

ארויס פון הויז. און יצחק האט זי אנגעהויבען לערנען לשון־קודש. זי האט איהם געלערענט אלגעמיינע למודים. דאס רוב האבען זיי געשמועסט וועגען זייער פאמיליע, וועגען די אנוסים און זייער געפלאגט פאלק.

יצחק מיט חנה'ן האבען זיך שטארק דערנעהנטערט און געווארען צוגעבונדען איינער צום אנדערן. ער איז וואונדער־ליך אויסגעוואקסען. און דאן קאראנעל איז געווען גליקליך דאס צו זעהן. ער האט געוואלט זיי זאלען זיך ליעב האבען. און מיט שמחה האבען זיי דערפילט זיין פערלאנג.

עס איז אוועק א חודש. עס איז געקומען פסח. אין דאן קאראנעל'ס הויז איז נישט געזעהן געווארען קיין צייכען פון אידישען יום־טוב. דאס הויז איז ווייטער געווען קריסטליך. אויף די וואנד איז געהאנגען רעליגיעזע בילדער אין גאלדענע ראהמען. אין ווינקעל א יעזוס בילד מיט א לעמפעל, וואס ברענט שטענדיג. איבער'ן בילד א גאלד־שטערן וואס האט פערלויכטען די שטוב. אונטער'ן בילד א טייטעל־צווייג. די גאנצע צייט איז פלייש נישט אריינגעקומען אין הויז אריין. די פאסט־טעג. אין גאנצען הויז איז נישט געווען קיין סימן פון אידישקייט.

נאר אין יצחק'ס צימער זענען געווען א פאר העברע־אישע ספרים וואס זיי האבען ארויפגענומען פון דער הייהל פאר איהם מיט חנה'ן. נאר אן אנוס פיהלט דעם הימלישען פערגעניגען פון אידישקייט. יעדע ברכה וואס זיי האבען גע־מאכט האט זיי פערשאפט דעם גרעסטען תענוג. אז דאן קאראנעל האט אנגעזאגט די קינדער אז באלד וועט זיין פסח און זיי וועלען אפריכטען דעם סדר, האבען זיי זיך גע־פרייט אהן א שיעור און מיט אומגעדולד געווארט אויף דעם גרויסען אבענד.

---

עס איז געקומען צו זיי זעהר א חשוב'ער גאסט, דער אל־טער בעריהמטער רב שלמה איבן ווירגא, וואס איז געווען איינער פון די פיהרער פון שפאנישען יודענטום. רב שלמה האט צוזאמען מיט רבי יצחק אבוהב אויסגעוואנדערט בשעת דעם גירוש פון שפאניען נאך פארטוגאל.

צו רב שלמה'ן האט יהודה לעאן אברבנאל געהאט אוועק־

געשיקט בײנאַכט זײן קינד יצחק צו ראַטעװען איהם פון די דאמיניקאנער, נאָר די שפּיאָנען האָבען איהם נאָכגעיאָגט און דער פּאָרטוגעזישער קעניג האָט איהם אָפּגע'שמד'ט, ביז זײן פעטער דאָן קאראנעל האט איהם צוריקגעבראכט צו זײן גאָט.

רבי שלמה איבן װירגא האט געלעבט ריהיג אין פּאָרטא, פּאָרטוגאל, ביז דער צײט װען דער פּאָרטוגעזישער קעניג דאָן מענועל האט איבער זײן װײב איזאבעלא די צװײטע אַרויסגעגעבען די שמד־גזרה אויף אלע אידען פון זײן לאַנד.

רבי שלמה איבן װירגא איז געװאָרען אַן אנוס. נײן יאָהר האָט ער געלעבט אין ביטערע פּײן און האַרצװײטאָג ביז ער האָט ביסלעכװײז פערקויפט זײנע הײזער און גיטער און זײן גאַנצע פאַמיליע האָט אײנציגװײס פערלאָזט דאָס לאַנד. ער איז איצט געקומען נאָך ליסאבאָן, די הויפּט־שטאָדט צו ליקװידירען אלע געשעפטען און פאַהרען נאָך טערקײ, װאו אידען לעבען רוהיג.

ער איז געקומען זעהן זײן פרײנד דאָן קאראנעל. די פרײנד האָבען זיך שטאַרק דערפרעהט און דאָן קאראנעל האָט פאָרגעשטעלט פאר איהם זײן טאָכטער חנה און יצחק'ן און ער האט איהם אָנגעזאָגט די בשורה אז זײ זענען געטרײע אידען. ער האָט איהם דערצעהלט די אומגליקען װאָס זענען געקומען אויף דער אברבנאל משפּחה און פון יצחק'ס מוטער'ס מאַרטירערישען טויט אויף'ן שײטערהויפען און דער אַלטער האָט ביטער געװײנט.

די װאונד האָט זיך געעפענט בײ אַלעמען און זײ האָבען װידער שטאַרק געקלאָגט. דערנאָך האָט דער אַלטער זײ געטרײסט. און אז דאָן קאראנעל האָט איהם דערצעהלט פון דער הײהל מיט דעם סדר, האט דער אַלטער זיך שטאַרק געפרעהט, װײל שוין נײן יאָהר האָבען זײ נישט געהאַלטען קײן סדר אין פּאָרטא.

אין דער הײהל האָבען דאָן קאראנעל'ס געטרײע דיענער און די אַלטע דינסט צוגעגרײט אויף פּסח. זײ האָבען געבאַקען מצות, געבראַכט װײן און עופות צו שעכטען. ערב פּסח האָבען זײ געגרײט צום טיש. אויפגעשטעלט די זילבערנע מנורות און פיעל טײערע גאָלדענע, זילבערנע און גלעזערנע

בלים, געגוג פאר אלעמען. אויסער דער פאמיליע זענען נאך אנוסים געוועןן געלאדען צום סדר.

דעם זעלבען טאג זענען אלע געגאנגען אין קירכע. רב שלמה איז אויך מיטגעגאנגען. זיי האבען זיך בעטייליגט אין געבעט און געמאכט די קאנפעסיע ווי אלע קריסטען אין די פאסט־טעג. דערמיט האבען זיי געוואלט אראפנעמען פון זיך יעדען חשד אז זיי היטען אידישקייט און די גלחים מיט די שפיאנען זאלען זיי לאזען צורוה.

אין אבענד האבען זיי פערשלאסען דאס טויער און אלע זענען אראפ אין דער הייהל. די מנורות־ליכט האבען פער־שפרייט א הייליגע ליכטיגקייט. דער רייכגעגרייטער טיש מיט דעם ווייסען טישטוך האט דערפרייט זייערע הערצער און זיי האבען זיך געזעצט צום סדר. זיי זענען געווען אכ־צעהן פערשוין. אויבען־אן אויפ'ן היסב־בעט איז געזעסען דער עלטסטער, דער וויכטיגער גאסט רב שלמה איבן ווירגא. עס זענען דארט אויך געווען די חשוב'סטע אנוסים פון שטאדט, דאן קאראנעל'ס בעסטע פריינד.

עס איז געווען דער אלטער בעריהמטער דאקטאר דאן מעגאעל דע קאסטא מיט זיין פרוי, זוהן און יונגערן ברודער; דער אנגעזעהענער סוחר הערנאנעמא דע פינטא און זיין טאכ־טער מיט'ן איידים.

עס האט נאר געפעהלט דאן ראדריגא. פאראיאהרען איז ער יא געווען צום סדר. ער איז אבער פריהער אויך גע־קומען אליין. זיין זוהן דאן אלאנזא האט נישט געוואלט הא־בען צו טאן מיט אידישקייט. דאס מאל איז דאן ראדריגא אליין אויך נישט געקומען. רב שלמה איז געווען בעקאנט אין דער הייהל. ער איז דארט אפט געוועזען ווען זיין מחותן דאן יצחק אברבנאל איז געווען דער בעל־הבית פון פאלאץ. ער האט גלייך אויפגעזוכט די געהיימע טיר אין וואנד וואס פיהרט ארויס אין גארטען. די טיר איז געווען א שוץ פאר אן אנפאל.

---

מיט טרערען אין די אויגען האט רב שלמה געמאכט קידוש. אלע האבען געטרונקען דאס ערשטע כוס און אנגע־הויבען זאגען די הגדה. רב שלמה האט געזאגט און דאן

קאראנעל האָט איבערזעצט אויף שפּאַניש יעדעס וואָרט.

אָפּט איז דאָס זאָגען געוואָרען איבערגעריסען. מען האָט געשטעלט פראַגען און רב שלמה מיט'ן בעל־הבית האָבען געענטפערט. ביים "כהא לחמא עניא" זענען אלע געוואָרען זעהר טרויריג און רב שלמה האָט מיט צער געזאָגט:

— מיר עסען דאָס "אָרימע ברויט" פּונקט ווי אונזערע עלטערן האָבען עס געגעסען מיט קנאַפּע דריי טויזענט יאָהר צוריק. "די לענדען אָנגעגאַרטעלט, די שיך אויף די פיס און די שטעקענס אין די הענד" גרייט צום וואַנדערן. גרייט צו פערלאָזען דאס בייזע פינסטערע לאַנד נאָך די מזרח־לענדער, וואו עס איז גוט אונזערע ברידער.

— כל דכפין ייתי וייכול — האָט רב שלמה געזאָגט און דאַן קאראנעל האָט עס פערטייטשט און צוגעגעבען:

— דאָס איז נאָר בלויז געזאָגט. מיר קענען עס נישט מקיים זיין. א סך ברידער זענען איצט הונגעריג נאָך דעם "ברויט". זיי האָבען אָבער נישט קיין אָרט וואו דאָס צו עסען. מיר האָבען זיי נישט געקענט נעמען אהער, מיר זאָלען נישט ברענגען אן אומגליק אויף אַלעמען.

— השתא הכא, לשנה הבאה בארעא דישראל—האט רב שלמה געזאָגט מיט גרוים האָפנונג — מיר זאָלען דערלעבען איבעראיאָהר צו זיין אין א לאנד וואו מיר זאָלען קענען אומ־געשטערט דינען אונזער גאָט.

— היי־יאָהר זענען מיר אנוסים — האָט דער אלטער דאָקטאָר דאַן מעגאעל געזאָגט — מיר דינען אונזער גאָט אין געהיים. לאָמיר דערלעבען איבעראיאָהר צו זיין רעכטע אידען און דינען אונזער גאָט אָפען פאר דער גאַנצער וועלט!

— אמן! אמן! — האָבען אלע נאָכגעזאָגט מיט גרויס געפיהל.

ווען זיי האָבען געזאָגט "והיא שעמדה לאבותנו ולנו" האָבען זיי געפיהלט א גרויסע פרייד. באלד איז אָבער די שמחה פערשוואונדען. זיי האָבען דערמאָנט אז "לבן האָט געוואָלט אלעמען אויסרייסען", האָט דאַן מעגאעל געזיפצט:

— לבן הרשע האָט נאָר געוואָלט אויסרייסען און די היינטיגע רשעים פארנאנדא אין שפאניען און יאאן און מע־נועל אין פּאָרטוגאל האבען אלין אויסגעריסען. זיי האבען

אונז געצוואונגען צו שמד. וואָס העלפען די עטליכע אנוסים, זיי ציטערן דאָך פאר די שונאים. מיר קענען נישט אָפּהיטען אידישקייט און וואָס וועט זיין מיט די שפּעטערדיגע דורות? אונזער פערבאָרגען אידישקייט וועט ווערען פערגעסען און עס וועט נישט בלייבען קיין איבערבלייבונג פון אונז.

— לאָמיר פערלאָזען דאָס שלעכטע לאנד — האָט רב שלמה געזאָגט.

— אייך, רבי, איז גרינג — האָט געזאָגט דער סוחר הערנאנעמא — איהר האָט ליקווידירט אייערע געשעפטען, קענט איהר פאָהרען וואוהין איהר ווילט. וואָס זאָל איך טאָן, אז מיין גאנץ פערמעגען ליגט אין אזעלכע געשעפטען וואס איך קען זיי ניט ליקווידירען. איך קען דאָך נישט אלץ איבערלאָזען און אוועקפאָהרען הויל און נאקעט. איך און מיין פאמיליע וועלען ליידען הונגער און הונגער פיהרט דאָך סיי־ווי דעם מענשען אראָפּ פון גלייכען וועג.

— די אנוסים טאָרען נישט גרופּעסוויים פערלאָזען דאָס לאנד—האט זיך אנגערופען דאן אפאנזא דע קאסטא, דעם דאָקטאָר'ס ברודער — די רעגירונג איז גענוג בייז ווען אנוסים פאָהרען ארויס איינציגוויים. עטליכע מאָל האָט דער קעניג אין גאנצען פערבאָטען די אנוסים א־ויסצופאָהרען פון לאנד.

— אָבער ביז די ישועה וועט קומען פון הימעל — האָט הערנאנעמא געזאָגט מיט ווייטאָג — וועלען מיר עס נישט דערלעבען. דער קעניג האָט אונז געגעבען צוואנציג יאָהר צייט צוצוגעוועהנען זיך צו דעם נייעם גלויבען. די בעאמטע רעכענען זיך אָבער נישט מיט'ן קעניגליכען בעפעהל. די גלחים העצען דאָס פאָלק און זיי ווילען נאָר דאָ איינפיהרען די שפּאנישע אינקוויזיציע. דאָס פעבעל איז שרעקליך אויפּגערעגט, זיי וועלען אונז פערטיליגען.

— לאָמיר האָפען אויף אונזער גאָט, ער וועט אונז שיקען די ריכטיגע ישועה! — האָט געזאָגט רב שלמה און מען האָט ווייטער געזאָגט די הגדה.

זיי האָבען געטרונקען דאָס צווייטע כוס, זיך געוואשען און געגעסען מצה און מרור. און הערנאנעמא האָט זיך אָנגערופען:

— ביי צוויי און א האלב טויזענט יאהר האבען אונזערע עלטערן געגעסען מצה און זיי האבען נישט געליטען פון פאלשען בלוט־בלבול. פלוצלונג, מיט דריי הונדערט און דריי און דרייסיג יאהר צוריק האט א בייזער פיינט אויסגע־טראכט דאס געמיינע בלוט־בלבול און מיר ליידען נאך היינט דערפון. וויפיעל אידען זענען אומגעקומען איבער דעם בלבול! וויפיעל אידישע קהלות זענען אויסגעריסען געווארען מיט'ן ווארצעל און וויפיעל צעהנ־טויזענטער אידען זענען אומגעבראכט געווארען מיט א שרעקליכען טויט איבער דעם ווילדען בלבול.

— וועגען דעם ווילדען בלוט־בלבול האב איך געשריבען אין מיין ספר "שבט יהודה", וואס עס האט געזאגט אויף דעם דער קריסטליכער געלעהרטער טאמאש—האט געזאגט רב שלמה — ער האט דערקלערט דעם שפאנישען קעניג אלפאנזא אז עס איז א ליגען. אידען טארען נישט נוצען קיין בלוט. אזעלכע רייד פון א קריסט וועלען מאכען אן איינדרוק און מען וועט מעהר נישט מאכען אויף אונז אזא ווילדען בלבול. גאט וועט העלפען און אונז אומקערען אין אונזער לאנד, אין לאנד פון אונזערע אבות.

די ווערטער האבען זיי אנגעפילט מיט מוטה און האפ־נונג אז גאט וועט שיקען זיין הילף. דאן קאראנעל האט אנ־געהויבען זינגען אן אנוסים־ליעד אין שפאניש געמישט מיט העברעאיש. דאס ליעד איז געווען פול האפנונג און גלויבען אז גאט דער איינציגער וועט זיין פאלק דאס געפלאגטע אויסלייזען, און אלע האבען מיטגעזונגען מיט גרויס געפיהל.

פלוצלינג האט מען דערהערט שווערע טריט און געוועהר־קלאנגען ביים ארייננאנג פון הייהל. אין א רגע איז די טיר געשטאנען אפען און בעאמטע, פאליציי און סאלדאטען האבען זיך אריינגעריסען. פון הינטער זיי האט זיך דערהערט א בעקאנטע שטימע:

— הייליגער סאבאסטיאנא! טאטע, דו הערסט זיי זינגען דאך!

— פערלעשט די ליכט! — האט רב שלמה געגעבען א געשריי. ער האט אראפגעכאפט די יארמולקע פון קאפ און מיט איין פאך אויסגעלאשען די ליכט לעבען זיך.

די איבעריגע האָבען פאר שרעק זיך נישט געקענט ריה־רען פון אָרט. זייער פערלעשען די איבעריגע ליכט וואָלט סיי ווי נישט געהאָלפען. די פּאָליציי האט געהאט מיט זיך לעמפּלעך.

— בינדט די הינט ! — האָט דער הויפּטמאַן בעפוילען —שלעפּט די געמיינע באַנדע אין געפענגניש, מען וועט זיי שוין משפּט'ן פאר זייערע שווערע זינד !

— אוועק פון דאַנען! איהר זאלט קיינעם נישט טשעפּען —האט געזאגט שטאָלץ דאָן קאראנעל—געהט אהיים און בעט דעם שפּאנישען קאָנסול דאָן יאַאן דע קאראנעל, וואָס זיין פּאַ־לאַץ איז אונבעריהרליך, ער זאל אייך נישט פערקלאָגען פאר אייער קעניג ווייל איהר האט געוואגט איינצוברעכען אין זיין הויז און פערשוועכען זיין רעכט.

— איידער דו ווילסט אונז פערקלאָגען, פערפלוכטער איד, גרייט זיך בעסער פאר'ן טויט־שטראָף. ביזט בעגאנגען א טאָ־פּעלט פערברעכען. ביזט פּאַלש אונזער גלויבען און דיין קע־ניג און אונזער קעניג.

— סאָלדאַטען!—האט דער הויפּטמאַן געגעבען א גע־שריי—בינדט זיי אלעמען און איך וועל גלייך לאָזען וויסען דעם קעניג פון דעם פערברעכען.

דער יום טוב איז געוואָרען פערשטערט. פון דער גרויסער פרייד איז געוואָרען א גרויס טרויער. נאָר איין רב שלמה האט זיך געראטעוועט דורך דער געהיימער טיר, יוען ער האט פער־לאָשען די ליכט. די פּאָליציי האט אלעמען געבונדען און אוועקגעפיהרט אין זעלבען געפענגניש פון וואנען דאן קאַ־ראנעל האט פּאראיאהרען ארויסגענומען יצחק'ן.

ווי שאָף צו דער שחיטה זענען די אומגליקליכע ארייננגע־שטויסען געוואָרען אין פינסטערן געפענגניש. איינס דאס אנ־דערע האט נישט געזעהן. זיי האבען זיך נאָר דערקענט לויט די שטימען. חנה מיט יצחק'ן האבען מעהר געציטערט פאר דאָן קאראנעל'ן ווי פאר זיך. זיי האבען געוואוסט אז איהם ערווארט א שרעקליכער סוף. ער וועט ווערען איבערגעגעבען דער שפּאנישער אינקוויזיציע.

זיי זענען ארויפגעפאלען, געקושט זיינע הענד און ביטער געוויינט. ער האט זיי געקושט און געשוויגען. זיי האבען נישט

גערעדט קיין וואָרט. זיי האבען שטומערהייט פערשטאַנען וואָסערע אומגליק עס לויערט אויף זיי.

א גאנצען טאָג האבען זיי זיך נישט צוגעריהרט צום עסען וואס מען האט זיי דערלאנגט. צומאָרגענס אויפדערנאכט איז אריינגעקומען דער הויפטמאן מיט סאָלדאטען און פערשריבען איטליכענס נאָמען, זיי זיינען געווען זיבעצעהן פארשוין. מען האט זיי אריינגענומען אין א גרעסער צימער, אראפגענומען די קייטען און די תפיסה בעדיענטע האבען זיי בעדינט. איצט האט זיי גאָר נישט געפעהלט נאָר די פרייהייט און ווען נישט די מורא פאר'ן בייזען משפט וואלט זיי גאָרנישט געאַרט.

די פערגרינגערונג האבען זיי געקראָגען אויפ'ן קעניג דאָן מענועל'ס בעפעהל, וואס איז דעמאָלט געווען ווייט פון דער הויפט־שטאָדט. זייט זיין פרוי איזאבעלא די צווייטע איז גע־שטאָרבען האט ער געהאט חרטה אויף דעם בייז וואס ער האט געטאָן צו די אידען פון זיין לאַנד. ער האט בעשיצט די אנוסים און פערגרינגערט זייער שטראָף. די פאָרטוגעזישע הויכע גלחים האבען געהאלטען מיט'ן קעניג, זיי האבען געזאגט אז מען קען נישט בעשטראפען די אנוסים פאר זייער אומטריי־הייט צום גלויבען וואס איז געוואָרען אויף זיי ארויפגע־צוואונגען.

פרייטאג, אסרו חג, דעם ניינטען טאָג פון זייער זיצען אין תפיסה זענען אלע אנוסים, פאָרטוגעזישע אונטערטאנען, בע־פרייט געוואָרען. דאָן קאראנעל, זיין טאָכטער חנה, און יצחק זענען געבליבען אין תפיסה. אויף דאָן קאראנעל מיט זיין טאָכטער האט פאָרטוגאל קיין רעכט נישט געהאט. זיי האבען געמוזט ווערען ארויסגעגעבען דער שפאנישער אינקוויזיציע. און יצחק איז פערהאלטען געוואָרען, ווייל ער איז געוואָרען גע'שמד'ט אלס קינד, ווען ער האט נישט געקענט מאכען א חילוק פון גלויבען צו גלויבען, איז ער נישט פעררעכענט גע־וואָרען אלס איינער פון די אנוסים, מען זאָל איהם באפרייען, נאָר אלס קריסט וואס האט אנגענומען דאס אידישע גלויבען.

דאס האבען זיי זיך דערוואוסט פון תפיסה הויפטמאן, וואס האט גוט געקענט דאָן קאָראָנעל'ן און יצחק'ן פון פאָר־איאָהרען. פריהער, ווען די איבעריגע ארעסטירטע זענען גע־ווען אין תפיסה האט ער געמאכט זיך ווי ער קען זיי נישט.

איצט ווען נאָר זיי דריי זענען געזעסען האט ער זיי גוט בע־האַנדעלט און ער האט זיי אויך דערצעהלט אז דאָן ראָד־ריגאָ מיט זיין זוהן אלאנזא האבען זיי גע'מסר'ט און אנ־געוויזען אויף דער פערבאָרגענער הייהל.

אויפ'ן דריטען טאָג, נאָכדעם ווי די פּאָרטוגעזישע אנוסים זענען ארויס פריי, איז דער גוטער תפיסה־הויפּטמאַן אריינגע־קומען א בלאסער און זיי דערצעהלט, אז דאס פּעבעל האט געמאכט א שחיטה אויף די אנוסים פון שטאָדט און אז דער אַלטער דאָקטאָר דאָן מענאעל און זיין ברודער דאן אפּאָנזא, וואס זענען ערשט ארויס פון געפענגנים זענען צווישען די טויטע.

די דאָמיניקאנער מאָנאכען זענען געוואָהר געוואָרען אז די אנוסים וואס מען האט געכאפּט ביים סדר זענען ארויס פריי, ווייל דער קעניג מיט די הויכע גלחים האבען זיי דער־קלערט אומשולדיג, דאס האט זיי אויפגעקאָכט און זיי האבען בעשלאָסען נעמען נקמה פון די "אפּיקורסים". זונטאג, דער ערשטער טאָג נאָך זייער פּאסכא האבען זיי אפּגעריכט א געבעט אין זייער מאָנאסטיר, אז עס זאל זיך אָפּטאָן די עפּי־דעמיע וואס איז אומגעגאנגען. גרויסע מאסען זענען געקומען צום מאָנאסטיר און אנידערגעקניהט. עס זענען אויך, ווי דער שטייגער, געקומען א סך אנוסים.

פלוצלונג איז געשעהן א וואונדער. פון דעם גלעזערנעם קאסטען לעבען צלם אויפ'ן אַלטאר איז ארויס א פלאם. אלע זענען געבליבען געפּלעפט.

א מאָנאך איז ארויס מיט א פייערדיגע רעדע און דער־קלערט די מאסען אז דאס איז א סימן פון גאָט'ס צאָרן. גאָט'ס כעס ברענט ווי פייער אויף די פערפלוכטע אנוסים, וואס לעסטערן זיין נאָמען און איבער זיי איז דאס אומגליק מיט דער עפּידעמיע.

דער אנוס דאן אפּאָנזא איז געווען דערביי און ער האָט זיך נישט געקענט איינהאלטען און ער האט זיך אנגערופען:

— דער פלאם קומט פון ליכט וואס ברענט אונטער'ן גלעזערנעם קאסטען!

דאס פינסטערע פּעבעל איז געוואָרען אויפגערעגט און ארויסגעשלעפּט דעם יונגען דאן אפּאָנזא אין דרויסען און

מענער מיט פרויען האבען איהם אזוי לאנג געשלאָגען ביז ער איז געבליבען טויט אונטער זייערע הענד. זיין ברודער, דער אלטער דאקטאר, איז צוגעלאָפען און געבעטען רחמנות, האבען זיי איהם אויך דער׳הרג׳עט.

די מאָנאָכען האבען אנגעלייגט פייער און פערברענט די טויטע און די צוויי פאַנאַטישע מאָנאָכען יאאנא מארא און בערנאלדא פון אראגאן זיינען מיט׳ן צלם אין די הענד געלאָפען איבער די גאסען און גערופען דאָס פאָלק צו נעמען נקמה אָן די מאראנען, וואָס פארשוועכען גאָט׳ס נאָמען.

---

דאס גאנצע פעבעל פון אלע עקען ליסאַבאָן איז צוזאמענגעלאָפען. עס זענען אויך געקומען די דייטשע, פראנצויזישע און פלאנדעריאנישע מאטראָסען און צוזאווילדעטע האבען זיי זיך געוואָרפען אויף די אנוסים.

יעדען מאראן וואָס איז אריינגעפאלען אין זייערע הענד האבען זיי גרויזאם געשלאָגען. דערנאָך האבען זיי אלע טויטע און פערוואונדעטע פערברענט אין מיטען גאַס. עס איז געקומען פאָליציי און געוואלט איינשטילען די שחיטה. דאס צורייצטע פעבעל איז אבער בעפאלען דער פאָליציי און זיי צוטריבען.

דאס איז נאָך געוועזען ווייניג פאר די בלוטדורשטיגע דאָמיניקאנער. צומאָרגענס זענען די מאָנאָכען ווידער ארויס אין גאַס מיט די צלמים און פארזאמעלט דאָס פעבעל מיט דעם דאָזיגען געשריי:

— איטליכער וואָס אונזער הייליג גלויבען איז איהם טייער זאל אונז העלפען פערטיליגען די פערפלוכטע אידען!

און אזוי ווי קיין מאראן האָט זיך ניט באוויזען אויפ׳ן גאַס, האבען זיי זיך אריינגעריסען אין די הייזער און דערמאָרדעט יעדען איינעם. זיי האבען נישט געשוינט נישט קיין אלטע און שוואכע, נישט קיין פרויען און זויגעדיגע קינדער.

טראָגעדיגע פרויען האבען זיי ארויסגעשליידערט פון די פענסטער און אונטען האט דאס פעבעל זיי אונטערגעכאפט מיט שפיזען. זיי האבען ארויסגעריסען די קינדער פון בויך פון זייערע מוטערס און זיי אוועקגעשאָכען מיט זייערע בויגענס. זייגעדיגע קינדער האבען זיי געכאפט פאר די פיסלעך

און צושמעטערט אַן די ווענט. זיי האבען אויך דערמאָרדעט אַלע אנוסים וואס האבען זיך בעהאלטען אין קריסטליכע הייזער און אין די קירכען. א סך האבען זיי לעבעדיגערהייט געוואָרפען אויף די שייטער־הויפענס, וואס זיי האבען אנגעלייגט אויף אַלע גאסען.

א סך גלחים האבען אראפגענומען פרויען און מיידלאך וואס האבען זיך געוואָלט ראַטעווען אויפ׳ן הייליגען אַלטאר און זיי געוואָרפען אין די פלאַמען. נאָר איין גלח האט געהאט א בייזען סוף. ער האט געכאפט אַן אנוסים פרוי און זי געוואָלט פייניגען, האט זי איהם דערשטאָכען מיט א מעסער אוז ער איז געפאַלען טויט לעבען איהרע פיס.

אין די צוויי שחיטה טעג זענען אין ליסאבאן געפאַלען פיער טויזענד אנוסים. אויסער זיי זענען א סך אנוסים וואס זענען אנטלאָפען פון שטאָדט גע׳הרג׳עט געוואָרען דורך די פויערן פון ארום שטאָדט. די ווילדע מערדער האבען אויך צורויבט די פערמעגענס פון די אנוסים.

די מורא׳דיגע שחיטה האט זיך געענדיגט מיט׳ן טויט פון דעם בייזען מסור דאָן ראָדריגאָ, וואס האט געבראכט דאס דאָזיגע אומגליק אויף זיינע ברידער. דאס פעבעל איז בעפאַלען זיין הויז גלייך אין אָנהויב שחיטה. ער האט אבער זיך בעפעסטיגט אין זיין פאלאץ און דערנאָך אנטלאָפען דורכ׳ן גאָרטען. צומאָרגענס האבען איהם די מאָנאַכען געכאפט לעבען סט. מאריא קירכע. זיי האבען איהם אוועקגעשלעפט צום סט. דאָמיניקי פלאַץ און איהם פערפייניגט צום טויט. דערנאָך האבען זיי ארויסגעשלעפט אלדאס האָלצווארג פון זיין פאלאץ און אנגעלייגט אויף א קופע. זיי האבען דאס אונטערגעצונדען און ארויפגעוואָרפען דעם פגר דאָן ראָדריגא אויפ׳ן פייער און פערברענט אויף קויל.

דיענסטאג נאכמיטאג איז געקומען דער גובערנאטאָר מיט׳ן הויפט ריכטער און א שטארקע אבטיילונג מיליטער און איינגעשטילט די שחיטה. פופציג מערדער האבען בעקומען טויט־שטראָף דורך הענגען. נאָר די פרעמדע מאטראָזען זענען אנטלאָפען מיט׳ן רויב און אוועקגעפיהרט אייף זייערע שיפען. די צוויי פינסטערע מאָנאַכען יאאנא און בערנאלדא האט מען פריהער אויפגעהאנגען און דערנאָך פערברענט.

ליסאבאָן איז אויך בעשטראפט געוואָרען. דער קעניג האט צוגענומען אויף דריי יאהר אלע איהרע רעכט און אנשטאט דעם וואס זי האט זיך אויסגעקליבען איהרע בעאמטע, האט זי פערלוירען דאָס דאָזיגע רעכט און איז דערקלערט געוואָרען אלס רעבעלירענדע שטאָדט. דער קעניג האט בעשטימט פאר איהר בעאמטע.

דער קעניג האט אויך געוואָלט פערגיטיגען די אנוסים פאר זייערע ליידען. ער האט זיי געגעבען א סך פריווילעגיעס, האט זיי געגעבען גלייכע רעכט מיט די קריסטליכע בירגער און זיי ערלויבט צו פערלאָזען דאס לאנד מיט זייערע אייגענטומס און ער האָט אויך געדענקט זיי צו געבען נאָך צוואַנציג יאהר צייט, מען זאל זיי נישט קענען בעשטראפען פאר אונטרייהייט צום קריסטענטום.

די דאָזיגע גוטע בשורה האבען די ארעסטירטע זיך דערוואוסט פון רב שלמה איבן ווירגא. נאָך די שרעקליכע שחיטת טעג האט ער זיך אומגעקערט נאָך ליסאבאָן און דורך דעם גוטען תפיסה הויפטמאן צוגעקומען צו די ארעסטירטע דאָן קאראנעל'ן און יצחק'ן.

די גוטע נייעס איז געווען פאר זיי א טרייסט אין זייער טרויער. זיי איז אבער פון דעם אלעם נישט געוואָרען גרינגער. די רעגירונג האט שוין פערהאנדעלט מיט דער שפאנישער אינקוויזיציע וועגען ארויסגעבען דאָן קאראנעל'ן מיט חנה'ן. יצחק'ן האָבען די ריכטער גע'משפט ווי א געבוירענעם קריסט, וואס איז געוואָרען א איד. יצחק האט אבער נישט געזאָרגט פאר זיין אייגען לעבען. ער און חנה האבען איצט געקלאָגט אויף דעם בייזען גורל פון דאָן קאראנעל'ן.

---

עטליכע טעג האָבען דאָן קאראָנעל, רב שלמה און דער תפיסה הויפטמאן דאָן ראעס, אפגעהאלטען בעראטונגען און נישט געזאָגט קיין וואָרט דערפון נישט יצחק'ן און נישט חנה'ן. יעדעס מאָל האָבען די קינדער געמוזט ארויסגעהן. די שטילע בעראטונגען האבען געגעבען א שטיקעל האָפנונג די קינדער, אז עס איז פאראן אן עצה צו ראטעווען זיך און זיי האבען מיט צובראָכענע הערצער תפלה געטאָן צו גאָט ער זאָל שיקען זיין ישועה.

ענדליך האבען יצחק און חנה געוואָהר געוואָרען דעם סוד. עס איז געלונגען דאָן ראַעס'ן צו פועל'ן ביים פּאָרטוגעזישען הויפּט ריכטער דאָן ערעס דע סילווע, ער זאָל ראַטעווען דער יונגער דאנא גראציא, הנה'ן, פון דער אינקוויזיציעס הענד. דער הויפּט ריכטער האט זיך משתדל געווען פאר איהר לעבען ביים קעניג דאָן מענועל און דער קעניג האָט מסכים געווען זי ארויסצוגעמען פון דער שפּאַנישער אינטערטאַנשאַפט ווען זי וועט זיין אויס שפּאַנישע אונטערטאַן וועט די אינקוויזיציע נישט האבען קיין רעכט אויף איהר.

און דאס זאָל געשעהן ווען זי וועט חתונה האבען מיט יצחק'ן. זי וועט ווערען דורכדעם א פּאָרטוגעזין.ביידע וועלען בעקומען א שווערע שטראָף, א שרעקליכע שטראף. אבער אלץ בעסער ווי אריינפאלען צו דער אינקוויזיציע, וואס פּייניגט פריהער מערדערליך און דערנאָך פערברענט זי לעבעדיגערהייט.

די פּאָרטוגעזישע שטראָף איז אויך א שוידערליכע. מען פערשיקט זיי נאָך בראַזיליען. זייט בראַזיליען איז ענטדעקט געוואָרען און שטעהט אונטער פּאָרטוגאל פערשיקט מען אהין אלע שווערע פערברעכער, גנבים, רויבער, מערדער און פּראָסטיטוטקעס, אונטער א שווערע וואך מוזען די פערשיקטע טאָן די שווערסטע ארבייט: שניידען וועגען אין די גרויסע וועלדער, פלאַנצען די צוקער רוירען, האקען די בראַזיל־בוימער, וואס מען מאַכט פון זיי רויטע פארב און כאפּען מאָל־ פעס מיט פּאַפּוגייען.

דאס אלץ מוזען די פערשיקטע אָנלאָדענען אויף די פּאָרטוגעזישע שיפען וואס קומען צוויי מאָל אין יאהר נאָך בראַזיליען.

אויסער די ליידען פון דער שווערער ארבייט הענגט דאס לעבען פון די פּארשיקטע אויף א האָר. די ווילדע חיות און די ווילדע מענשען, די טאַפּייעס פערטיליגען זיי. דער קלימאַט איז אויך א שרעקליכער און די פערשיקטע שטאַרבען אויף מאַסענווייס.

ווי שרעקליך די דאָזיגע שטראָף איז האט יצחק זיך אבער געטרייסט וואס חנה וועט נישט אריינפאלען אין די הענד פון דער אינקוויזיציע. עס איז בעסער צו זיין פערשיקט אין

עק וועלט צווישען ווילדע מענשען און חיות און איבערטראגען אלע קראנקייטען איידער איבערצוטראָגען די פיין פון דער שרעקליכער אינקוויזיציע.

אז זיי וועלען חתונה האבען איז פאר זיי נישט געווען קיין נייעס. דען קאראנעל האט זיי דאס פארגעלייגט באלד ווי זיי זענען פטור געוואָרען פון דעם מסור אלאנזא.

זיי האָבען אָבער זיך ניט געריכט אַז עס וועט קומען אַזוי גיך און אין אַזא אומגליק. זיי זענען געווען נאָך גאָר יונגע קינדער. נאָך נישט צו פולע פופצעהן יאָהר.

דאָן קאָראָנעל האָט געהייסען זיי זאָלען זיך ארומנעמען און צוקושען. זיי האָבען זיך צוקושט און חנה איז געוואָרען רויט און אראָפּגעלאָזט די אויגען. אין דער רגע האָט יצחק פערגעסען אין גאַנצען אומגליק און געפרעהט זיך מיט זיין גליק, זיין וואונדערשעהנע כלה.

פּלוצלונג איז איין געדאַנק אָנגעקומעןביידען און זיי האָבען אויפגעציטערט. זיי האָבען דערשראָקען געפרעגט אויף אַמאָל:

— און וואָס וועט זיין מיט דיר, פּאָטער?

דאָן ראעס און שלמה האָבען זיך איבערגעקוקט צוטר־מעלט. דאָן קאָראָנעל איז געוואָרען בלאָס. ער האָט זיך אבער בעהערשט און געענטפערט:

— קינדער, איהר פרעגט, וואָס וועט זיין מיט מיר? טרייסט זיך, איך וועל אַ לעבעדיגער נישט אריינפאַלען צו דער אינקוויזיציע. דער מאָנאָך דרעצא, דעם טויטען טאָר־קוועמאדאָ'ס שטעלפערטרעטער, וואָס איז נאָך גרויזאַמער און שרעקליכער, וועט מיך נישט קענען פייניגען. איך שווער אייך ביי גאָט און ביי אייער לעבען, מיינע ליעבע און טייערע קינדער!

ער האָט דאָס גערעדט מיט הארץ און זיי האָבען איהם נישט געפרעגט ווי אַזוי ער וועט זיך ראַטעווען פון דער אינקוויזיציע. אפשר איז דאָס אַ סוד, וואָס ער האָט מורא צו ברענגען אויף די ליפּען. אבי ער איז זיכער דאַרפען זיי נישט וויסען ווי אַזוי.

דעם זעלבען אָווענד איז געווען די חתונה פון יצחק מיט חנה'ן. דער פּאָטער דאָן קאָראָנעל האָט אַרויפגעלייגט ביידע

הענד אויף זייערע קעפּ און זיי געבענטשט. ער האָט ביטער געוויינט ביים בענטשען און ער האָט זיי בעשוואוירען ליעב צו האָבען דעם גאָט פון זייערע עלטערן און אָפּהיטען זיינע געבאָט. רב שלמה האָט מסדר געווען די קידושין. יצחק האָט זי מקדש געווען כדת משה וישראל.

דאָן ראַעס האָט אַרויסגענומען אַ פּאַפּיער מיט'ן קעניגליכען שטעמפּעל און דאָן קאַראַנעל האָט פערשריבען די חתונה פון די קינדער און גע'חתמ'עט מיט זיין זיעגעל. רב שלמה און דאָן ראַעס האָבען זיך גע'חתמ'עט אַלס עדות.

עס איז געווען נאָך דער חתונה. אַ טרויעריגע חתונה. נישט קיין געזאַנג, נישט קיין פרייד איז געהערט געוואָרען אין חתונה־צימער. עס איז אויך נישט געווען קיין חתונה מאָלצייט.

דאָן קאַראַנעל האָט זיך צוקושט מיט די קינדער און זיי נאַכאַמאָל געבענטשט און בעשוואוירען צו בלייבען געטרייע אידען. ער האָט אויך אַרומגענומען רב שלמה'ן און דאָן ראַעס און זיך צוקושט. זיי האָבען שטאַרק געוויינט, רב שלמה און דאָן ראָעס האָבען גלייך אַרויסגעפיהרט חתן כלה אין צווייטען צימער. זיי געזאָגט אַז לויט דעם אידישען דין מוזען חתן־כלה נאָך דער חתונה זיצען אַליין אין אַ צימער.

אַ שעה צייט זענען זיי געזעסען און פלוצלונג אויפגעשפּרונגען דערשראָקען. פון צווייטען צימער האָבען זיי דערהערט דאָן קאַראַנעל קרעכצען. זיי זענען אַריינגעלאָפען און — דאָן קאַראַנעל האָט זיך געוואַלגערט אויפ'ן בעט אין טויט־אַנגסטען. דאָס פּנים גרוי ווי אַש, די אויגען סטאַרטשען אַרויס פון די לעבער און ער צאַפּעלט זיך אין קאָנוואולסיען.

— אוי, געוואַלד! וואָס איז דיר, פאָטער! — האָבעןביידע געשריען שרעקליך און זיך געוואָרפען צו איהם.

— לאָזט איהם! — האָבען טרויעריג געזאָגט רב שלמה און דאָן ראַעס און געוואָלט אָפּרייסען פון איהם די פערצווייפעלטע קינדער.

— טייערע קינדער — האָט רב שלמה געזאָגט — אייער פאָטער האָט מקיים געווען די שבועה וואָס ער האָט

אייך געגעבען אז ער וועט א לעבעדיגער נישט ארייגפאלען צו דער אינקוויזיציע. דער טויט איז דער גוטער מלאך, וואס האט איהם אויסגעלייזט פון אלדאסבייז. דער טויט איז שטארקער אפילו פון דער שפאנישער אינקוויזיציע.

— גאט אין הימעל! טאטע! פאטער! — האט יצחק געשריען און זיך געריסען די האר פון קאפ.

חנה איז צוגעשפרונגען צום טיש וואו דאס אויסגע־ליידיגטע גלאז גיפט איז געשטאנען. עס איז אבער געווען ליידיג. דאן קאראנעל האט נישט איבערגעלאזט איין טראפען. זי איז ארויפגעשפרונגען אויפ'ן בעט און ארויפגע־לייגט איהר מויל אויפ'ן פאטער'ס מויל. זי האט געוואלט ארייגאטעמען דעם גיפטיגען ריח און 'שטארבען אינאיינעם מיט איהם.

רב שלמה האט זי אפגעריסען און געזאגט:

— זינדיג נישט, טאכטער. לויט דעם אידישען דין טאר מען נישט אנריהרען א גוסס...

די אומגליקליכע חנה האט אנגעהויבען שרייען ווילד און וויינען און רב שלמה האט געזאגט ווידער:

— ביזט א אידיש קינד און לויט דעם דין טאר מען נישט בעוויינען א גוסס...

וואס האט אבער געקענט טאן די גוטע, געטרייע טאכ־טער, ווען זי האט דערזעהן איהר ליעבען פאטער זיך צאפ־לען אין טויט־אנגסטען פאר איהרע אויגען? אט איז ער ערשט געווען געזונד און שטארק און גערעדט מיט איהר! אין איהר שווערען טרויער איז זי שטיל געווארען, אנגעכאפט דאס קלייד ביים האלז און צוריסען און מיט די נעגעל זיך איינגעשניטען דאס לייב ביז בלוט.

— כשר אידיש קינד! — האט רב שלמה געזאגט מיט געוויין — מען טאר נישט רייסען קריעה אויף א גוסס און רייסען דאס פלייש טאר מען גיט אפילו אויף א טויטען.

מיט די דאזיגע רייד, דערמאנענדיג איהר אידישע דינים איז געלונגען רב שלמה'ן איינצוהאלטען חנה'ן און זי ארויס־פיהרען פון צימער, ביז נאך יציאת נשמה.

רב שלמה איז צוגעגאנגען און פערמאכט דעם טויטענ'ס אויגען, איהם איבערגעדעקט און געזאגט הויך:

— ברוך דין אמת!

ערשט דעמאָלט האָבען יצחק און דאָן ראעס אָנגעהויבען שרעקליך וויינען. חנה האָט זיך געוואָרפען אויפ'ן בעט און ארומגענומען דעם פאָטער'ס קאָפּ. זי האָט אָבער ניט געקענט ארויסוויינען. איהרע אָקסלען האָבען געציטערט און ווי א טויט פערוואונדעטער האָט זי געקרעכצט.

יצחק האָט געוואוסט אז זי וועט באלד בעקומען ספּאַז־מען, האָט ער געגעבען א וואונק רב שלמה'ן און דאָן ראעס'ן. אין דרייען האבען זיי זי אוועקגעלייגט אויף איהר בעט. זי איז געווען פער'חלש'ט און מיט גרויס מיה האָבען זיי זי דערמינטערט. זיי האָבען אויך געהאַט א סך ארבייט איינ־צוהאַלטען זי אויפ'ן נעלעגער. ווען זי איז געקומען צו זיך האָט זי זיך געריסען צום פאָטער און דוקא געוואָלט שטאַר־בען.

---

א גאַנצע נאַכט איז זי געלעגען שטיל, פער'חלש'ט. דאָס איידעלע קינד וואָס איהר קינדהייט איז געווען ריין ווי א לויטער פריהמאָרגען, און האט ניט געוואוסט פון קיין פּיין, אלץ וואס זי האט געוואָלט האט זי געהאט. איהר גאנץ לעבען איז געווען אין גרויס פערגעניגען.

נאָר איינמאָל האָט זי געהאַט אן אומגליק. ווען די אינ־קוויזיציע האָט פערברענט איהר מומע פנינה (פּערל), איהר גוטער פריינד. ווען זי האָט זיך אָן דעם דערמאַנט האָט זי אויפגעשוידערט. און איצט איז געקומען דאָס אומגליק אויף איהר טייערען פאָטער.

דאָס שרעקליכע אומגליק איז געקומען פּלוצלונג און אויף אמאָל. דער פאָטער פּלוצלונג טוידט. זי איז א קיילעכדיגע יתומה. זי האָט נישט מעהר ווי דאָס אָרימע עלענדע אינגעל, וואָס איהר פאָטער האָט איהר געגעבען פאר א מאַן. מיט דעם אָרימען אינגעל געשלאָסען אין קייטען, וועט זי אוועק־געשיקט ווערען מיט א באַנדע געמיינע פערברעכער אין א שרעקליך לאנד, וואו מענשען פאלען מאסענווייז און דאָרט וועט זי מוזען ארבייטען שווערע ארבייט.

גאָט אין הימעל! וואָס האָט דאָס איידעלע קינד געזינ־דיגט, אויב זי האט זיך אומגעקערט צו דיר?—האט יצחק

גע'טענה'ט צו גאָט—זי האָט איהר גאַנץ גליק, רייכטום און פערגעניגען אָפּגעגעבען פאר דיין תורה, גאָט! און וואָס האָב איך געזינדיגט, וואָס מען פערקירצט מיינע יונגע טעג און מען פערשיקט מיך אויף אייביגע שווערע ארבייט אין דעם שרעקליכען לאַנד? גאָט! מיט וואָס האָט מיין מאַמע זיך פערזינדיגט וואָס מען האָט זי פערברענט לעבעדיגערהייט? וואָס האָט געזינדיגט מיין פעטער וואָס ער האָט זיך געמוזט נעמען דאס לעבען? גאָט, פארוואס איז אזוי אויף דיין וועלט אַז די עהרליכע האָבען אַ בייזען סוף?—

— שווייג מיין קינד, פרעג ניט קיין קשיות — האָט זיך אָפּגערופען רב שלמה — גאָט איז גערעכט און ער טוט גערעכטיגקייט, נאָר מיר מענשען קענען ניט פערשטעהן גאָט'ס וועגען. נאָר גלויבען און גלויבען. מיר מוזען גלויבען אין גאָט. ער וועט אונז אויסלייזען.

רב שלמה האָט אַ סך גערעדט מיט זיי וועגען גלויבען און ער האָט געשטארקט מיט'ן כח פון גלויבען חנה'ן איבער־צוטראָגען דאָס שרעקליכע אומגליק און טיעפען ווייטאָג. און דאָס האָט איהר געגעבען מוטה און קראפט צו ליידען ווייטער. נאָך דער ביטערער נאכט האָט דאָך ניט געווארט אויף איהר אַ ליכטיגער טאָג, נאָר אַ לעבען לאַנג פון שווערע ליידען און ביטערע יסורים.

---

באַלד אין דער פריה איז אין תפיסה הויף אריינגעפאָהרען אַ קארעטע בעגלייט מיט בעוואפענטע רייטער. דאָן ראעס האָט זיי אָנגעוויזען אויף דער טיר. זיי האָבען אראָפּגענומען די אייזערנע ריגלען און געעפענט די קופּערנע טירען.

עס זיינען אריינגעגאנגען דאָן ראעס, דער הויפּט ריכטער דאָן ערעס דע סילווע און דער נייער שפּאַנישער אמבאסאַ־דאָר וואָס איז געווען אויף דאָן קאראַנעלס שטעלע און אַ דאָמיניקאַנער מאָנאך, דער פערטרעטער פון דער אינקוויזיציע. דער מאָנאך איז געווען אַ מאַן אין די מיטעלע יאָה־רען, הויך און מאָגער מיט אַ ווייס־גרין פּנים ווי אַן אַלטער פערשימעלטער פּארמעט, רונד געשוירען מיט אַ קאַלען קאָפּ גרויע אויגען, איינגעפאלענע באקען און אויסגעסטארטשטע קין, אין אַ שווארצען לאַנגען מאַנטעל מיט אַ קאפּישאָן.

ארום די לענדען א שטריק מיט קוטאסען ביז דער ערד, פון שטריק הענגען אראפ אויף א ווייסען פאדים שווארצע פא־טשערקעס און אויף דער ברוסט א גאלדענער צלם מיט א זילבערנע קייט אויפ׳ן האלז.

דאס איז געווען דער צייכען אז ער איז דער פערטרעטער פון דער שרעקליכער אינקוויזיציע.

ווי זוו זענען אריין, האט יצחק זיך אויפגעשטעלט. מיט איהרע לעצטע קרעפטען האט חנה זיך אויפגעהויבען פון בעט. דער מאנאך האט ארויסגענומען א פאפיער פון בוזים און פארגעלייענט פאלגענדען בעפעהל.

„אין נאמען פון גאט און דער הייליגער אינקוויזיציע! דאן יאאנא קאראנעל, דער שפאנישער אמבאסאדאר און זיין טאכטער דאנא גראציא קאראנעל, געבוירענע אין טא־לעדא ווערען גערופען פאר׳ן גלויבענסגעריכט אין שפאניען”.

— דאן קאראנעל איז אומדערשראקען! ער וועט שוין נישט שטעהן פאר אייער געריכט!—האט חנה געזאגט שטרענג קוקענדיג גלייך אין מאנאכ׳ס אויגען.

דער מאנאך האט פויל אויפגעהויבען די אויגען און געקוקט אויף איהר. מיט צולאזטע האר און צוריסען קלייד און א פינסטער פנים איז חנה געשטאנען פאר איהם. די דאמיניקאנער זיינען אבער גרויסע מבינים אויף פרויען און אין איהר שרעקליכען אויסזעהן האט ער דערזעהן איהר שעהנקייט און זיינע אויגען האבען זיך אנגעצונדען מיט א ווילד פייער

— ווער ביזטו טאכטער, וואס דו ענטפערסט ווען מען פרעגט דיך ניט? — האט דער מאנאך געפרעגט

— דאס איז דאנא גראציא, דאן יאאנא קאראנעל׳ס טאכ־טער — האט געזאגט דאן ראעס

— זי דארף דאך אויך שטעהן פאר׳ן געריכט ווי איהר זינדיגער פאטער — האט דער מאנאך געזאגט און זיינע אויגען האבען געברענט ווי שוועבעל

— אזוי ווי איהר פאטער, וועט זי ניט געהן מיט אייך. זי שרעקט זיך ניט פאר אייך! — האט יצחק געזאגט שארף.

— וואָס טוט זיך דאָ? — האָט דער מאָנאַך געפרעגט פערוואונדערט.

דאַן ראַעס האָט ארויסגענומען דעם חתונה־אַקט און עס דערלאַנגט דעם הויפּט ריכטער דאַן ערעם דע סילווע און געזאָגט:

— דאָנא גראַציא איז מיט דער ערלויבניש פון אונזער קעניג געוואָרען דעם בחור׳ס פרוי. ער איז אַ פּאָרטוגעז.

— ריכטיג — האָט געזאָגט דער הויפּט ריכטער און דערלאַנגט דעם חתונה־אַקט דעם צוטומעלטען מאָנאַך.

— דאָס איז דאָך אַן אָפּענע אַפּנאַרעריי! — האָט דער מאָנאַך גע׳טענה׳ט — זי האָט דאָך ערשט נעכטען חתונה געהאט מיט איהם!

— אויב די חתונה איז געווען נעכטען אָדער מיט פופציג יאָהר צוריק איז אַלץ איינס פאַר׳ן געזעץ — האָט געזאָגט דער הויפּט ריכטער — דער קעניג האָט געגעבען זיין ערלויבניש אויף דער חתונה און זי איז בעשטעטיגט פון געריכט.

דער דאָמיניקאַנער האָט פערביסען די ליפּען און געשוויגען. אויף דער אונטערשטער ליפּ האָט זיך געזעהן בלוט.

— פאַרוואָס בעהאַלט זיך דער זינדיגער פּאָטער און קומט ניט? — האָט ער געפרעגט אויפגערעגט דעם תפיסה־הויפּטמאַן.

— ער קען ניט קומען — האָט דאַן ראַעס געזאָגט ערנסט — ער איז נעכטען ביינאַכט געשטאָרבען.

דער מאָנאַך איז אונטערגעשפּרונגען. דער הויפּט ריכטער האט אַ ציטער געטאָן און אַלע זענען אריין אין צווייטען צימער צום טויטען. דער מאָנאַך האָט אויפגעדעקט דעם טויטען און איהם בעטראַכט.

— דאָס איז אויך אַן אָפּען שפּיצעל! — האָט דער דאָמיניקאַנער געזאָגט בייז ווייזענדיג אויף׳ן טויטענ׳ס שוואַרץ פּנים און בלויע צופּלאַצטע ליפּען — ער איז נישט געשטאָרבען פון אַ קראַנקהייט, ער האָט זיך פער׳סמ׳ט.

— וואָס איז דער אונטערשיעד ווי ער איז געשטאָרבען? — האָט דער הויפּט ריכטער געזאָגט טרויריג. ער האָט געקענט דאַן קאָראנעל׳ן אין זיין גלאַנץ — ער האָט זיך

ארויסגעדרעהט פון אייערע הענד. איהר וועט איהם שוין ניט קענען משפט'ן.

— איהר מאכט א טעות, מיין הערר, זוהן מיינער — האָט דער מאָנאך געזאָגט — ער געהערט צו אונז. אלס פאַלשער, אומגלויביגער מוז מען ווארפען זיינעביינער צו־זאמען מיט די לעבעדיגע מאראנען אויפ'ן שייטער־הויפען, אַלס א ווארנונג פאר די ווידערשפעניגע.

— דער פּאָטער־גלח וועט מיר מוחל זיין — האָט געזאָגט דער הויפט ריכטער — אזוי טוט מען ניט אין פּאָרטוגאל. נאָר גאָט קען משפט'ן דעם טויטען. מיר מוזען דעם פער־שטאָרבענעם אומקערען צו דער ערד. קיינער וועט נישט אָנריהרען זיינע ביינער.

— ער איז דאָך א שפּאַניער! — מיר דארפען דאָך איהם בעהאנדלען לויט אונזערע געזעצען! — האָט זיך אָפּגערופען דער נייער שפּאַנישער אמבאסאדאָר קומענדיג צוהילף דעם מאָנאך.

— דער טויט און די ערד מאכען נישט קיינע גרעניצען צווישען לענדער. דאָרט וואו א מענש שטאַרבט, דאָרט בע־גראָבט מען איהם — האָט דער הויפּט ריכטער געזאָגט.

— אָבער....

— גנעדיגער פּאָטער, קיין וואָרט נישט מעהר — האָט דער הויפט ריכטער אָפּגעהאַקט דעם מאָנאך און נישט גע־לאָזט ענדיגען וואָס ער האָט אָנגעהויבען זאָגען — אזוי ווי איך האָב געזאָגט, אזוי וועט זיין. מיר וועלען נישט ענדערען אונזערע געזעצען איבער די געזעצען פון אן אנדער לאנד. לאָזט מיך, ווייל איך מוז נאָך דערפילען א קעניגליכען בעפעהל. געזעגענט זיך, פּאָטער, אויב איהר ווילט און געהט געזונדערהייט!

דער מאָנאך איז געוואָרען בייז. מען האָט דערקענט אָן זיינע בליקען אז ער טראַכט זיך: ווען דער הויפט ריכטער וואָלט צו איהם אזוי גערעדט אין שפּאַניען וואָלט ער שוין ניט ארויס א לעבעדיגער פון זיינע הענד און מען וואָלט פערשפּאַרט איהם צו בעגראָבען...

דער מאָנאך האָט געוואָרפען א שלאַנגען בליק אויף חנה'ן, וואָס האָט איהם געענטפערט מיט א שטאָלצען בליק

פול פערזאכטונג. ער האָט אויפגעהויבען די אויגען און גע־גלאָצט מיט זיי און מיט א זיפץ געזאָגט צום נייעם שפּאני־שען אמבאסאדאָר :

— לאָמיר געהן. דאָ איז נישט פאר אונז!

---

זיי זענען ארויס און דער הויפּט ריכטער האט ארויסגע־נומען א פערזיגעלט פּאפּיר, ער האָט דאָס געעפענט און צוגעשריבען עטליכע ווערטער אונטען, דערנאָך האָט ער זיך אויפגעשטעלט און פאָרגעלייענט :

"אין נאָמען פון קעניג דאָן מענועל! עלף טאָג אין מאי, אין יאָהר 1506, דאָס צעהנטע יאָהר פון קעניגס הערשאפט אין זיין לאנד פּאָרטוגאל.

"אויף דער בעראטונג פון די הויכע גלחים : דאָן פערנאנ־דא קאטענא, דער בישאָף פון אלגערעביא, דער פּאָרזיצענ־דער ; דיעגא פענערא, דער בישאָף פון פונכאל און דאָן דיעגא דע אלמעדא, דער הויפּט גלח פון קראטא מאָנאסטיר, איז ארויסגעטראָגען געוואָרען דער אורטייל איבער די ארעס־טירטע וואס זענען געכאפּט געוואָרען ביים פערברעכען קעגען אונזער הייליגען גלויבען. און דאס איז דער אורטייל:

1) יאָאנא אנטאָניא בארנאל, א פופצעהן יעהריגער אינגעל, א היגער אונטערטאן, ווערט בעשטראָפט צו ווערען פערשיקט איבער זיין פערברעכען נאָך פּאָרטאָ סיגארא, בראַ־זיליען, צו ארבייטען שווערע ארבייט אויף זיין גאנץ לעבען.

2) דאָן יאָאנא קאראנעל, וואס איז געווען דער שפּאַ־נישער אמבאסאדאָר אין אונזער קעניגס הויף, זאָל ווערען ארויסגעגעבען צו דער שפּאנישער אינקוויזיציע, זי זאָל איהם משפּט'ן לויט איהרע געזעצען. זיין גאנץ פערמעגען געהער צו דער אינקוויזיציע, אויסער זיין פּאלאץ אויף רוע נאווא אין ליסאבאָן, וואס ווערט קאָנפיסקירט פאר דער פּאָרטוגעזישער רעגירונג.

דאָנא גראציא, די טאָכטער פון דאָן יאָאנא קאראנעל, פופ־צעהן יאָהר אַלט, זאָל בעשטראָפט ווערען ווי איהר פאָטער און ווי ער איבערגעגעבען ווערען צו דער דערמאָנטער אינ־קוויזיציע. וועט זי אבער זיין פערהייראט צום אינגעל באר־נאל, זאָל זי גע'משפּט ווערען לויט די געזעצען פון אונזער

לאַנד און זאָל בעקומען דיזעלבע שטראָף וואָס איהר מאַן. זי זאָל מיט איהם ווערען פערשיקט נאָך פארטא סיגארא אויף איהר גאַנץ לעבען. זי זאָל דאָרט טאָן פרויען־ארבייט פאר די פערשיקטע. אין פאַל ווען דער מאַן מיט זיין פרוי וועלען חרטה האָבען אויף זייערע זינד און וועלען מיט'ן גאַנצען הארצען זיך אומקערען צו אונזער רעליגיע, זאָל מיט זיי געטאָן ווערען דאָס אייגענע וואָס ווערט געטאָן מיט אַלע, וואָס האָבען חרטה אויף זייערע זינד. מען זאָל זיי ערלויבען צוריק צוקומען נאָך פּאָרטוגאַל. די זעלבע גענאָד זאָל ווערען געטאָן אויך צו איינעם פון זיי, אויב ער אָדער זי וועלען זיך בעדענקען און ווערען געטרייע קריסטען.

און דאָס איז דאָס געזעץ וועגען די פערשיקטע איבער זייערע זינד קעגען דער רעליגיע ווי עס איז פערשריבען אין געזעץ־בוך פון קעניג דאָן מענועל, וואָס ער האָט ארויסגע־געבען, ווען מען האָט ענטדעקט דאָס נייע לאַנד און צוגענומען פאר אונזער קעניגרייך:

1) צו יעדער צייט ווען זיי האָבען חרטה זאָל מען זיי צוריקברענגען אויף די רעגירונגס שיפען וואָס געהן דאָרט אַהין צוויי מאָל א יאָהר.

2) די אומגעקערטע זאָלען ווערען פערשפּאַרט אין א מאנאסטיר אויף אַ יאָהר צייט און אויב מען געפינט נישט אין זיי קיין חטא ווערען זיי בעפרייט.

3) די פערשיקטע וואָס בלייבען פער'עקשן'ט זאָלען דאָרט ארבייטען אייביג. קיינער זאָל זיי אָבער נישט צווינגען אין רעליגיאָנס ענינים צו טאָן וואָס זיי ווילען נישט. זאָלען זיי זיך פיהרען ווי זיי ווילען. זיי זאָלען אויך קריגען א קליינעם לוין פאר זייער ארבייט וואָס זיי וועלען טאָן.

4) זייערע קינדער זאָלען זיין פריי. זיי זאָלען אָבער נישט האָבען קיין בירגער־רעכט אויב זיי זענען נישט קיין קריסטען. זיי קענען בלייבען אין נייעם לאַנד אָדער אוועק פון דאָרט. און טאָרען אָבער קיינמאָל נישט קומען נאָך פּאָרטוגאַל.

ווען דער אורטייל איז פאָרגעלייגט געוואָרען פאר אונזער קעניג דאָן מענועל, האָט ער בעוויליגט צו טאָן גענאָד מיט דעם אַרעסטאַנט דאָן יאַאנא קאַראַנעל, ווייל ער האָט גע־פונען חן אין זיינע אויגען ווען ער איז געווען אין זיין הויף

אויף זיין אמט. און ער האט בעפוילען דורך א שליח אז דאן קאראנעל מעג זיך אויסקלייבען איין זאך פון זיינע טייערע חפצים און דאס זאל געהערען צו איהם אדער צו זיין יורש. און געשטיצט אויף דעם האט דאן קאראנעל געבעטען דאס יונגעל בארנאל זאל ירשנ'ען אלע ספרים און מגלות וואס געפינען זיך אין דער הייהל אונטער זיין פאלאץ. מען האט געמאכט אן אויספארשונג און עס האט זיך ארויסגעוויזען אז די ספרים זענען אידיש רעליגיעזע ספרים און די מגלות זענען עראינערונגען פון א אידישע פאמיליע. עס איז בע־שלאסען געווארען צו דערפילען זיין בקשה וועגען די מגלות און אפצוזאגען זיין בקשה וועגען די ספרים. די ספרים זענען אין חרם און זיי וועלען ווערען פערברענט".

אויף דעם פאפיר האט דער הויפט־ריכטער דע סילווא צוגעשריבען די דאזיגע ווערטער:

"איך, דער אונטערגעשריבענער, דער קעניגליכער הויפט־ריכטער, בין היינט געקומען אין געפענגניש אויף דער צענטרא גאס אויסצופיהרען דעם אורטייל און האב געפונען דאן יאאנא קאראנעל ליגען טויט אויף זיין בעט, און זיין טאכטער דאנא גראציא פערהייראט צו דעם ארעסטירטען יונגעל יאאנא אנטאניא בארנאל. מיט דער קראפט פון אמט וואס איך פערטרעט, האב איך בעשלאסען, אין נאמען פון קעניג, נישט איבערצוגעבען דעם טויטען צו דער אינקווי־זיציע, אויך נישט צו לאזען איהם בעגראבען אויפ'ן קריסטלי־כען בית־הקברות, ווייל ער האט געפעלשט אין אונזער היי־ליגען גלויבען. נאר מען זאל איהם בעגראבען אויף דעם אמאליגען אידישען בית עלמין. אויף זיין טאכטער זאל אויס־געפיהרט ווערען דער אורטייל לויט די געזעצען פון אונזער רעגיערונג, ווייל זי האט דאך חתונה געהאט מיט דעם יונגעל וואס ווערט פערערכענט אלס א היגעבוירענער.

געשריבען און גע'חתמ'עט אין דער הויפט־שטאדט לי־סאבאן, דעם דרייצעהנטען מאי, אין יאהר 1506, דאס צעהנטע יאהר פון אונזער קעניג דאן מאנועל'ס הערשאפט מיט דער האנד פון הויפט־ריכטער פון קעניגרייך,

דאן ערעס דע סילווע".

דער הויפט־ריכטער האָט נאָך געפּרובטווירקען אויף זיי זיי זאָלען זיך בעדענקען און ווערען געטרייע קריסטען. יצחק מיט חנה'ן זענען אָבער געבליבען פעסט ביים בעשלוס צו בלייבען געטרייע אידען. אומזיסט האָט דער הויפט־ריכטער אויס רחמנות אויף זיי געוואָלט זיי איבעררעדען. זיין מיה איז געווען ארויסגעוואָרפען.

דער הויפט־ריכטער האָט בעפוילען דעם תפיסה הויפט־מאַן אויסצופיהרען דעם אורטייל. ער איז צוגעגאנגען צום בעט וואו דאן קאראנעל איז געלעגען. ער איז געווען אזוי פערענדערט אז מען האָט איהם נישט דערקענט. ער האָט געקוקט אויף איהם צום לעצטען מאָל און שווער געזיפצט און איז ארויס. דאן ראעס, דער תפיסה הויפטמאַן איז נאָכגע־גאנגען און יצחק מיט חנה'ן זענען צוגעפאלען צום טויטען און ביטער געוויינט.

אין זייער שווערען טרויער איז זיי געבליבען צוויי טרייסטונגען. דאָס וואָס די זכרונות לבית דוד וועלען געהע־רען צו זיי. ווי גוט האָט געטאָן דער גוטער פאָטער, וואָס אנשטאָט אויסצוקלייבען גאָלד און זילבער האָט ער אויס־געקליבען די טייערע זכרונות. און חנה האט דערזעהן אז זי טראָגט אויף'ן האלז דעם האלזבאנד, וואָס זי האָט געקראָגען א מתנה פון יצחק'ס מוטער, וועמעס אָנדענק איז איהר טייע־רער פון אלע טייערע איידעלשטיינער אין דעם האלזבאנד.

אין די צוויי זאכען : די מגלות פון זייערע פאמיליע־בעשרייבונגען און האלזבאנד האבען זיי געפונען טרייסט אין זייער שווערען אומגליק.

---

דאן קאראנעל איז געקומען צו קבר ישראל און רב שלמה איבן ווירגא האָט געזאָגט אויף איהם א הספד. יצחק מיט חנה'ן געשמידט אין קייטען זענען געוואָרען פערשיקט אין דעם שרעקליכען לאנד.

זיי זענען דאָרט אויסגעשטאנען געברענטע פיין ווי די ערגסטע פערברעכער. זיי האָבען זיך אָבער געהאלטען פעסט אין זייער אמונה און אלע צרות אנגענומען פאר ליעב מיט אן אונטערטעניג געמיט צו גאָט.

וואָס מעהר זיי האָבען געליטען אלץ ליעבער האָבען זיי

זיך געהאַט. אָפּט האָט יצחק זיך איינגעשטעלט דאָס לעבען צו בעשיצען זי פון ווילדע פערברעכער. און זי איז געווען פאַר איהם אַ געטליכער מלאך, זי האָט איהם תמיד געטרייסט און דערמוטיגט.

ווער וואָלט געגלויבט אז די יונגע פרוי, פערברענט פון דער זון, באַרוועס אנגעטאָן אין אַ זאַק, איז דאנא גראציא דע קאראנעל, דאָס אדעלקינד, וואָס איז אַלס קינד אויפ־געהאָדעוועט געוואָרען אין אַ קעניגליכען הויף!

ווען זי וואָלט נאָר געוואָלט וואָלט זי איצט געקענט זיין אַ רייכע דאַמע, אַ הערשערין און דער אדעל וואָלט זיך גע־בוקט צו איהר. קיינער וואָלט נישט געגלויבט אז אין איהר ביטער אָרימקייט האָט זי געהאַט דעם טייערן אוצר, דעם וואונדערליכען האלזבאנד, וואָס שטאַמט פון נשיא פון בבל; און ווען זי וואָלט איהם געוואָלט פערקויפען וואָלט זי געקענט קויפען פרייהייט פאר זיך און יצחק'ן און די מעהרסטע אינזלען וואָס געהערען צו פּאָרטוגאל.

אָבער ווי שטאַרק זי איז געווען אין איהר גלויבען אזוי איז איהר געווען הייליג די מתנה. יצחק'ן איז דער האלזבאַנד געווען נאָך מעהר טייער, ווייל ער האָט איהם דערמאָנט אָן זיין מאַמע, וואָס איז צוליעב איהם אוועק צווישען די ווילדע גרויזאַמע חיות, וואָס האָבען זי צום סוף פערצוקט.

---

מיט דריי יאָהר שפּעטער נאָך זייער אָנקומען אין דעם שרעקליכען לאַנד האָט חנה געבוירען אַ יונגעל. עס איז גע־ווען אַ שעהן, געזונט קינד. אַ הייליג ליכט האָט בעלויכטען זייער פינסטער לעבען.

אויפ'ן אכטען טאָג האָבען זיי איהם גע'מל'עט און אַ נאָמען געגעבען יהודה נאָך יצחק'ס פּאַטער, וואָס האָט אַזוי שטאַרק געבענקט נאָך זיין פערלוירען קינד. פון זיין בענק־שאַפט און האָפנונג איז נאָר דערפילט געוואָרען אַ העלפט. יצחק האָט זיך אומגעקערט צו זיין פאָלק. ער איז געוואָרען אַ איד ווי זיינע עלטערן. זעהן זיך, האָבען זיי זיך אָבער נישט געקענט.

יצחק האָט מורא געהאַט, אז נאָכדעם ווי זיין זוהן יהודה וועט אויפוואקסען און זיך אומקערען נאָך אייראָפּאַ, וועט

ער שוין נישט געפינען זיין פאטער צווישען די לעבעדיגע.

באלד ווי חנה האט אנטוויינט יהודה'ן איז זי קראנק געווארען אויף דער קרענק, וואס האט זי געטויט. אזוי נאר ווי זי האט געבוירען א געזונט קינד, וואס זאל ירשנ'ען די מגלות און זיי ווייטער קענען שרייבען, איז זי געשטארבען נאכדעם ווי זי האט דערפילט איהר חוב.

זי איז קראנק געווארען אויף דער מאלאריא. די קראנקייט האט אונטערגעגראבען איהר לעבען און זי איז איינגעגאנגען פון טאג־צו־טאג. אומזיסט זענען געווען אלע רפואות. ער האט געשפאלטען די הימלען מיט זיינע תפלות. די טויערן פון געבעט זענען געווען פערשלאסען. נאר זי האט געלאכט דעם טויט אין די אויגען און געזאגט, אז אלץ וואס גאט טוט איז צום גוטען און מענשען קענען נישט פערשטעהן גאט'ס דרכים.

חנה, זיין יוגענד חבר און געליעבטע ווייב, איז יונגערהייט אויסגעגאנגען פאר זיינע אויגען ווי עס פערטריקענט אן אומגליקליכע בלום אויף א פרעמדער ערד. יצחק האט זי בעגראבען לעבען זיין געצעלט און אוועקגעלייגט א גרויסען שטיין אויף איהר קבר. ער האט נישט אויסגעקריצט איהר נאמען אויפ'ן שטיין. איהר נאמען און אנדענק איז אבער געווען אויף אייביג איינגעקריצט אין זיין הארצען.

זיבען יאהר נאך חנה'ס טויט איז יצחק אויך קראנק געווארען אויף דער זעלבער קרענק. ער האט געוואוסט אז ער געהט שטארבען האט ער ארויסגענומען די מגלות מיט די זכרונות און דעם האלזבאנד פון דער ערד אונטער זיין געצעלט און דאס איבערגעגעבען צו דאן יעקב איבן יחייא, א חשוב'ער איד פון סאלאניקי, וואס פלעגט אפט קומען נאך בראזיליען קויפען צוקער־רוירען.

יצחק האט אין יאהר פינף טויזענד צוויי הונדערט און אכט און זיבעציג, לויט דעם אידישען רעכנונג, אנגעשריבען די מגלה "גירוש שפאניען" און זי איבערגעגעבען צו דאן יעקב'ן. ער האט איהם פערטרויט זיין בן־יחיד יהודה, ער זאל איהם מיטנעמען מיט זיך נאך סאלאניקי און העלפען איהם אויסגעפינען זיין משפחה, וואס זאלען זיין קינד פיהרען אויפ'ן וועג פון זיינע בעריהמטע עלטערן.

יצחק האט צוגעשריבען די דאזיגע ווערטער צו דער מגלה פאר זיין זוהן יהודה:

יהודה, מיין טייער קינד!

איך שרייב די מגלה אין דער קאלאניע פארטאסיגארא, אין בראזיליען.

ניי איז דאס לאנד וואו איך וואויז איצט. ס'איז איינגאנצען אבצעהן יאהר ווי מען האט עס ענטדעקט. מיר שטעהן דא אבער אויס אלטע צרות. די צרות שטאמען פון דער אלטער וועלט, פון די בייזע געזעצען וואס די שרעקליכע קאטאלישע גלחים האבען געשאפען צו פערטיליגען דאס אידישע פאלק.

ס'איז זיי געווען ווייניג די פיין וואס זיי האבען אונז אנגעטאן אין אלטען לאנד, האבען זיי נאך אויסגעפונען פאר אונז א ניי געפענגניש, אין דעם נייעם לאנד, וואס ים־פאהרער האבען ענטדעקט.

דא אהער פערשיקען זיי אלע געמיינע פערברעכער און מערדער וואס דאס אלטע לאנד קען זיי נישט פערטראגען. און אויך די אנוסים, וואס ווערען געבאפט אבהיטענדיג אידישקייט. און איך, דאס אייניקעל פון דאן יצחק אברבנאל, דער אידישער שר, וואס איז געווען אזוי דערהויבען, אז קעניגען האבען געוואַרט אויף זיינע עצות, בין איצט אין דעם שרעקליכען לאנד, צווישען די אייביגע וועלדער וואו עס געפינען זיך ווילדע מענשען און שרעקליכע חיות.

און אויך דא האב איך נישט קיין רוה. בעוואפענטע וועכטער היטען אונז און צווינגען אונז צו שרעקליכע ארבייט: צו פערלייגען נעצען פאר די מאלפעס און פאפוגאיען און זיי כאפען; צו האקען בראזיל־בוימער און אלץ אנלאדען אויף די פארטוגעזישע שיפען פאר אונזערע פייניגער און אונטערדריקער.

איך בין אבער דאך צופריעדען. נאר מיין גוף האלטען זיי אין געפענגניש. מיין גייסט און נשמה איז פריי. דא האב איך אראבגעווארפען די מאסקע און אפען זיך אומגעקערט צו מיין פאלק און אמונה. איך דין מיין גאט. איך בין א איד ווי מיינע עלטערן.

אלס קינד האבען אונזערע פיינד מיך גע'שמד'ט און

געמאַכט פאַר אַ קריסט. נאָך איידער איך האָב געקענט מיין טאַטע־מאַמע, האָבען די פיינד מיך אָפּגעריסען פון זיי און מיך אויפגעצויגען אלס קאַטאָליק. אזוי בין איך אויפגעוואַקסען און פערגעסען מיין שטאַם, איך האָב נישט געוואוסט אז איך בין אַ איד. איך בין געוואָרען אַ פיינט פון מייז פאָלק, האָט געלעסטערט זיין נאָמען. ווען איך האָב געזעהן אידען האָב איך געשפּעט פון זיי. האָב איך בעגעגענט אנוסים — און זיי געהאַסט נאָר דערפאַר ווייל זיי זענען געבליבען געטריי זייער גאָט און זייער פאָלק.

ביז עס איז געקומען דער טאָג וואָס גאָט האָט מיר געשיקט זיין ליכטיגקייט אין דער פינסטערניש פון מיין לעבען. און דעמאָלט בין איך געוואָרען אַן אנדערער, אַ נייער. מיט'ן גאַנצען הארצען האָב איך זיך אומגעקערט צו מיין פאָלק און מיין גאָט.

מיין ליעב קינד, דו פאָהרסט נאָך טערקיי דאָס לאַנד וואו אונזערע פערטריבענע ברידער האָבען געפונען רוה. די דאָרטיגע הערשער זיינען גוט צו אידען. זאָל גאָט געבען דו זאָלסט געפינען רוה און פרידען אין דעם לאַנד און זאָלסט געפינען מיינע עלטערן און מיין פאַמיליע. זיי וועלען דיך לערנען גאָט'ס תורה, וועלען דיך פיהרען אויפ'ן וועג פון אונזער אמונה, געה אויף דעם וועג און וועסט קיינמאָל נישט ווערען געשטרויכעלט. זאָל דיך גאָט מאַכען גרויס, רייך און בעריהמט. זאָלסט זיין אַ ברכה פאַר דיין פאָלק.

און איך — כאשר אבדתי אבדתי, איך בין פערלוירען!

טייערער זוהן, האַלט די מגלות טייער און לאָז זיי איבער פאַר די שפּעטערדיגע דורות און מעהר נאָך זאָלסטו אָפּהיטען דעם טייערן האַלזבאַנד. אַלץ זאָל זיין אַ הייליגער אנדענק פאַר דיר און דיינע קינדער און קינד'ס קינדער.

דאָס זענען די רייד פון דיין פאָטער יצחק בן יהודה אברבנאל, וואָס ווערט גערופען "לעאָן מעדינא העברעאָ", אַ זוהן פון דעם שר דאָן יצחק אברבנאל, פון מלכות בית דוד.

# גזרת ת״ח

די פויפסטען האָבען זיך איינגערעדט אַז זיי האָבען דעם שליסעל צום הימעל. זיי האָבען צושיקט מאַנאַכען איבער דער גאַנצער וועלט צו נעמען געלד פון אַלע בעלי עברות, זינדיגע און פערברעכער אַלס כפרה־געלד פאַר זייערע זינד און זיי דערפאַר אַרויסגעבען ״אבסאָלוציע־קוויטלעך״, אַ צייכען אַז די זינד זענען פערגעבען.

די מאַנאַכען האָבען געפיהרט מיט זיך אייזענע קאַס־טענס מיט דעם פויפסטליכען זיגעל און געהאַלטען אין זיי די כפרה־געלדער. איין דאָמיניקאַנער מאַנאַך האָט גענומען כפרה־געלד נישט נאָר פאַר שוין אָפּגעטאָענע עברות, נאָר אויך פאַר פערגרעכענס, וואָס דער זינדיגער וועט טאָן שפּע־טער.

אַ ריטער איז צוגעקומען צו דעם מאַנאַך און איהם גע־געבען אַ סומע געלד אַלס כפרה פאַר אַ גרויסע עברה וואָס ער גרייט זיך טאָן. דער מאַנאַך האָט איהם אַרויסגעגעבען אַ כפרה־קוויטעל.

ביינאַכט ווען דער מאַנאַך איז מיט דעם קאַסטען געלד דורכגעפאָהרען דעם וואַלד איז דער ריטער איהם בעפאַלען און צוגערויבט ביי איהם דעם קאַסטען געלד. און ער האָט צוגעגעבען:

— האָסט דאָך מיר מוחל געווען די דאָזיגע עברה...

די פויפסטליכע כפרה־קוויטלעך האָבען פערשפּרייט פער־ברעכענס און פאַלשקייטען. און דער אויגוסטינישער מאַנאַך לוטער האָט זיך אָפּגעריסען פון קאַטאָליציזם און געגרינדעט דאָס פּראָטעסטאַנטישע גלויבען.

די מערב־פעלקער האָבען זיך צוטיילט. אַ טייל איז צו־געשטאַנען צו לוטער׳ן און אַ טייל איז געבליבען געטריי דעם פויבסט. גרויסע מלחמות זענען אויסגעבראָכען צווישען די

פּראָטעסטאַנטען און קאַטאָליקען. טייכען בלוט זענען גע־
וואָרען פערגאָסען. מאַסען שטעדט זענען געוואָרען פערוויסט.
אין דייטשלאַנד האָט די מלחמה געדויערט דרייסיג יאָהר און
אין נידערלאַנד האָט די רעליגיעזע מלחמה געדויערט אייך־
און־אַכציג יאָהר.

דאָס געבענטשטע נידערלאַנד האָט געהערט צו פיליפּ
דעם צווייטען, אַן אור־אור־אייניקעל פון די שפּאַנישע הער־
שער פערנאַנדא און איזאַבעלא. ער איז נאָך געווען שרעק־
ליכער פון זיין זיידע און באָבע. זיין עלטסטען זוהן, דעם
קרוינפּרינץ, האָט ער אומגעבראַכט און ער האָט איינגע־
פיהרט די אינקוויזיציע אין נידערלאַנד און אויסגעראָט מאַ־
סען פּראָטעסטאַנטען.

זעקס יאָהר האָט ער געהערשט און גרויזאַם אומגעבראַכט
צענדליגע טויזענטער מענשען און זייערע פערמעגענס צוגע־
נומען. ענדליך האָט דאָס געפּייניגטע פאָלק געמאַכט אַן אויפ־
שטאַנד און פערטריבען דעם שפּאַנישען הערשער. אַמסטער־
דאַם איז געוואָרען די הויפּט־שטאָדט פון לאַנד. איהר האַנדעל
האָט זיך פערגרעסערט און מיט דער הילף פון די אידען וואָס
האָבען זיך בעזעצט אין שטאָדט איז זי געוואָרען רייכער און
גרעסער פון טאָג־צו־טאָג.

דאָס לאַנד האָט געוואונען פרייהייט פאַר א סך בלוט
וואָס די איינוואוינער האָבען פערגאָסען. עס האָבען אָבער
גענאָסען די פרייהייט אַלע וואָס זענען געקומען אין לאַנד
אריין. און עס איז געוואָרען אַן אַנטרינונגס־אָרט פאַר אַלע
אומגליקליכע וואָס זענען אַנטלאָפען פון דער שרעקליכער
אינקוויזיציע.

ווען פיליפּ דער צווייטער האָט פערלוירען זיין מאַכט אין
נידערלאַנד האָט ער אויסגעגאָסען זיין ווילדען כּעס אויף
שפּאַניען און פּאָרטוגאַל. די אינקוויזיציע האָט אַלץ מורא'־
דיגער פערפאָלגט די מאַראַנען, די אור־אייניקלעך פון די
אנוסים, וואָס כאָטש עטליכע דורות זענען שוין אוועק זייט
זייערע עלטער־עלטערן זענען געוואָרען געצוואונגען צו שמד,
האָבען זיי שטילערהייט אָפּגעהיט אידישקייט.

א סך מוטיגע רייכע מאַראַנען האָבען מיט גרויס מיה און
גרויסע סומען אויסלייז־געלד זיך ארויסגעריסען פון די אינ־

קוויזיציע לענדער און אנטלאָפען נאָך אמסטערדאם. דאָ זע־
נען זיי עפענטליך געוואָרען אידען און אויפגעבויט א שוהל
״בית יעקב״ אויפ׳ן נאָמען פון יעקב טיראדא, דער גרינדער
פון דער אנוסים־קאָלאָניע אין אמסטערדאם.

אין פערלויף פון איין דור איז זייער צאָהל געוואקסען
און זיי זענען געוואָרען אָ גרויסע שטאַרקע געמיינדע אנגע־
פיהרט פון בעריהמטע לייט.

צווישען די גליקליכע אנוסים וואָס האָבען זיך ארויסגע־
ריסען פון גרויזאמען פּאָרטוגאל איז געווען רב יוסף בן
ישראל. דריי מאָל איז ער אריינגעפאלען צו די גרויזאמע אינ־
קוויזיציאָנס־ריכטער. זיי האָבען איהם שיער פערפייניגט צום
טויט. ער האָט זיך אָבער געראטעוועט פון זייערע הענד. ער
האָט זיי אוועקגעגעבען זיין גאַנץ האָב און גוטס און ארעם
און נאַקעט איז ער אָנגעקומען נאָך אמסטערדאם.

ער האָט מיטגעבראַכט זיין ווייב, זיין איין יאָהריג אינ־
געל מנשה און א יתומה א מיידעל איין יאָהר אַלט, רחל. רחל
איז געווען פון גרויסען יחוס. זי איז געווען אן אייניקעל פון
יהודה אברבנאל. דער יהודה וואָס אלס קינד האָט איהם זיין
פאָטער יצחק אברבנאל פון בראזיליען געשיקט נאָך סאַ־
לאָניקי.

---

רחל׳ס מוטער תמר איז געווען אן איינציג קינד ביי איה־
רע רייכע עלטערן אין סאלאָניקי. זי האָט חתונה געהאַט מיט
אַ פּאָרטוגעזישען מאראן שמואל, וואָס האָט זיך גערופען
גאַספּאַר בארקאַט. ער איז געווען אן אנגעזעהענער דימאנ־
טען־הענדלער. ער האָט געבראַכט דימאַנטען פון בראזיליען
נאָך סאלאָניקי. ער האָט געלעבט גאַנץ גליקליך מיט תמר׳ן,
נאָר טערקיי איז איהם נישט געפעלען.

ווי די פליג וואָס ציהט זיך צום ליכט ביז זי ווערט פער־
ברענט, אזוי האָט דאָס געצויגען די אַנטלאָפענע אנוסים זיך
אומצוקערען נאָך שפּאַניען און פּאָרטוגאַל. אַ סך האָבען איינ־
געשטעלט דאָס לעבען און זיך אומגעקערט און זענען צום
סוף אריינגעפאלען צו דער אינקוויזיציע, וואָס האָט זיי פער־
ברענט אויף דער אויטא־דע־פע.

עטליכע יאָהר האָט גאַספּאַר געלעבט מיט תמר׳ן אין סאַ־

לאַניקי און דערנאָך אַנגעהויבען בענקען נאָך פּאָרטוגאַל. ער האָט געהאַלטען אין איין רעדען צו זיין פרוי און שווער און שוויגער, זיי זאָלען זיי דערלויבען אומקערען זיך נאָך פּאָרטוגאַל און לעבען שטילערהייט אַלס אידען. ער האָט אַזוי לאַנג גערעדט ביז ער האָט זיי איבערגערעדט און גאספּאר מיט תמר׳ן האָבען זיך אומגעקערט נאָך פּאָרטוגאַל.

עטליכע יאָהר האָבען זיי געלעבט רוהיג. תמר האָט געבוירען א מיידעלע און זיי האָבען איהר אַ נאָמען געגעבען אַגנעס. שטילערהייט האָבען זיי זי גערופען רחל. זיי האָבען בעשלאָסען זי צו דערציהען אַלס אידיש קינד ווען זי וועט ווערען עלטער און קענען האַלטען א סוד.

פּלוצלינג איז געקומען אויף זיי דאָס אומגליק. א יונגער מאָנאָך פון א באַריהמטער אַלט־קריסטליכער פאַמיליע, דיעגא דע אסאַנאַציאָן האָט זיך פערליעבט אין דער אידישער אמונה און עפענטליך זי געלויבט. ער האָט דערקלערט אַז ער וויל ווערען א איד.

די אינקוויזיציע האָט איהם אַרעסטירט און צוויי יאָהר צייט האָבען די גלחים געאַרבייט מיט איהם, ער זאָל חרטה האָבען און זיך אומקערען צו קריסטענטום. די מיה פון די גלחים איז געווען אומזיסט.

— פערברענט מיך! — האָט דער מאָנאָך גע׳טענה׳ט — איך וויל מקדש השם זיין די אידישע אמונה מיט מיין טויט!

עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז ווען דער מאָנאָך האָט נאָך געלערנט אין מאָנאַסטיר איז ער געווען אַן איינגעהער אין גאספּאר׳ס הויז. האָט די אינקוויזיציע אַרעסטירט גאספּאר׳ן, תמר׳ן און נאָך פינף מענשען פון זייער הויז־געזינד. מען האָט זיי שרעקליך געפּייניגט ביז זיי האָבען זיך מודה געווען, אַז זיי זענען בעהאַלטענע אידען. האָט מען זיי נאָך שרעקליכער געפּייניגט זיי זאָלען מודה זיין, אַז זיי האָבען דעם מאָנאָך צוגערעדט, ער זאָל זיך מגייר זיין. דאָס איז אָבער געווען א ליגען און זיי האָבען דאָס נישט געוואָלט צוגעבען.

גאספּאר איז אויסגעגאַנגען אין אינקוויזיציע געפענגניש אונטער די הענד פון זיינע פּייניגער. און תמר מיט איהרע

פינף הויז־מענשען זענען צוזאמען מ׳ט דעם איינגעשפארטען גר־מאָנאך פערברענט געוואָרען עפענטליך אין ליסאבאָן.

די גלחים האָבען געפרובט ווירקען אויף תמר׳ן זי זאָל צושווערען אז זי וועט זיין א געטרייע קריסטין און זי וועט בלייבען לעבען. זיי האָבען איהר אויפגעוויזען אז זי דאַרף דאָס טאָן איבער איהר איינציג קינד וואָס וועט בלייבען א קיילעכיגע יתומה. זי האָט אָבער נישט געוואָלט הערען דערפון. און שרייענדיג שמע ישראל איז זי פערברענט געוואָרען.

די יתומה האָט צוגענומען ר׳ יוסף בן ישראל׳ס ווייב. זי האָט זי געהאַלטען אינאיינעם מיט איהר קינד מנשה. א האר האָט געפעהלט זיי זאָלען אומקומען אינאיינעם מיט א סך מאראנען. די אינקוויזיציע האָט זיי גענומען שרעקליכער פערפאָלגען, ווייל א גלח האָט זיך מגייר געווען. פאר אן אונגעהייערע סומע אויסלייז־געלד איז זיי געלונגען זיך ראַטעווען און אנטלויפען נאָך אמסטערדאם.

---

באַלד איז די שוהל בית יעקב געוואָרען צו קליין פאר זיי האָבען זיי געבויט נאָך א שוהל ״נוה שלום״. דערנאָך האָבען זיי געבויט נאָך א שוהל. זיי האָבען געבראכט רבנים פון סאלאָניקי, פון פעז. ענדליך האָבען די רבנים פעראייניגט אלע שוהלען און געגרינדעט איין קהלה.

דערוויל זענען אנגעלאָפען אידען! פון דייטשלאנד וואָס זענען אנטלאָפען פון די צרות וואָס די דרייסיג יעהריגע מלחמה האָט געבראכט. די אידען פון דייטשלאנד האָבען זיך נישט געקענט פעראייניגען אין איין קהלה מיט די פּאָרטוגעזען. די דייטשע אידען האָבען נישט געהאַלטען די פּאָרטוגעזען וואָס האָבען ערשט אויף דער עלטער גענומען לערנען עברי, פאר ריכטיגע אידען. די געבילדעטע אריסטאָקראַטישע פּאָרטוגעזען האָבען ווידער געקוקט אויף די אידען פון דייטשלאנד ווי אויף ווילדע אומדערצויגענע.

האָבען די דייטשע אידען געגרינדעט אן אייגענע געמיינדע און געהאַט זייער רב.

פון אלע רבנים אין אמסטערדאם איז דער חשוב׳סטער געווען רבי יצחק עוזיאל פון פעז, וואָס האָט אליין געשטאמט

פון די אנוסים. ער איז געווען א גאון אין תורה און גרויס אין אלע חכמות. ער איז געווען א גוטער דאָקטאָר, א געלערנ־טער אסטראנאם, א דענקער און א העברעאישער דיכטער.

ר' יוסף בן ישראל האָט איהם איבערגעגעבען זיין זוהן מנשה ער זאָל מיט איהם לערנען. מנשה איז געווען זעהר פעהיג און ער האָט זיך שטארק אייסגעצייכענט און צו פופצעהן יאָהר האָט ער שוין געהאלטען דרשות אין שוהל.

ווען דער רב רבי יצחק עוזיאל איז געשטאָרבען איז מנשה אלט געווען אכצעהן יאָהר און די געמיינדע האָט איהם אויסגעקליבען פאר רב און דרשן אויפ'ן נפטר'ס אָרט. ער האָט חתונה געהאַט מיט רחל'ן די ארימע יתומה, וואָס זיין מאַמע האָט אויפגעהאָדעוועט. רחל האָט געבוירען א טאָכטער חנה און א יונגעל יוסף נאָך רב מנשה'ס פאָטער און שפּע־טער האָט זי געבוירען נאָך א זוהן און זיי האָבען איהם א נאָמען געגעבען שמואל, נאָך רחל'ס פאָטער וואָס איז גע־שטאָרבען אין דער אינקוויזיציע געפענגניש.

רב מנשה בן ישראל האָט געארבייט טאָג און נאַכט. ביי־טאָג האָט ער געלערנט זיין עדה און ביינאַכט האָט ער שטו־דירט אלגעמיינע חכמות. ער האָט געקענט צעהן שפּראכען און בעזונדער האָט ער גערעדט אויסגעצייכענט פּאָרטוגעזיש און לאטייניש. פיעל קריסטען זענען געקומען אין שוהל הע־רען זיינע דרשות.

ער האָט אָבער נישט געהאַט גענוג פּרנסה פון רבנות און געעפענט א דרוקעריי און געדרוקט זיינע ספרים וואָס ער האָט געשריבען אויף לשון קודש און שפּאניש.

ווען די דרוקעריי האָט איהם געבראַכט שעהן פּרנסה זענען געקומען קאָנקורענטען און געעפענט דרוקערייען און ער האָט אָנגעהויבען פיהלען נויט. ער האָט געוואָלט פערלאָ־זען אמסטערדאם און פאָהרען נאָך בראזיליען. נאָר די צוויי רייכע אידען, די ברידער אברהם און יצחק פּערייראַ האָבען געגרינדעט א ישיבה און געמאַכט ר' מנשה'ן פאר ראש־ישיבה, וואָס האָט איהם פערזיכערט מיט פּרנסה און ער איז פערבליבען אין אמסטערדאם.

דעמאָלט האָט אויך פּאַסירט די געשיכטע מיט אוריאל אקאסטא. אוריאל אקאסטא האָט געשטאַמט פון די אנוסים,

וואָס האָבען זיך צוגעוועהנט צום קריסטענטום און געוואָרען געטרייע קריסטען. ער איז געווען פינאַנץ־פיהרער פון אַ מאָנאַכען מאנאסטיר אין פארטא.

אז ער איז אַלט געוואָרען פינף־און־צוואַנציג יאָהר האָט ער בעשלאָסען זיך אומצוקערען צום אידענטום און ער האָט איבערגערעדט זיין מוטער און פיער ברידער, זיי זאָלען אי־בערלאָזען זייער האָב און גוטס און פאָהרען נאָך אמסטער־דאַם.

אין אמסטערדאם האָבען אוריאל אקאסטא און זיינע ברידער זיך מל געווען און אריינגעטרעטען אין דער אידישער געמיינדע. אוריאל אקאסטא האָט געוואָלט זיך פיהרען לויט די געזעצען פון דער תורה אָבער נישט לויט דער טראַדיציע. די רבנים און ראשי הקהל האָבען געפאָדערט פון איהם ער זאָל האַלטען דאָס גאַנצע אידישקייט.

ער האָט זיי נישט געוואָלט פאָלגען, האָבען זיי איהם אריינגעלייגט אין חרם און דערוויטערט פון איהם זיינע ברידער און קרובים. פופצעהן יאָהר איז ער געלעגען אין חרם ביז ער האָט איבערגעבעטען די רבנים און צוגעזאָגט אז ער וועט טאָן אַלץ וואָס זיי וועלען איהם הייסען און זיי האָבען אַראָפּגענומען דעם חרם.

ער האָט אָבער באַלד געקראָגען חרטה און מען האָט איהם ווידער אריינגעלייגט אין חרם. זיבען יאָהר האָט ער געלעבט עלענט און דערוויטערט פון זיינע אייגענע ביז ער איז גע־וואָרען מיעד און ווידער געקומען בעטען די רבנים זיי זאָלען אַראָפּנעמען דעם חרם.

זיי האָבען אָבער פריהער נישט געוואָלט אַראָפּנעמען דעם חרם ביז ער וועט נעמען אויף זיך די שטראָף וואָס זיי וועלען ארויסגעבען אויף איהם. מען האָט איהם געפיהרט צום שוהל. אַ גרויסער עולם איז זיך צוזאַמענגעקומען. ער האָט געמוזט זיך מתודה זיין אויף זיינע שווערע זינד און צוזאָגען אז ער טוט אמת תשובה.

דערנאָך האָט מען איהם אוועקגענומען אין אַ ווינקעל פון שוהל און אויסגעטאָן נאַקעט ביז'ן גאַרטעל און איהם געשלאָ־גען ניין און דרייסיג מלקות. ער האָט זיך איצט אוועקגעזעצט אויף דער ערד פאַר די רבנים און געבעטען זיי זאָלען אַראָפּ־

נעמען דעם חרם. האָט ער זיך אָבער געמוזט אויסציהען ווי גרוים ער איז אויף דער שוהל־שוועל און אלע זענען אריבער־געגאַנגען אויף איהם און געטרעטען. ער האָט נישט געקענט אויסהאַלטען די בזיונות, איז אהיימגעגאַנגען און איינגע־שלאָפען זיך אין הויז און אַלץ בעשריבען און אויסגעגאָסען זיין כעס אויף די אַלע, וואָס זענען זיך בעגאַנגען אַזוי שטרענג מיט איהם און ער האָט זיך גענומען דאָס לעבען.

שפּעטער האָבען די דאָזיגע רבנים אריינגעלייגט אין חרם דעם פילאָזאָף ברוך שפּינאזא און פערטריבען פון דער גע־מיינדע, איז ער אוועק צו די גוים און אין זיין גרויסען צאָרן געשענדט און געלעסטערט זיין פאָלק.

רב מנשה בן ישראל׳ס קינדער זענען אויפגעוואקסען. יוסף און שמואל האָבען זיך אויסגעצייכענט אין לערנען. רב מנשה האָט איבערגעגעבען די פיהרונג פון דער דרוקעריי יוסף׳ן און שמואל׳ן האָט ער געשיקט לערנען נאָך פּוילען, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסען שם מיט איהרע גרויסע ישיבות.

יוסף איז געפאָהרען נאָך לובלין צים "ועד ארבע ארצות" צו פּועל׳ן ביי זיי, קיינער זאָל נישט מסיג־גבול זיין דעם פאָטער אין דער דרוקעריי. איז שמואל מיט איהם מיטגע־פאָהרען.

---

די פּוילישע שטאָדט לובלין איז געווען בעריהמט מיט איהר יריד. פון נאָהנט און וויים זענען סוחרים געקומען אויף די לובלינער יריד׳ען. די לובלינער איינוואוינער, די אי־דען ווי די קריסטען, זענען געווען רייך פון די גרויסע געשעפ־טען וואָס זיי האָבען געפיהרט.

לובלין איז געווען איינע פון די הויפּט־שטעדט וואו עס פלעגט זיין דער "ועד ארבע ארצות", דער צוזאַמענפאָהר פון די רבנים און ראשי־הקהל איינצואָרדנען דאָס אידישע קהלה לעבען.

מיט הונדערטער יאָהרען פריהער זענען די אידען אַנט־לאָפען פון דייטשלאַנד, וואו מען האָט זיי געפּייניגט און גע־מאַטערט, און זיך בעזעצט אין פּוילען. באלעסלאַוו פיום, דער פירשט פון קאליש און גרוים־פּוילען האָט געשאָנקען די אי־דען פּריווילעגיעס און געמאַכט געזעצע געזעצען פאַר זיי.

דער פּוילישער קעניג קאַזשימירזש דער גרויסער האָט בעגייט די פּריווילעגיעס און זיי געשאָנקען די אידען פון זיין גאַנץ קעניגרייך. אין צייט פון דער שוואַרצער פּעסט, ווען די גוים האָבען בעשולדיגט די אידען, אז זיי פער׳סמ׳ען די וואסערן האָט קאַזשימירזש זיי בעשיצט און נישט געלאָזט זיי טאָן בייז.

ער האָט דערלויבט די אידען צו טראָגען געוועהר ווי דער אדעל און ער האָט גענומען אידען צום מיליטער. ער האָט געהאַלטען די אידען פאר בירגער פון לאַנד. מען זאָגט, אז אויף דער עלטער האָט קאַזשימירזש חתונה געהאַט מיט א אידיש מיידעל, אסתר׳קע און זי שטאַרק געליעבט. זי איז געוועזען א שניידערס א טאָכטער. דער קעניג האָט פאר איהר געבויט א גרויס פּאַלאַץ אין קראקא. זי האָט געבוירען צוויי זיהן און צוויי טעכטער.

נאָך זיין טויט האָבען די גלחים אויפגעהויבען די קעפּ און אָנגעהויבען מאַכען בלבולים אויף אידען. אָבער נאָר גע־צעהלטע אידען האָבען געליטען פון די בלבולים. דער כלל האָט נישט געליטען, ווייל די אידישע פּריווילעגיעס פון די פריהריגע קעניגען האָבען זיי בעשיצט.

דער פּוילישער קעניג קאַזשימירזש דער פירטער האָט נאָך פערברייטערט די אידישע רעכט און פערבאָטען צו מאַ־כען בלוט־בלבולים אויף אידען. ער האָט ארויסגעגעבען א שטרענגען בעפעהל צו אלע וואיעוואדאס צו בעשיצען די אידען.

דערווייל איז אָנגעקומען נאָך פּוילען דער שרעקליכער מאָנאך קאַפּעסטראַנא, וואָס האָט אנגעטאָן גרויסע צרות צו אידען אין די מערב־לענדער. ער האָט איבערגערעדט דעם קעניג ער זאָל צונעמען די רעכט פון די פּוילישע אידען. דער קעניג האָט איהם געפאָלגט, ער האָט אָבער באלד חרטה גע־האַט און ווי פריהער געוועזען גוט צו אידען.

נאָך קאַזשימירזש׳ס טויט זענען בעגייט געוואָרען די גזרות אויף אידען. צו די גלחים זענען צוגעשטאַנען די דייט־שע הענדלער און האנדווערקער וואָס האָבען זיך בעזעצט אין פּוילען.

נור ווען סיגיסמונד דער ערשטער איז געוואָרען פּוילישער

קעניג איז די אידישע לאגע געוואָרען בעסער. דער פוילישער אדעל און די רעגירונגס־בעאמטע וואָס האָבען געהאַסט די דייטשען האָבען געהאלטען מיט די אידען און זיך געניטיגט אין זיי.

אָבער די געטא איז נישט געוואָרען אָפּגעשאַפט. די אידען זענען געווען צופרידען מיט דער געטא. זיי האָבען געלעבט צווישען זיך. און דאָס רעכט וואָס זיי האָבען געהאַט צו פיהרען זייער לעבען לויט דעם אידישען דין און דאָס וואָס זיי האָבען געהאַט זייערע געריכט־הייזער — דאָס בית־דין — און גע'משפט זייערע פערברעכער אפילו מיט טויט־שטראָף — דאָס האָט די אידען פעסט פערבונדען צווישען זיך.

נאָך איהם איז געוואָרען קעניג פון פוילען זיגמונד אויגוסט. ער האָט גוט בעהאַנדעלט אידען. נאָר די אידענפיינד האָבען אזוי לאנג געהעצט דעם קעניג קעגען אידען ביז ער האָט אָנגעהויבען בעגרענצען די אידישע רעכט.

איז דעמאָלט דאָן יוסף נשיא, דער הערצאָג פון נאקסאס, זיי געקומען צו הילף. דאָן יוסף האָט געשטאַמט פון די פּאָרטוגעזישע מאראנען. זיין קריסטליכער נאָמען איז געווען יאאן מעקעס. ווען די אינקוויזיציע האָט אָנגעהויבען פערפאָלגען זיין פאמיליע זענען זיי אַנטלאָפען נאָך האָלאַנד און דערנאָך האָבען זיי זיך בעזעצט אין טערקיי.

דאָן יוסף מיט זיינע גרויסע פעהיגקייטען האָט געפונען חן ביים סולטאן סולימאַן און ער האָט איהם בעשטימט פאר זיין ראטגעבער. דער סולטאַן סולימאַן האָט איהם געשאָנקען די שטאָדט טבריה וואָס איז געווען חרוב, ער זאָל זי אויפבויען און בעזעצען מיט אידען.

ווען סולימאַן איז געשטאָרבען איז סעלים דער צווייטער געוואָרען סולטאַן און ער האָט דאָן יוסף'ן געגעבען דעם טיטול הערצאָג פון נאקסאס. דאָן יוסף נשיא האָט געהאַט גרויס איינפלוס אין סולטאַנ'ס הויף. טערקיי איז דעמאָלט געווען זעהר מעכטיג און א סך הערשער האָבען מורא געהאַט פאר איהר. דאָן יוסף נשיא האָט געווירקט אויף דעם פוילישען קעניג ער זאָל ווייטער גוט בעהאַנדלען די אידען.

שפּעטער ווען הענריק פון פראנקרייך איז געוואָרען פוילישער קעניג האָבען די גלחים ווידער געוואונען איינפלוס און

געמאַכט בלבולים אויף אידען. הענריק האָט בייגעוואוינט די בארטאָלאָמעאוס־נאַכט אין פּאַריז, ווען זיין פאנאטיש־קאַטאָלישע מוטער האָט אויסגעקוילעט צוויי טויזענד הוגענאָטען אין פאַריז און צוואַנציג טויזענד אין דער אומגעגענד. ער האָט נישט געקענט ליידען די אידען. ער האָט אָבער באַלד פערלאָזט פּוילען און פון דעמאָלט אָן האָט פּוילען געוועהלט איהרע קעניגען און די אידען האָבען געלעבט רוהיג אונטער זייער הערשאַפט.

שפּעטער איז די מאַכט פון ״ועד ארבע ארצות״ שטאַרק געוואַקסען. און אז די רבנים מיט די פּרנסים זענען זיך צוזאַמענגעפאָהרען אויף די אסיפות איז זיי אָפט געלונגען צו געפינען עצות קעגען זייערע שונאים.

צווישען די אידישע פּרנסים זענען געווען א סך וואָס זענען געווען בעקאַנט מיט די רעגירונגס־לייט. פיעל זענען געוואָרען אידישע פיהרער, ווייל די מיניסטאָרען אָדער דער קעניג האָט אזוי געוואָלט.

איינער פון די אידען, ר׳ שאול וואהל, האָט געהאַט גאָר גרויס איינפלוס, און אויף זיין ראַט איז זיגמונד דער דריטער געוואָרען קעניג. ר׳ שאול וואהל איז געווען אן איטאַליענער איד, א זוהן פון דעם פּאַדוּער רב דער גאון ר׳ שמואל יודא מינץ. ווען ר׳ שאול וואהל האָט געענדיגט אן אוניווערזיטעט אין איטאַליען איז ער אוועק נאָך פּוילען לערנען אין א ישיבה.

דער פּוילישער פירשט ראַדזיוויל איז דעמאָלט ארומגעפאָהרען איבער דער וועלט און אז ער איז אָנגעקומען נאָך פּאַדוא, איז איהם יויסגעגאַנגען דאָס געלד און ער האָט נישט געהאַט קיין בעקאַנטע אין שטאָדט.

ער האָט דערהערט אז דער רב איז אן עושר און א גוטהארציגער, איז ער אוועק צום רב און איהם געבעטען ער זאָל איהם אויסלייהען א גרויסע סומע געלד, גענוג אויף הוצאות אהיים. דער רב האָט איהם געגלויבט און געליהען א גרויסע סומע געלד.

די טובה האָט דער פירשט נישט געקענט פערגעסען און באַלד ווי ער איז געקומען נאָך פּוילען האָט ער אויפגעזוכט דעם רב׳ס זוהן, וואָס האָט דעמאָלט געלערנט אין בריסק דליטא.

ער האָט ר' שאול'ן שטאַרק מקרב געווען און זיי זענען געוואָרען די בעסטע פריינד. דער פירשט האָט זיך אָפט בעראַטען מיט איהם און איהם בעקענט מיט זיינע חברים.

ווען דער קעניג סטעפאן באטארי איז געשטאָרבען, האָט פירשט ראדזיוויל מיטגענומען ר' שאול'ן מיט זיך נאָך וואר־שא צו די וואהלען פאר א קעניג. די פּאַרטייען האָבען זיך אַרומגעריסען ביי די וואַהלען און זיך נישט געקענט איינינ־גען אויף א קעניג. האָט פירשט ראדזיוויל אויסגערופען :

— געננג זיך אַרומרייסען ! שאול וועט זיין אונזער קעניג !

די פירשטען און גראַפען האָבען געשוויגען, זיי האָבען גע־וואוסט אז שאול וועט מיט זיין חכמה ברענגען צו איינינקייט. איבער נאַכט איז שאול געווען פוילישער קעניג דערנאָך האָט ער אזוי קלוג געפיהרט די פערהאנדלונגען צווישען די פּאַר־טייען און געהאָלפען אז זיגמונד זאָל ווערען קעניג.

זיגמונד דער דריטער איז געווען א פאַנאַטישער קאַטאָליק און געפיהרט זיך ווי זיינע יעזואיטישע לעהרער האָבען איהם געלערנט. ער איז אָבער געווען דאַנקבאַר זיין גאַנץ לעבען ר' שאול וואהל'ען און די אידען האָבען נישט געליטען קיין צרות פאר די פינף און פערציג יאָהר פון זיין הערשאַפט. נאָר איין גזרה האָט ער אַרויסגעגעבען, אז די אידען טאָרען נישט בויען קיין שוהל אהן די ערלויבניש פון די אָרטיגע גלחים. דערפאַר איז דער "ועד ארבע ארצות" געוואָרען מעכטיג אין זיין צייט און געטאָן זעהר פיעל צו פערשטאַרקען דאָס אידי־שע לעבען.

---

סוף ווינטער שנת ת"ח זענען אָנגעקומען רב מנשה בן ישראל'ס צוויי זיהן יוסף און שמואל נאָך דאנציג און זיך אוועקגעלאָזט נאָך לובלין. די וועגען האָבען נישט גערוהט. אַלע שאָסעען זענען געווען פול מענשען און פיה. וועגענער אנגעלאדען מיט אלערליי סחורות האָבען זיך געשלעפּט צום לובלינער יריד. דער טומעל און רעש האָט זיך געטראָגען הויך און ווייט.

עס זענען געפלויגען רייכע קארעטעס געשפּאַנט צו פיער פּאָר פערד און די אנטרייבער האָבען געקנאקט מיט די

בייטשען איבער די קעפּ פון די פלינקע פערד. דאָ זענען גע־פאָהרען די רייכע גוט־בעזיצער און געקוקט מיט פעראכטונג אויף דעם האנדעל־פאָלק וואָס שלעפּט זיך מיט זיינע סחורות.

דער פּוילישער אדעל האָט זיך אָפּגעגעבען מיט געיעג און קריעג־פיהרונג. אָפט געמאַכט גרויסע בעלער און גע־גרויסט זיך מיט זייער רייכטום. געלד האָט קיין ווערט ביי זיי נישט געהאַט. זיי האָבען אויסגעגעבען פערמעגענס אין פּאַריז אויף הוליאנקעס. זייער גאַנצען רייכטום האָבען זיי געצויגען פון זייערע קנעכט דאָס פּויערן־פאָלק, וואָס איז גע־ווען זייער שקלאַף און בעאַרבייט דאָס לאַנד פאַר זיי. די גוטבעזיצער האָבען געקוקט אויף זייערע שקלאַפען ווי אויף בהמות וואָס מוזען ארבייטען א סך און א ביסעל דאַר גראָז איז גענוג פאַר זיי.

צווישען די קנעכט און דעם אדעל איז געשטאַנען דער מיטעל־קלאַס, די שטאָדטישע בעפעלקערונג. סוחרים און האַנדווערקער. דאָס רוב אידען אָדער דייטשען וואָס האָבען זיך בעזעצט אין פּוילען. די דייטשען האָבען מיטגעבראַכט די שנאה צום אידען און צוזאַמען מיט די גלחים האָבען זיי געוואָלט טאָן בייז צו אידען. דער אדעל און די רעגירונגס־לייט האָבען אָבער בעשיצט די אידען, ווייל זיי האָבען זיך גענויטיגט אין די פעהיגע אידען. דער אדעליגער וואָס האָט נאָר געוואוסט אויסצוגעבען געלד און נישט צו פערדינען האָט דורך דעם איד, וואָס איז געוואָרען זיין ארענדאַר און פערקויפט זיין תבואה, געקראָגען געלד.

יוסף איז שוין געווען דאָ פריהער. ווען שמואל האָט דערזעהן לובלין איז ער געבליבען פערוואונדערט. די שטאָדט האָט געשטורמט ווי דער ים. מען האָט געהאַנדעלט און גע־וואַנדעלט. עס האָט אויסגעזעהן ווי דאָס גוטס פון דער וועלט האָט מען געבראַכט אויף דעם יריד און קויף וואָס דאָס הארץ גלוסט.

די אידישע גאַסען פון דער קוילער־גאַס ביז דער בריק איבער׳ן טייך טשאַראַוויטש איז געווען פול מיט קראָמען, בוי־דען און טישען סחורות. דער ״ועד ארבע ארצות״ איז אויך געווען אין דער געגענד פערזאַמעלט. די גרעסטע גאונים, דער

אידישער אדעל פון דער תורה וואָס איז די בעסטע סחורה, אַלע רבנים, ראשי ישיבות מיט זייערע תלמידים וואָס זייער צאָהל האָט געגרייכט אין די טויזענטער זענען דאָ געווען.

יעדע שטאָדט אין פּוילען, אפילו די קלענסטע, האָט אויפ־געהאַלטען א ישיבה און געגעבען שעהן פּרנסה איהר רב און ראש־ישיבה ער זאָל נישט האָבען קיין זאָרג אויפ'ן קאָפּ און זיך אָפּגעבען בלויז מיט דער תורה.

עס איז געווען א געזעץ אז איטליכע קהלה פון פופציג בעלי־בתים מוז אויסהאַלטען נישט ווייניגער פון דרייסיג בחורים און יונגלעך וואָס זאָלען זיצען און לערנען. די בחורים זענען געווען תלמידים פון ישיבה. די יונגלעך האָבען גע־לערנט ביי די ישיבה בחורים. יעדער בחור האָט געמוזט לערנען מיט צוויי אינגלעך.

דאָס גאַנצע אידישע פּוילען איז געזעסען און געלערנט. די בתי מדרשים זענען געווען פול געפּאַקט. אויסער דעם זענען געווען די חדרים פאר קליינע קינדער, וואו אַלע האָבען געלערנט, די רייכסטע קינדער ווי די קינדער פון מדינה־געהער.

די חדר מלמדים האָבען צוגעגרייט זייערע קינדער זיי זאָלען קענען אריינקומען אין ישיבה. די ישיבה שמשים זע־נען געקומען טאָג־ביי־טאָג אין די "חדרים" אכטונג געבען די קינדער זאָלען זיצען און לערנען. יעדען דאָנערשטאָג האָט מען געבראַכט די קינדער צו די גבאים וואָס דער רב האָט בעשטימט צום פערהערען.

און וועה איז געווען צום קינד וואָס מען האָט דערזעהן ביים פערהערען, אז ער געגאַרט זיך ביים לערנען! מען האָט איהם איבערגעגעבען דעם שמש און ער האָט געקראָגען שמיץ מיט א קאַנטשיק און געהאַט גרויס בזיון פאר אַלע זיינע חברים'לעך.

פרייטאָג האָט מען געבראַכט די קינדער צום ראש ישיבה ער זאָל זיי פערהערען און ער האָט געגעבען מתנות, וואָס די רייכע בעלי־בתים האָבען געשאָנקען, צו די גוטע קינדער וואָס האָבען זיך אויסגעצייכענט אין לערנען. אין יע־דער אידישע קהלה איז מען געזעסען און געלערנט מיט גרויס התמדה און עס זענען מקוים געוואָרען אויף פּוילען די רייד

פון נביא : ״אלע דיינע קינדער זענען געלערנט אין גאָט׳ס תורה״.

עס איז געווען א וואונדערליך בילד קעגען אווענד. דער האנדעל האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף די גאסען. די קראָמען געשלאָסען. די בעלי־מלאכות האָבען אויפגעהערט ארבייטען. עס איז פינסטער אין די האנדעלס־הייזער. דער יריד־שטורם איז געוואָרען איינגעשטילט. די גוים זיצען אין די קרעטשמעס, שיכור׳ן, זינגען, שפּרינגען און טאנצען.

און פון די אידישע הייזער ציהט א ליכט און א וואונדער־ליכער זעלטענער רעש. שטילע אָפּגעריסענע נגונים פון די וואוינונגען וואו אידען זיצען פאר זיך און לערנען און עס טראָגט זיך איבער זיי א שטורם ניגון פון די בתי מדרשים. יעקב׳ס קינדער זיצען און לערנען !

דער וואונדערליכער אלטער ניגון וואָס איז אזוי זיס פאר׳ן אידישען אויער, דער ניגון וואָס בערוהיגט דעם אידען אין זיינע ביטערע צייטען און טרייסט איהם אין זיין נויט. עס איז נישט געווען קיין איין אידיש הויז אין פּוילען וואו דאָס קול פון דער תורה זאָל זיך נישט הערען. וואו עס האָט געלערנט דער בעל הבית און וואו די גרויסע און די קליינע קינדער אָדער די איידימעס. אָבער די איינציגע תורה שטימען פון די הייזער זענען פערשריגען געוואָרען פון די מחנות קולות וואָס האָבען זיך געטראָגען פון די קלויזען.

ארום די לאנגע טישען בעלייגט מיט אָפענע ספרים זע־נען געזעסען און געשטאנען גרופּעס, אלטע און יונגע, הי־געבוירענע און פרעמדע. אלע לומדים. רבנים, תלמידי חכמים און עוסק געווען אין תורה.

זיי האָבען זיך געאמפּערט, ארומגעריסען, איינס ס׳אנ־דערע פערשריגען, געדרעהט און פערדרעהט דעם תורה־ניגון, געווינקען מיט די אויגען, געוואָרפען מיט די הענט. די מלחמה איז אָנגעגאנגען אין דער גאנצער קראַפט. איינער שטעכט די פינגער אין צווייטענס אויגען. די יארמולקעס פעררוקט, די אָרבעל פערקאָשערט מיט די נאקעטע עלענבויגענס און געקנייטשטע שטערנס. אלע פערגאָסען מיט שוויים, שרייען, שטורמען, די פּנים׳ער פלאַמען און די אויגען שפּריצען פייער

ווי איינס דאָס אנדערע וואָלט געוואָלט איינשלינגען לעבעדיגערהייט.

עס איז אָבער די מלחמה פון דער תורה. און מען צוגעוווינט זיך די בעסטע גוטע פריינד. אין מיטען שארפען ויכוח בייזערט זיך אפילו דער זוהן אויפ'ן טאטען, מען ווערט ווי שונאים, אָבער איין גוט וואָרט, אַ שאַרפער איינפאַל שטילט איין די אויפגערעגטע געמיטער, גלעט אויס די קנייטשען, מאַכט שיינען די געזיכטער, מען ווערט זיך נאָהנט און מען קריגט זיך נאָך מעהר ליעב.

צומאָרגענס זענען יוסף און שמואל אריין צום ראש־ישיבה, דער גאון וואָס מען האָט איהם גערופען צוויי מאָל רבי: "רבי רב העשיל". דער גאון איז געזעסען ארומגערינגעלט פון די גאונים פון דער אומה. דער אַלטער לובלינער רב ר' נפתלי כ"ץ; דער תוספות יום־טוב, רבי יום־טוב ליפמאן העליר, קראקאווער רב; דער פויזנער רב רבי שעפטיל הורוויץ, דעם של"ה'ס זוהן; די לעמבערגער רבנים רבי יוסף געץ און רבי מאיר זאק; דער "ראשית בכוריב", דער גנעזינער רב רבי חנוך דרשן; דער "נחלת יעקב" רבי יעקב יענקעל און זיין ברודער רבי אברהם דער טארנאָפּאָלער רב; דער ווערשאנער רב רבי אפרים; דער ט"ז, דער אסטראָוואַער רב ר' דוד הלוי; נאראָלער רב רבי משה כ"ץ, דעם מהרש"א'ס תלמיד; דעם מגלה עמוקות זוהן, דער יונגער רב פון פאטאנאוו רבי שלמה שאַפּירא; רבי שמואל קוידינאָווער, דער ברכת הזבח; רבי שבתי הכהן, דער ש"ך פון ווילנא; דער שער אפרים, רבי אפרים כ"ץ און זיין איידים רבי יעקב אשכנזי; אויך די פיער אשכנזי ברידער: דער אפטער רב רבי אליעזר, דער דמשק אליעזר; דער קרעמעניצער רב רבי חיים; רבי יעקב קאפעל וועמען מען האָט גערופען "ראש הגולה און ראש מתיבתא" און דער שידלאָווער רב רבי נפתלי הערץ.

עס זענען חוץ די אויסגערעכענטע גאונים נאָך געווען אַ סך גרויסע רבנים און גאונים וואָס זענען געקומען פון נאָהענט און פון ווייט, ווער צו בעטיילינגען זיך אין די זיצונגען פון "ועד" און ווער צו שמועסען אין לערנען, זאָגען תורה, הערען תורה.

דעם רבי רב העשיל׳ס הויז איז געווען אָפען פאַר אַלעמען. דער טיש איז געווען געגרייט פון אַלדאָס גוטס. דער רבי רב העשיל איז געווען אַ גרויסער עושר און ער האָט נישט גע־דאַרפט ציהען פרנסה פון דער תורה. די גאונים זענען געקו־מען צו איהם מיט די בעסטע תלמידים ווי די גענעראַלען קומען מיט זייערע געקליבענע סאָלדאַטען צום פעלדמאַרשאַל. די ראשי ישיבה זענען געקומען ווייזען וואָס זיי האָבען אויפ־געטאָן.

דער יאריד איז געווען אַ וויכטיגע צייט פאַר די ראשי ישיבות, און דער וואָס האָט זיך דאָ אויסגעצייכענט און גע־קראָגען אַ שם זענען מאַסען תלמידים געפאָהרען צו איהם. וויכטיג איז אויך דער יריד געווען פאַר די ישיבה בחורים. ווייל די גבירים זענען געקומען אויפ׳ן יריד אויסקלייבען איי־דימס. און דער בחור וואָס האָט זיך אויסגעצייכענט אין לערנען האָבען די גבירים זיך געיאָגט נאָך איהם און געגעבען גרויסע מתנות צו דעם ראש ישיבה וועמעס תלמיד זיי האָבען אויסגעקליבען. און די שדוכים זענען געשלאָסען געוואָרען לויט די עצות פון די ראשי ישיבות. עס איז געווען אַ גע־בענטשטע צייט. תורה מיט חכמה, עושר מיט כבוד.

---

יוסף און שמואל, רב מנשה בן ישראל׳ס זיהן, זענען גע־שטאַנען צוטומעלט ארום די גאונים וואָס האָבען געפיהרט אַ טיעפען פלפול. זיי זענען אַוועק אין גאַסטהויז און געטראָפען דאָרט דער תוספות יום־טוב יונגסטען זוהן יהודה לייב העלער און זיי האָבען איהם געפרעגט פאַר וואָס די גאונים פלפול׳ן אזוי.

ער האָט געשמייכעלט, זיך ארומגעקוקט צי קיינער הערט זיך נישט אונטער און געזאָגט:

— איהר קומט פון אַ ווייט־לאַנד, וואו מען הויבט ערשט אָן לערנען. דאָ לייכט אָבער די תורה אזוי ווי די זון אין מיטאָג־שעה. די גרויסע קאָנקורענץ וואָס געהט דאָ אָן צווי־שען די לערנער מאַכט זיי אַלץ מעהר פלפול׳ען.

— זענען אַלע רבנים פון פוילען פערטיעפט אין פלפול?

— האָבען זיי געפרעגט — איז נישטאָ קיינער צווישען זיי,

וואָס זאָל לערנען פּשוט און איינפאַך ווי אונזער פאָטער אָדער ווי רבי יצחק אבוהב ?

— פאַראַן דאָ גאונים וואָס זענען קעגען פּלפּול. רבי שמואל קוידאנאַווער און מיין פאָטער ליבען ניט צו פּלפּול'ען זיך. זיי מוזען עס אָבער טאָן, ווייל דאָס איז דער הינגער שטייגער פון לערנען. ווען א רב זאָגט אמאָל אַ פּשוט'ע דרשה, קרימען זיך די לומדים, די זיידענע איידימס און זאָגען: "וואָס־זשע לאָזט ער אונז צו הערען ?"

— פאר וואָס רעכענען זיך די רבנים, די אויסגעקליבענע פיהרער מיט זייערע רייד ? ווער זענען זיי דען ?

— די רבנים ציטערן פאר זיי. זיי זענען מאדים'ס אין פּלפּול און ווילען נאָר כאַפּען דעם רב אין לערנען. און אָפּט ווען די פרנסים ווערען אָנגעשטויסען אויפ'ן רב, העצען זיי אויף די דאָזיגע פּלפּול־לייט זיי זאָלען זיך אָנזעצען אויפ'ן רב. דער פּראָסטער המון האָט דאָ קיין ווערט נישט. און אזוי גוט ווי דער פּוילישער אָדעל טיילט זיך אין "שלאַכטעס" און "אריסטאָקראַטען" אזוי טיילען זיך די לערנער אויף "חברים" און "מורנא'ס. צו בעקומען דעם טיטול "חבר" אָדער "מורנא" דאַרף מען האָבען די בעשטעטיגונג פון רב, די דיינים און די פרנסים. און מען מוז זיין אַ שטאַרקער בקי אין ש"ס מיט פּוסקים צו מעגען זאָגען אַ דעה אין דער געמיינדע. דאָס איז אָבער נאָך ווייניג צו קענען ווערען א דיין און ווער שמועסט נאָך — א רב. דעריבער זיצען זיי דאָ טאָג און נאַכט און שאַרפען זיך אין פּלפּול. דער זיידענער יונגערמאַן וואָס וויל ווערען א רב, קען קוים זיין ווייב און קינדער. ער זאָרגט נישט וועגען פרנסה. ער מיט ווייב און קינדער זיצען אויף קעסט ביי שווער און שוויגער. און אויב דער שווער קען זיי מעהר נישט אויסהאַלטען, עפענט דאָס יונגע ווייבעל א קראָם און ווי אן אשת־חיל האָרעוועט זי טאָג און נאַכט אויף דער פרנסה אָדער זי באָרגט געלד אויף פּראָצענט צו די גוים און דער מאַן זיצט און לערנט. פאַראַן רבנים וואָס ליידען גרויסע צרות פון די שטאָדט תקיפים. דער גרויסער גאון, דער ב"ח, האָט געגוג געוואַנדערט פון שטאָדט צו שטאָדט ביז ער איז אָנגעקומען נאָך קראקא, וואו ער זיצט בכבוד. ער האָט געמוזט פערלאָזען דאָס רבנות אין בריסק

דליטא, ווייל עס האָט אמאָל געטראָפען אז נאָך צוועלף בייי־נאַכט איז ביי איהם אין שטוב געוועזן פינסטער. אָפט קריגט אַ רב אַ שטעלע ווען ער בעצאָהלט אַ גרויסע סומע געלד דעם פּריץ פון שטעדטיל.

— פאַר וואָס שאַפען נישט אָפּ די רבנים די דאָזיגע עוולות ? — האָט יוסף געפרעגט.

— די רבנים אָהן די פּרנסים האָבען נישט קיין דעה — האָט געזאָגט יהודה לייב העלער — די פּרנסים האָבען די דעה.

— ווער האָט זיי געגעבען אזוי פיעל מאַכט זיי זאָלען הערשען איבער אלעמען ?

— זיי האָבען באקומען די מאַכט גלייך ווי דער "ועד אַרבע ארצות" האָט זיך געגרינדעט. אין יאָהר רע"ד האָט דער קעניג זיגמונד דער ערשטער בעשטימט מיכאל יוזע־פּאָוויטש'ען, אַ ברודער פון דעם קעניגליכען ראַטגעבער אַברהם יוזעפאָוויטש וואָס האָט זיך גע'שמד'ט, פאַר רב־הכולל. ער האָט געקראָגען דעם אמט איינצומאָהנען טאַקסעס פון אידען און צו פערהאַנדלען מיט דער רעגירונג וועגען אידישע ענינים. כדי מיכאל זאָל האָבען מעהר מאַכט און איינפלוס האָט דער קעניג איהם ערלויבט ער זאָל אויסקלייבען נאָך אַ רב וואָס זאָל איהם העלפען אין דער אַרבייט.

דאָס פאָלק איז אבער געוואָרן אומצופרידען און מיכאל האָט אליין נישט געקענט אַלץ טאָן האָט ער געבעטען ערלויבניש פון קעניג צו קענען נעמען צו הילף געלערנטע אידען. שפּע־טער האָבען די דאָזיגע שטעלעס געקראָגען שטאָדט תקיפים און זיי זענען געוואָרען פּרנסים און זיי האָבען צוגעצויגען די רבנים, און ביים ווערען אַ פרנס איז דער עיקר רייכטום און עס איז דערפאַר געשאַפען געוואָרען דאָס ווערטיל אז "דער גילדען איז מעבטיג. אַ גילדען מאַכט כשר און אַ גילדען מאַכט טרפה און דורך אַ גילדען ווערט אַ גראָבער יונג אַ פרנס".

— פאַר וואָס שטעלען זיך נישט די רבנים קעגען די דאָזיגע פּרנסים ? — האָבען געפרעגט יוסף און שמואל.

— זיי האָבען מורא צו פערלירען דאָס רבנות — האָט יהודה לייב העלער זיי דערקלערט — אויב אַ רב שטעלט

זיך קעגען די פּרנסים האָט ער שוין נישט נאָך וואָס זיך אומצוקערען אין זיין קהלה. באַלד ווי ער קומט אהיים קו־מען צו איהם די פיער שטאָדט־שמשים, טוען אוים די שיך און זעצען זיך אויף דער ערד פיער איילען ווייט פון איהם. דאָס איז אַ צייכען אַז ער איז אויס רב פון שטאָדט. אַ סך פון די תקיפים נוצען מסירה קעגען דעם רב וואָס פאָלגט זיי נישט. און פיעל גאונים האָבען פערלוירען דאָס רבנות איבער אַ מסירה. דערפאַר מישט זיך נישט דער רב אין קיין זאַך, נאָר איז תמיד ארייגעטאָן אין לערנען. די פאָלקס־מאַסען פערשטעהן אָבער נישט דעם רב'ס תורה. נאָר מיין פאָטער, דער גרויסער גאון, דער תוספות יום־טוב, האָט עפּיס געטאָן פאר'ן פראָסטען המון. ער האָט אָנגעשריבען אויף עברי־טייטש אַ מוסר ספר "אורחות חיים" און אַ ספר "ברית מלח" די דינים פון זאַלצען פלייש. די ספרים פערשטעהן אויך די ווייבער. מיין פאָטער איז אַ צדיק, ער האָט פיינט מחלוקת. אָבער וויפיעל צרות איז ער אויסגעשטאַנען. מען האָט איהם צוויי מאָל גע'מסר'ט. איצט ווייס מען ווער עס האָט איהם גע'מסר'ט. איין מאָל האָט ער דורך אַ מסירה גע־מוזט פערלאָזען דאָס לאַנד און איינמאָל איז געווען נאָך ער־גער. מען האָט איהם איינגעזעצט אין תפיסה און אַ טויט־אורטייל האָט געהאַנגען אויף זיין קאָפּ. נאָר דורך אַ נס וואָס גאָט האָט בעוויזען דורך מיין עלטערען ברודער איז ער ניצול געוואָרען פון טויט.

זיי האָבען איהם געבעטען ער זאָל זיי דערצעהלען די גאַנצע געשיכטע מיט דער מסירה און נס און ער האָט דער־צעהלט:

—מיין טאַטע איז אַלט אַכט און זעכציג יאָהר, גאָט זאָל איהם דערלענגערן די יאָהרען ביז הונדערט און צוואַנציג — האָט יהודה לייב העלער אָנגעהויבען — צו אַכצעהן יאָהר איז ער געוואָרען דיין אין פּראָג ביים מהר"ל. ער איז גע־ווען זיעבען און צוואַנציג יאָהר דיין ביז ער איז אויפגענומען געוואָרען אַלס רב אין ניקעלשבורג. אין זעקס חדשים אַרום איז ער געוואָרען רב אין וויען. אין די צוויי מיט אַ האַלב יאָהר וואָס דער טאַטע זאָל לעבען איז געווען רב אין וויען האָט ער אַ סך אויפגעטאָן פאַר דער קהלה. די אידען האָבען

נישט געהאט קיין שוהל און געוואוינט צושפרייט צווישען די גוים, האט דער טאטע גע׳פועל׳ט ביי דער רעגירונג די אידען זאלען קריגען לעאפאלדשטאדט פאר א אידישע געגענד. אין וויען האט דער טאטע געהאט גרוים כבוד און מען האט איהם איינגעלאדען אלס רב פון פראג. נאך זעקס מאנאטען איז ער אויך געווארען ראש ישיבה און געווען שטארק בעליעבט.

איבער דער דרייסיג־יעהריגער מלחמה איז די שטאדט געווארען פעראריממ. די אידישע קהלה האט געמוזט צאהלען גרויסע שטייערן און עס האט אויסגעבראכען א גרויסע מחלוקה. דער טאטע האט זיך אריינגעמישט און גע־וואלט פערגרינגערן די ארימע לייט און בעשטימט אז די מאגנאטען זאלען דעקען די גרעסטע טייל פון די שטייערן. מען האט אפילו געווארנט מיין פאטער, אז זיינע רייכע געג־נער ווילען איהם טאן בייז. ער איז אבער געווען זיכער אין זיין עהרליכקייט, אז מען קען איהם גאר נישט טאן. און פלוצלינג איז געקומען א רעגירונגס־בעפעהל מען זאל דעם טאטע שמידען אין קייטען און ברענגען נאך וויען. מען האט זיך איינגעשטעלט פאר איהם און גוטגעזאגט אז ער וועט זיך צושטעלען אליין, ער זאל נישט האבען די גרויסע שאנד צו געהן געשלאסען אין קייטען. ווען דער טאטע איז געקומען נאך וויען האט מען איהם געזאגט, אז ער ווערט בעשולדיגט אין לעסטערן קריסטענטום, וואס ווערט בעשטראפט מיט׳ן טויט. מען האט גע׳מסר׳ט אז דער טאטע האט אין זיינע ספרים אפגעלאכט פון קריסטענטום.

דער טאטע איז אפגעפיהרט געווארען אין געפענגניס און אויפ׳ן פראצעס איז ער געפונען געווארען שולדיג. דער אור־טייל איז געווען טויט־שטראף און פערברענען זיינע ספרים. דער קייסער האט פערביטען דעם טויט־אורטייל אויף צוועלף טויזענד זילבער גילדען שטראף. אין פאל ער וועט נישט קענען איינצאהלען די סומע אויף אמאל זאל ער נאקעטער־הייט געפיהרט ווערען אויף דריי שטאדט־גאסען און ווערען עפענטליך געשמיסען. דאס זעלבע זאל געטאן ווערען מיט איהם אויך אין פראג.

עס איז אבער געלונגען די מיה ביים קייסער און די שטראף איז פערקלענערט געווארען אויף צעהן טויזענד זיל־

בער גילדען אויסצוצאָהלען ראַטעסווייז און דער טאַטע האָט צוריק געקראָגען זיינע ספרים. אלץ וואָס דער טאַטע האָט געהאַט האָט ער פערקויפט. א סך גבירים פון וויען און פּראג האָבען צושטייער געגעבען און מען האָט איינגעצאָהלט א העלפט און געבראַכט משכנות אז שפּעטער וועט די צווייטע העלפט ווערען בעצאָהלט. נאָך פערציג טעג זיצען איז ער בעפרייט געוואָרען פון תפיסה. עס איז איהם אָבער פערבאָטען געוואָרען צו זיין א רב אין לאַנד.

— ווייסט איהר פאַרוואָס דער קייסער איז געווען אזוי גנעדיג צום טאַטע ? — האָט יהודה לייב העלער ווייטער גערעדט — נישט וויל ער איז אזא גוטער. אייגענטליך איז די שטראָף אויפ'ן טאַטען נישט געווען גענוג פאַר די ריכטער. זיי האָבען נאָך געוואָלט איבער דעם ארויסטרייבען אלע אידען פון לאַנד. נאָר גאָט האָט בעוויזען א נס און בעשאַפען די רפואה פאַר דער מכה דורך מיין ברודער.

מיין ברודער שמואל איז א גרויסער למדן און א חכם. אלס בחור האָט איהם דער טאַטע געשיקט נאָך מעץ, פראַנקרייך, אין דער דאָרטיגער ישיבה. פיער יאָהר האָט ער דאָרט געלערנט און זיך אומגעקערט אהיים. ער איז געגאַנגען צופוס מיט נאָך בחורים מיט די פּעקלעך אויף די פּלייצעס. ער האָט נישט געוואוסט אז דער טאַטע זיצט אין תפיסה אין וויען און געהענדיג איז ער אַנגעקומען פאַר וויען.

לעבען וואַלד האָט ער זיך אוועקגעלייגט אויפ'ן גראָז אָפּרוהען. פּלוצלינג האָט ער דערהערט שרעקליכע געשרייען :

— ראַטעוועט ! ראַטעוועט !

שמואל איז אויפגעשפרונגען און דערזעהן א ווילדען אָקס נאָכיאָגען זיך נאָך צוויי פרויען מיט א קינד. דער ווילדער אָקס האָט געברומט שרעקליך, מיט אויגען מיט בלוט פערלאָפען און די הערנער אויסגעשפּיצט האָט ער זיך געלאָזט גאַלאָפּ אויף די פרויען.

איינע פון די פרויען, די עלטערע, האָט געטראָגען א רויטע פּאַטשיילע אויפ'ן קאָפּ. שמואל האָט פערשטאַנען אז די רויטע פּאַטשיילע האָט דעם אָקס צורייצט, איז ער שנעל צוגעשפרונגען צו דער פרוי, אראָבגעריסען דאָס טיכעל פון איהר קאָפּ און עס אוועקגעשליידערט פאַר'ן ווילדען אָקס. דער

אַקס האָט זיך געוואָרפען אויפ׳ן טיכעל און עס דורכגעשטאָ־
כען מיט זיינע הערנער און די פרויען מיט׳ן קינד האָבען
זיך בעהאלטען צווישען די קוסטעס.

אין עטליכע מינוט ארום איז אָנגעפאָהרען א טייערע קאַ־
רעטע און דער פראַנצויזישער אמבאסאדאָר איז ארויסגע־
שפרונגען פון קארעטע. איינע פון די פרויען, די יונגע, איז
געוועזען זיין פרוי. עס איז אויך געוועזן זיין קינד און די על־
טערע פרוי איז געוועזן די אם.

די יונג פרוי איז ארויס פון די קוסטעס און מיט געוויין
דערצעהלט דעם מאַן ווי דורך א נס איז זי מיט׳ן קינד געראַ־
טעוועט געוואָרען פון טויט. זי האָט איהם אָנגעוויזען אויף
שמואל׳ן, אז ער איז זייער רעטער.

דער אמבאַסאַדאָר האָט איהם הארציג געדאַנקט און גע־
פרעגט ווער ער איז און מיט וואָס קען ער איהם בעלוינען ?
שמואל האָט איהם געענטפערט אויף פראנצויזיש אז ער איז
דעם פראגער רב׳ס זוהן און די איינציגע לוין וואָס ער דער־
ווארט איז, דער אמבאסאדאָר זאָל זיין גוט צו אידען.

דער אמבאסאדאר האט איהם הייליג פערשפראָכען אז
ווען ער וועט קענען טאָן אידען א טובה וועט ער עס טאָן.
דעם אמבאסאדאר׳ס ווייב האט נישט געפונען קיין ווערטער
ווי איהם צו דאנקען און איהם געגעבען זייער אד־עס און
געבעטען קומען צו זיי אין הויז.

זיי זענען אוועקגעפאָהרען און שמואל האָט אוועק־
שפאצירט פרעהליך אין אידען־פערטיל און אריין צו זיין פע־
טער. ווי ער איז נאָר אריין אין הויז האבען אלע זיך צואוויינט.
און זיי האבען איהם דערצעהלט פון גרויסען אומגליק.

שמואל׳ס צער קענט איהר זיך פאָרשטעלען. ער איז אבער
גלייך אוועק צום פראנצויזישען אמבאסאדאר און זיי דער־
צעהלט דאס אומגליק. דער אמבאַסאדאר מיט זיין פרוי הא־
בען נישט גערוהט. זיי האבען גע׳פועל׳ט דער קייסער זאל
בייטען דעם טויט אורטייל און מען זאל די אידען נישט
ארויסטרייבען. זיי האבען געוואָלט מען זאל אין גאנצען שענ־
קען די שטראָף. דאס האבען זיי נישט געקענט אויספיהרען.
עטליכע מיניסטאָרען האָבען זיך איינגעשפארט אז דער טאטע

זאָל מעהר נישט טאָרען זיין רב און ער זאָל מוזען צאָהלען שטראַף.

אין עטליכע טעג ארום איז דער פראנצויזישער אמבאסאַדאָר פּלוצלונג צוריקגערופען געוואָרען נאָך פּאַריז און ער האָט זיך שוין מעהר נישט צוריקגעקערט. מיר האָבען זיך אבער דערוואוסט פון דעם אמבאסאדאָר, אז די מיניסטאָרען האָבען דאָס געטאָן אויף'ן פערלאנג פון א רייכען אידען פון פּראג וואס האט פריהער געוואוינט אין וויען און ער האט די מיניסטאָרען תמיד געליהען געלד. ער איז געווען אין כעס אויף'ן טאַטען ווייל ער האט אראפּגענומען דעם שטייערן יאָך פון די ארימע און ער האט געלאָזט איבערזעטצען דעם טאטענ'ס ספרים. איינער פון די איבערזעצער איז א דיין. די מיניסטאָרען האבען דורכדעם געוואָלט אלע אידען ארויסטרייבען. שמואל האט נישט דערצעהלט דעם טאטען ווער די מוסרים זענען געווען. נאָר דער גביר האט פאר'ן טויט זיך מתודה געווען פאר'ן טאטען אז ער האט איהם גע'מסר'ט. די גאנצע געשיכטע איז פערשריבען אין "מגלת איבה" (די מגילה פון האס) וואָס דער טאטע האָט אָנגעשריבען פאר אונזער פאמיליע.

רב מנשה בן ישראל'ס זיהן האבען זיך נישט געקענט פארשטעלען אז אזעלכע שרעקליכע זאכען זאָלען קענען געשעהן, האָט זיי יהודה ליב העלער ווייטער געזאָגט:

— אין דרייצעהן יאהר ארום האט דער טאטע געהאט אן עהנליך אומגליק. א יאהר איז דער טאטע געווען אין פּראג ביז די שטראַף איז געוואָרען בעצאָהלט און ארעם און בלויס איז ער אוועק נאָך פּוילען. ער איז געוואָרען רב אין נעמיראוו און דערנאָך אין לודמיר. ניין יאהר איז ער געווען רב אין לודמיר און אנגעהויבען שטורמען געגען דעם וואס רבנות ווערט געקויפט פאר געלד. זענען די תקיפים געוואָרען בייז און איהם פער'מסר'ט פאר'ן וואָיעוואָדא. דער וואָיעוואָדא האט בעפוילען ארויסצוטרייבען דעם טאטען פון לאנד. מען האט אבער אויפגעקלערט דעם וואָיעוואָדא די גאנצע געשיכטע און ער האט צוריקגערופען דעם בעפעהל. די תקיפים האבען איהם נישט געלאָזט צורוה ביז גאָט האָט געהאָלפען און ער איז אָנ'גענומען געוואָרען אלס רב און ראש ישיבה אין

קראקא. אין קראקא האָט דער טאַטע גרויס כבוד און צוויי טעג אין יאהר האט ער באשטימט פאר אונזער משפחה אַלס וויכטיגע אנדענקונגס טעג. ה׳ תמוז אַלס תענית, דעם טאָג ווען מען האט איהם איינגעזעצט אין גע־פענגניס איבער דער פראגער מסירה און ראש חדש אָדר — א טאָג פון פרייד ווען ער איז אויפגענומען געוואָרען אַלס קראקאווער רב.

עס איז שוין געווען שפעט ביי נאכט. זיי האבען זיך גע־לייגט שלאָפען. יוסף מיט שמואל׳ן האבען אבער נישט גע־קענט איינשלאָפען איבער די שרעקליכע מעשות וואס זי־ האבען געהערט.

---

צומאָרגענס האט לובלין געקאָכט. מען האט געפונען אין זוהר אז דאס יאהר וועט זיין די גאולה. האבען אלע איבער־געלאָזען דעם יאריד און געלאָפען אין די שוהלען און בתי מדרשים נאָכקוקען דעם זוהר. מען האט געפונען געשריבען אזוי: ״אין אלף הששי אין יאהר ת״ח וועט זיין תחית המתים״.

איז דאָך דער קץ אַנטפּלעקט. מוזען אלע אידען זיין גרייט. האבען זיי נאָר אוועקצואווארפען אלע געשעפטען און וואר־טען אויף משיח...

אלע זענען אוועק צום רב הערען וואס די גאונים האבען צו זאגען וועגען דעם. א טייל גאונים וואס האבען עוסק גע־ווען אין קבלה האבען געגלויבט און געזאָגט אז דאס פאָלק דארף פאסטען און זיך גרייטען פאר דער גאולה.

דער גרעסטער טייל האָט אָבער געצווייפעלט. זיי האָבען געזאגט אז עס פעהלען א סך סימנים פון דער גאולה, וואס דארפען זיך ווייזען פאר׳ן קץ. אָהן די סימנים קען נישט קומען צו תחית המתים. צוערשט דאָס קעניגרייך פון ארמולים הרשע, די גוג מגוג מלחמה, משיח בן יוסף, די חבלי משיח, אליהו הנביא דארף זיך פריהער בעווייזען, אידען דארפען פריהער אויפגעהן נאָך ארץ ישראל, בויען דאס בית המקדש, משיח בן דוד דארף קומען און ערשט דערנאָך וועט זיין תחית המתים.

עס זענען אנגעגאנגען הייסע וכוחים אין רב׳ס הויז ווע־

גען קץ. ווען יוסף מיט שמואל'ן האָבען זיך אומגעקערט אין אַוועגט אין גאסט הויז האבען זיי אנגעהויבען שמועסען מיט יהודה העלער וועגען קץ. ער האט געשוויגען און זיי האבען איהם דערצעהלט אז זייער פאטער רב מנשה בן ישראל גלויבט אויך אז באלד וועט קומען די גאולה.

דאס גלויבען אין דער נאָהנטער גאולה איז לאַנג געווען פערשפרייט צווישען די געפּייניגטע שפּאנישע אידען. אין זייערע שרעקליכע פּיין האָבען זיי געפונען א טרייסט אין דער נאָהנטער גאולה. דאָן יצחק אברבנאל האט געשריבען דריי ספרים און געפּרובירט בעווייזען אז די גאולה וועט זיין אין גיכען. ער האט אויסגערעכענט דעם קץ פון דניאל און עס איז אויסגעקומען אז דער אנהויב פון דער גאולה וועט זיין אין רס"ג, עלף יאָהר נאָך גירוש שפּאניען און וועט דויערן ניין און צוואנציג יאהר.

דעמאָלט האט זיך טאקי בעוויזען א נביא ארום וועגעדיג און גערופען דאָס פאלק צו פאסטען און געבען א סך צדקה, ווייל באלד קומט משיח און וועט צוזאמענקלייבען אלע פארטריבענע און פאראיים וועט געהן אן עמוד אש און אן עמוד ענן פונקט ווי ביי יציאת מצרים. דער נביא איז אבער פּלוצלונג געשטאָרבען און דאס פאָלק איז געבליבען מיט א שווערע ענטוישונג.

דרייסיג יאהר שפּעטער האט דאס פאלק ווידער אנגעהויבען גלויבען אז דער קץ איז נאָהנט. שלמה מולכו, איינער פון די אנוסים אין ליסאבאן מיט דוד הראובני האבען אויפגעוועקט די משיח האָפנונג. נאָך ווענעדיג איז אנגעקומען א געהיימניספולער מאן דוד וואס האט געזאגט אז ער שטאַמט פון שבט ראובן. ער האט געזאגט אז ער איז דער זוהן פון א אידישען קעניג אין ווייטען אראביען. ער איז געקומען מיט א שליחות פון דער אידישער מלוכה צו די קריסטליכע הערשער אין אייראפּא. ער האט אריינגעריטען אויף א ווייס פערד נאָך רוים און געווען ביים פּויבסט קלעמענס דער זיבעטער און ביים פּאָרטוגעזישען קעניג יאָאן דעם דריטען. די שמועסען האָבען געווירקט אויף שלמה מולכו וואס האָט מיט'ן גאַנצען הארצען זיך אומגעקערט צו אידישקייט און זיך פערטיעפט אין קבלה און ער האָט אָנגעהויבען זאָגען נביאות אז

משיח וועט קומען אין גיכען. דער פויבסט האט שטארק גע־האלטען פון שלמה׳ן.

שלמה מולכו איז אוועקגעפאהרען נאך טערקיי און אומע־טום גערעדט היים וועגען דער נאהנטער גאולה. דערנאך איז שלמה מולכו מיט דוד ראובני אוועק צום דייטשען קייסער קארל דער פינפטער און איהם געזאגט אז זיי ווילען רופען די אידען אויף א מלחמה מיט טערקיי און איינעמען ארץ ישראל.

א אידישער דאקטאר יעקב מינטאן האט אנגערעדט ביי פאר דעם קייסער אויף שלמה מולכו מיט דוד הראובני און דער קייסער האט ביידע ארעסטירט און מיטגענומען מיט זיך נאך איטאליען. שלמה מולכו איז אלס אנטלאפענער מאראן פער־אורטיילט געווארען פון דער אינקוויזיציע צום טויט און מען האט איהם פערברענט אין מאנטוא אין יאהר 1532, און דוד הראובני איז איינגעזעצט געווארען אין א שפאניש געפענג־ניש און פערפייניגט געווארען צום טויט.

די אידישע האפנונג אין משיח איז ווידער געבליבען פאלש. דאס פאלק האט אבער נישט אויפגעהערט צו גלויבען אז די גאולה איז נאהנט. אין די שרעקליכע פיין האבען אידען געזעהן די וויטאג פון משיח׳ס צייטען, און מען האט געהאפט אז משיח וועט קומען אין יאהר של״ה.

די אמסטערדאמער אידען האבען שטארק געגלויבט אין דער נאהנטער גאולה איבער דעם פארטוגעזישען מאראן אהרן לוי, מיט זיין גוי׳שען נאמען אנטאניא מאנטעזענא, וואס איז געקומען פון אמעריקא נאך אמסטערדאם און ער האט גע־זאגט אז ער האט אין אמעריקא געטראפען אינדיאנער וואס לייענען קריאת שמע און היטען אידישקייט לויט תורת משה. ער האט געשוואוירען אז ער זאגט דעם אמת. און רב מנשה בן ישראל האט דערקלערט אז די אינדיאנער זענען די קינדער פון די פערלוירענע עשרת השבטים. פיעל קריסטליכע געלעהר־טע האבען אויך אנגעהויבען שטארק גלויבען אין דער גאולה.

---

יוסף מיט שמואל׳ן האבען געשמועסט וועגען קץ און יהודה העלער האט זיך אנגערופען:

— איהר האט געזאגט אז די רבנים האבען געזאגט אז

מען זעהט א סך סמנים פון משיח'ס צייטען, וואסערע סימנים?

— א, דער רבי העשיל האט זיך געוויצעלט. ער האט געזאגט אז די "פני" פון דור האבען א פנים פון הינט... אז חוצפה איז גרויס.

— וואויל איז איהם—האט יהודה געזאגט — ער האט נישט קיין מורא פאר די "פני", און ער איז פונקט אזוי שארף אין וועלט זאכען ווי אין דער תורה. נאך אלס קינד איז ער געווען בעריהמט מיט זיין חריפות. ווען ער איז געווען א פינפיעהריג קינד איז געקומען א חשוב'ער גאסט צו זיין פאטער. דער גאסט האט געהערט ווי מען ריהמט דאס יונגעלע, האט ער איהם געפרעגט:

— וואס נעמסטו דיר מיט צו עסען אין חדר אריין?

— ברויט—האט דאס יונגעלע געזאגט.

אין צוויי יאהר ארום איז דער גאסט ווידער געקומען און די ערשטע פראגע האט ער געשטעלט דעם קליינעם העשיל, זאגענדיג:

— מיט וואס?

— מיט פוטער—האט העשיל גלייך געענטפערט נעדענקענדיג דעם גאסט מיט זיין פראגע פון פאר צוויי יאהר.

— ווען ער איז אלט געווען זיבען יאהר—האט יהודה ווייטער דערצעהלט—האט ער גראטעוועט א אידען פון א שווערע שטראף. הערט די געשיכטע:

א איד האט געהאלטען א בשמים געוועלביל בשכנות מיט א גוי'אישען קצב און נאר א דין וועגטיל האט אפגעטיילט די קראמען. איין אוועגד ווען דער איד האט איבערגעצעהלט דעם טאג לייזונג האט דער גוי געזעהן דורך'ן וועגטיל ווי ער צעהלט און געוואוסט די צאהל פון געלד וואס דער איד האט געהאט אין קעסטיל.

ביינאכט האט דער גויאישער קצב געמאכט א געוואלד אז מען האט איהם בע'גנב'עט אויף א סומע געלד און ער איז חושד זיין שכן דעם איד אין דער גנבה. פאליציי איז געקומען אין אידען'ס געוועלביל און געפונען פונקט די סומע געלד אין טיש-קעסטיל. דער אידישער קרעמער האט געשוואוירען אז עס איז זיין טאג פדיון. מען האט אבער נישט געוואלט

הערען וואס דער איד זאגט און איהם אריינגעזעצט אין תפיסה.

אין עטליכע טעג ארום האט געזאלט זיין דער פראצעס און אויסער דעם וואס דער איד וואלט פארלוירען זיין געלד וואלט ער אויך באקומען זעהר א שווערע שטראף.

דער ריכטער איז געהענדיג שפאצירען אריינגעגאנגען אין דער אידישער געגענד און דערזעהן ווי עטליכע אידישע קינ־דער שפילען זיך אין א געריכט שפיעל. דעם רב'ס יונגעל העשיל איז דער ריכטער. האט דאס איהם פעראינטערעסירט און ער האָט זיך אָבגעשטעלט צוקוקען דאס שפיעל.

צוויי אינגלעך זענען צוגעקומען צום אינגעל ריכטער און געזאָגט אז איינער איז דער גוי'שער קצב און דער צווייטער איז דער אידישער קרעמער. און זיי האָבען פאָרגעלייגט זייערע טענות פונקט ווי פון דעם פראָצעס וואס האָט גע־דארפט פאָרקומען פאר דעם ריכטער.

נאָך די טענות האָט דאס אינגעל ריכטער אזוי גע'פסקנ'ט:

—דאס געפונענע גנבה געלד זאָל מען אריינלייגען אין א בעקען היים וואסער. וועט ארויפשווימען פעטס פון אויבען איז א סימן אז דאס געלד איז דעם קצב'ס, ווייל זיינע הענד זענען פעט פון פלייש און דאָס געלד איז פעט. אויב עס וועט נישט ארויפשווימען קיין פעטס האָט דער גוי געמאכט א בלבול אויפ'ן אידען און דער איד איז פריי.

דער ריכטער האָט געשוויגען און אוועקגעגאנגען. דעם טאָג ווען דער פראָצעס איז פאָרגעקומען האָט דער ריכטער געשיקט נאָך העשיל'ן און אוועקגעזעצט לעבען זיך. און וועןביידע טענות זענען געוואָרען אויסגעהערט, האָט דער ריכטער געזאָגט צום זיבען יאָהריגען העשיל:

— זאָג דיין פסק ווי דו האָסט געזאָגט מיט עטליכע טעג צוריק.

העשיל האָט ארויסגעזאָגט דעם פסק. מען האָט אזוי געטאָן. עס איז נישט ארויפגעקומען קיין פעטס. דער איד איז אָרוים פריי און דער ריכטער האָט בעשטראָפט דעם גוי פאר מאָכען א בלבול.

יוסף מיט שמואל'ן האָבען זיך געוואונדערט אויף זיין שארפזיניגקייט אלס קינד. האָט יהודה זיי געזאָגט:

— איך וועל אייך דערצעהלען נאָך א וואונדער פון איהם. ווען ער איז אַלט געוואָרען צעהן יאָהר האָט די וועלט געקלונ־גען מיט איהם. איינער פון די גרעסטע גבירים פון בריסק רב משה האָט זיך משדך געווען מיט איהם. העשיל האָט אָבער נישט געהאט געזעהן דעם מחותן ביז די תנאים. דער שדוך איז געוואָרען געשלאָסען צווישען רב משה'ן מיט דעם רבי רבי העשיל'ס פאָטער רבי יעקב.

ווען אַלע געסט זענען שוין געווען פערזאמעלט צו די תנאים האָט רבי יעקב אָנגענומען דעם חתן און אריינגעפיהרט צו די געסט און געזאָגט:

— העשיל, טרעף ווער איז דיין מחותן!

א ווײַלע האָט ער זיך אומגעקוקט אויף די געסט און גלייך געוויזען אויף רב משה'ן.

— דער!

אַלע האָבען זיך געוואונדערט. ער האָט דאָך איהם קיין מאָל נישט געזעהן. און דער פאָטער האָט איהם געפרעגט:

— ווי אַזוי האָסטו דערקענט אז ער וועט זיין דיין שווער?

— ווייל איידער איך קען איהם האָב איך איהם פיינט...

— זיין פרוי דינה איז דאָך רב שאול וואהל'ס אן אייני־קעל! — האָט געזאָגט יוסף.

— דאָס איז זיין צווייטע פרוי — האָט יהודה דערקלערט — די ערשטע איז יונגערהייט געשטאָרבען. דינה האָט איהם געקראָנקען איבער איהר גרויס חכמה. ווען דער רבי רבי העשיל איז געוואָרען אן אלמן האָט דינה געוואָלט חתונה האָבען מיט איהם. צו איהר גרויס חכמה איז זי זעהר רייך. שדכנים האָבען זיי צוזאמענגעפיהרט אין א גאַסט הויז. דער רבי רבי העשיל איז איינגעשטאַנען אין די אויבערשטע צי־מערן און דינה אין די אונטערשטע. האָט ער נישט געוואָלט אראָפּגעהן צו איהר, ווייל עס פּאַסט נישט פאַר א רב, האָט ער געזאָגט, און זי האָט נישט געוואָלט ארויפגעהן צו איהם, ווייל עס פּאַסט נישט פאַר א פרוי צו געהן צום מאַן.

די שדכנים האָבען געזוכט אן עצה און נישט געקענט געפינען. עס האָט שוין געהאַלטען דערביי זיי זאָלען אוועק־פאָהרען אומגעזעהנערהייט. האָט דינה געשריבען א צע־טעלע צום רבי רבי העשיל מיט בלויז פיער ווערטער: "נחות

דרגא ונסיב אתתא" (נידערט אראפ א שטאפעל און נעמט א פרוי).

דאס גמרא ווערטיל וואס זי האט אזוי קלוג בענוצט האט געמאכט אויף איהם א שטארקען איינדרוק און ער איז אראפ־געגאנגען צו איהר און מיט איהר חתונה געהאט.

און ווייל ער איז א גרויסער עושר — האט יהודה צוגע־געבען — האט ער פאר קיינעם נישט קיין מורא. לובלין האט אויך אזעלכע שלעכטע מענשען זיי זאלען מסר'ען דעם רב וואס רעכענט זיך נישט מיט זיי.

—וואס מישען זיך די תקיפים אין רבנות? — האבען יוסף מיט שמואל'ן געוואלט וויסען.

— ווייל יעדער וויל האבען אז זיין איידים זאל ווערען רב. און אויב דער איידים איז נישט ראוי צו זיין רב און מען וועט איהם נישט אויסקלייבען, קויפט דער שווער דאס רבנות פאר'ן איידים פאר געלד.

אט דער תקיף וואס איז א שטרענגער הערשער איבער זיינע ברידער איז א קנעכט צום פריץ. פריצים זענען גרויסע פערשווענדערס. זיי וויסען נישט ווי צו פיהרען זייערע פערמעגענס האט יעדער פריץ זיין איד וואס דינגט אפ אין ארענדע די הכנסות פון שטאדט, קויפט די תבואה פון זיינע פעלדער און די וואל פון זיינע שאף און די ברויערייי. דער איד ווערט רייך פון פריץ'ס אפפאל. ווען דער פריץ ווערט בייז רייסט ער אוים די באָרד און פאות פון זיין אידען, טרעט איהם מיט די פיס, ווארפט איהם אריין אין שטאל צווישען די בהמות און שמייסט איהם. קיינער קען דעם פריץ נישט שטערן. דער פריץ איז ביי זיך ווי א הערשער אומבעגרע־ניצט.

אז דעם פריץ'ס כעס פאלט אפ בעט ער איבער דעם אידען און מאכט איהם צוריק פאר הערשער איבער די הויפ־קנעכט אין דער אידישער קהלה. דעם פריץ'ס קנעכטישער ארענדאר וואס ווערט געטרעטען מיט די פיס פון פריץ טרעט דערנאך די קהלה. זיי זענען דאס די תקיפים.

אודאי זענען דא עהרליכע, איידעלע ארענדאזרען. אבער זיי האבען מורא צו עפענען דאס מויל פאר די ווילדע תקיפים. די תקיפים רינגלען זיך ארום מיט טעלער לעקער, חניפה'ני־

קעס, וואָס געבען תמיד גערעכט די תקיפים. און וועה איז דעם רב וואָס וואגט קעגענצושטעלען זיך די דאָזיגע תקיפים מיט זייער פאַלשער באַנדע.

---

זיי זענען געגאַנגען צום טיש עסען. האָבען זיי געפונען אַלעמען פון בעל הבית ביז דער דינסט רעדען וועגען עסען מיט א פלפול טאָן. גלייך, איינפאַך האָט קיינער נישט גע־רעדט. נאָר נעדרעהט מיט'ן דוימפינגער און גע'פשט'עלט זיך. זיי האָבען געשמייכעלט ווי ווייט פערשפרייט עס איז דאָס פשט'לען זיך אין פוילען.

יהודה האָט אָנגעזאָגט יוסף'ן מיט שמואל'ן אז מאָרגען פאָהרט ער נאָך נעמיראָוו אין ישיבה. דער גאון רבי מיכל רב און ראש ישיבה פון נעמיראָוו איז געווען בעריהמט אַלס בקי אין לערנען ווי א תנא, אַלס א יחיד פון דור און א גרוי־סער מקובל.

שמואל האָט זיך אָנגערופען אז ער וויל אויך פאָהרען אין דער נעמיראָווער ישיבה און טאקי אינאיינעם מיט יהודה'ן. יוסף האָט מסכים געווען און זיי האָבען בעשלאָסען צו פאָהרען גלייך מאָרגען מיט דעם אידישען עושר פון אוקריינא, זכריה ארענדאטאָר פון טשיגירין, וואָס פאָהרט מאָרגען אהיים אין זיין טייערע קאַרעטע.

זכריה האָט אויפ'ן יאריד זיך בעקענט מיט'ן תוספות יום טוב און אז ער האָט געהערט אז זיין זוהן וויל פאָהרען נאָך נעמיראָוו, האָט זכריה מיט פרייד פאַרגעלייגט מיטצו־נעמען איהם אין זיין קאַרעטע און איהם אָפּהיטען ביז ער וועט אָנקומען נאָך נעמיראָוו.

אין דער קאַרעטע איז געווען ברייט פלאַץ פאַר פיער פאַרשוין. געשפּאַנט איז די קאַרעטע געווען צו פיער פלינקע פערד וואָס פליהען פייל פון בויגען. און אויב דאָס וועטער וועט זיין גוט וועלען זיי אין א וואָך צייט זיין אין נעמיראָוו.

יהודה האָט מיטגענומען שמואל'ן צו זכריה'ן און איהם געפרעגט צי ער וועט איהם אויך מיטנעמען. זכריה האָט איינגעווילינט און זיי געזאָגט אז זיי דארפען נישט מיטנעמען קיין עסענוואַרג, ווייל ער האָט גענוג פאַר זיי. נאָר זיי מוזען זיין גרייט באַלד אינדערפריה ווייל ער איילט זיך אהיים.

אינדערפריה באלד נאָכ׳ן דאַוונען האָט זכריה׳ס קאַרעטע שוין געוואַרט אויף זיי. זכריה איז מיט זיי אַריין צום תוספות יום טוב און זיך געזעגענט. דער גאון האָט זיי גע־בענטשט. שמואל האָט זיך געזעגענט מיט זיין ברודער יוסף און ביידע האָבען שטאַרק געוויינט. זכריה איז שוין געזעסען אין קאַרעטע און זיי אונטערגעאיילט. שמואל מיט יהודה׳ן האָבען זיך אַריינגעזעצט. דער גוי׳שער אַנטרייבער זכריה׳ס קנעכט האָט אַ נעם געטאָן די לייצען און די פערד האָבען זיך געטראָגען ווי אַדלערס.

זכריה האָט באלד איינגעדרימעלט און שטאַרק געכראָ־פעט. ער איז געווען אַ שווערער מענש. זעהר פעט און ער האָט זיך גוט אָנגעגעסען און אָנגעטרונקען פאַר׳ן פאָהרען.

אויפ׳ן וועג וואו די קאַרעטע איז געפלויגען פלעגען דורכ־פאָהרער אידען און פויערן אָפּטרעטען אָן אַ זייט און אַראָפּ־נעמען די היט. זיי האָבען געמיינט אַז אין דער טייערער קאַרעטע פאָהרט אַ שטרענגער פּריץ.

— זיי שרעקען זיך אומזיסט — האָט שמואל געזאָגט מיט אַ שמייכעל — עס פאָהרען גאָר אָרעמע דערשלאָגענע אידען אין דער רייכער קאַרעטע.

—ער איז שוין גאָרנישט אָרעם און דערשלאָגען — האָט יהודה איהם געזאָגט — זכריה איז נישט פון אונזערע אידען. ער איז איינער פון די רייכע אַרענדאַטאָרס אין אוקריינא. עס פעהלט איהם גאָרנישט. ער פרעסט ווי אַ פערד. ער פיהלט נישט דעם יאָך פון תורה אויף זיך און ער האַלט נאָר די מצוות וואָס איהם געפעלען. ער איז זעהר שטרענג. זעהסט, ווי זיין קנעכט ציטערט פאַר איהם!

באלד האָט שמואל געזעהן זכריה׳ס כעס. ווי ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז איהם עפּיס נישט געפעלען און ער האָט זיין קנעכט צושלאָגען און צובלוטיגט. שמואל מיט יהודה׳ן האָבען איהם אויסגערעדט, אַז ער דאַרף נישט אַזוי בעהאַנדלען זיין קנעכט, האָט ער זיי געענטפערט בייז:

— איהר קענט נישט די ווידערשפעניגע פויערן. זיי זע־נען אַ פערדאָרבען פאָלק. די כאַמעס ווילען נישט אַרבייטען. און זיי זענען זעהר בלוטדורשטיג, עס חלום׳ט זיך זיי די בייזע טעג פון נאַליוויַיקען מיט טאַראַס׳ן, עס ווילט זיך זיי

א פּאווליוק און אוסטראניצא. א דאַנק גאָט! יענע ביטערע צייט וועט זיך מעהר נישט אומקערען!

און ער האָט ווייטער דערלאַנגט שטאַרקע קלעפּ זיין קנעכט.

— הערט אויף, רב זכריה! — האָבען זיי איהם געבעטען - ער איז דאָך א מענש!

— ווער קען מיר שטערן — האָט ער געזאָגט שטאָלץ — זיין לעבען איז אין מיינע הענד. אז איך וויל קען איך איהם גלייך אויפהענגען. קאָניצעפּאָלסקי מיט טשאַפּלינסקין האָבען אַזעלכע קנעכט א סך, ווי די הינט, אז ער וועט פּגר'ען וועלען זיי מיר געבען אַנדערע.

---

זכריה האָט ווידער איינגעדרימעלט און אז זיין כראָפּען האָט זיך געשטאַרקט, האָט שמואל געפרעגט יהודה'ן ווער זענען געווען נאַליווייקי, טאַראַס, פּאווליוק און אוסטראניצא?

— קאָזאַקען אַטאַמאַנען וואָס האָבען מורד געווען אין דער פּוילישער אריסטאָקראַטיע און אויסגעלאָזט זייער צאָרן אויף דער פּוילישער שליאַכטאַ און אויף אידען.

— ווער זענען די קאָזאַקען און פאַרוואָס האָבען זיי רעוואָלטירט? — האָט שמואל געפרעגט.

— די קאָזאַקען זענען א פאָלק פון גבורים, מלחמה-העלדען, וואָס האָבען ליעב צו פיהרען קריעג — האָט יהודה איהם דערקלערט — אין דער גאַנצער געגענד וואוינען די סלאַווישע שבטים וואָס האָבען זיך צום סוף איינגעטיילט אויף צוויי פעלקער, רוסען און פּאָליאַקען.

די רוסען און פּאָליאַקען האָבען נישט איין רעליגיע. די רוסען זענען פּראַוואָסלאַווען און די פּאָליאַקען זענען קאַטאָליקען. דאָס פּויערן-פּאָלק פון אוקריינא איז פּראַוואָסלאַוויש און די פּריצים זענען קאַטאָליש.

די פּויליש-קאַטאָלישע פּריצים אונטערן איינפלוס פון די יעזואיטען ווילען אויסראטען דאָס פּראַוואָסלאַווע גלויבען פון לאַנד און זיי פּייניגען שרעקליך די פּויערן וואָס זענען זייערע לייב-קנעכט. די פּריצים האָבען איבערגעגעבען די פּויערן אין די הענד פון אידישע ארענדאַטאָרס זיי זאָלען זיי אונטערדריקען און די ארענדאַטאָרס ווילען נישט וויסען פון

רחמנות און טוען דעם בעפעהל פון זייערע בעפעהלער, די פּריצים.

זיי האָבען נישט בעמערקט אז זכריה האָט זיך אויפגע־כאַפּט און הערט וואָס זיי רעדען. ער האָט זיך צובייזע־ט:

—דער נייער דור וויל זיין קליגער פון די טאַטעס! נישט אומזיסט פאָהרט איהר נאָך נעמיראָוו. דער נעמיראָווער רב האָט אויך דיזעלבע טענות. ער ברענגט מיר ראיות פון דער תורה, אז מען מוז ליעבען איטליכען מענשען. ס'איז א גע־לעכטער! די כאַמעס זענען דען אויך מענשען? נארישע אייזלען און ווילדע חיות זענען זיי. ווען מען האַלט זיי נישט אין צוים פערפלייצען זיי דאָס לאַנד אין בלוט. נאָר באַנק־קוועטשערס קענען אזוי רעדען! וואָס ווייסט איהר פון וועלט־זאכען? ווען איך הער זיך צו צו די טענות, וואו וועל איך נעמען געלד צו צאָהלען קאניצעפּאָלסקי אָדער טשאַפּלינס־קין? זיי האָבען מיר בעפוילען צו האַלטען שטרענג די כאַמעס און איך פאָלג זיי און גאָט העלפט מיר און מאַכט מיך רייך.

— אוקריינא געהער דאָך צום „ועד ארבע ארצות"

— האָט יהודה זיך אָנגערופען — לויט די געזעצען פון „ועד" טאָר א איד נישט טאָן בייז צו אַ קריסט און טאָר איהם נישט אָפּנארען. ווער עס איז עובר אויף דעם ווערט דאָך ארייג־געלייגט אין חרם.

— אין אייערע לענדער דארפט איהר אזעלכע געזעצען — האָט זכריה געזאָגט — די פּויערן און די פּריצים געהערען צו איין אמונה. און די אידען האָבען מורא. דאָ האָבען אידען א שטאַרקע מאַכט. די פּריצים נויטיגען זיך אין אידען און די קאַטאָלישע פּריצים מיט די פּראַוואָסלאַוונע פּויערן האָבען זיך שרעקליך פיינט, האָבען מיר קיין מורא נישט. וואָס אַרט אונז דער „ועד" מיט זיינע געזעצען? מיר פאָלגען אונזערע הערען, די פּריצים.

— איהר האָט דאָך אָבער אליין געזאָגט, אז דאָס פאָלק וויל דאָ מאַכען אן אויפשטאַנד. זיי וועלען זיך דאָך אָן אייך נוקם זיין! — האָט שמואל זיך אָנגערופען.

— זיי וועלען נישט דערלעבען צו מאַכען אן אויפשטאַנד — האָט זכריה געזאָגט שטאָלץ — זיי האָבען געהאַט א וויכ־טיגען פיהרער, א העלד, דער קאָזאַקען עלטסטער באַגדאַן

כמעלניצקי, האָט טשאַפּלינסקי איהם אָבער איינגעזעצט אין געפענגניס און ער וועט דאָרט ווערען פערפוילט. זיי וועלען שוין נישט קענען אויפהויבען דעם קאָפּ, דאָס האָב איך אַלץ געטאָן.

— וואס האָט אייך דער כמעלניצקי געטאָן פאר א בייז? — האָבען זיי געפרעגט.

— מיר האָט ער גאָרנישט געטאָן. נאָר ער איז דאָך א קאָזאַק ווי די איבריגע רשעים'דיגע קאָזאַקען. איך האָב גע־וואוסט, אז טשאַפּלינסקי האַסט איהם, האָב איך איבערגע־געבען כמעלניצקי'ן אין זיינע הענד. ער וועט שוין נישט זעהן די ליכטיגע שיין.

זכריה האָט זיי דערצעהלט די אורזאך וואָס האָט גע־בראַכט אז טשאַפּלינסקי מיט כמעלניצקין זאָלען זיך האָבען פיינט. געקומען איז דאָס צוליעב א פרוי.

באגדאן כמעלניצקי האָט געלעבט אויף זיין כוטאר סא־באטאוו אין טשיגירינער קרייז וואָס געהער דעם פּריץ קאָנע־ציפּאָלסקי. קאָנעציפּאָלסקי וואוינט תמיד אין בראָד און זיין שטעל־פערטרעטער טשאַפּלינסקי וואוינט אין טשיגירין.

כמעלניצקי האָט געהאט א ווייב מיט קינדער. אז זיין ווייב איז געשטאָרבען האָט ער אריינגענומען צו זיך א פּויר־לישע שיקסע און זיך שטאַרק פערליבט אין איהר. טשאַפּ־לינסקי האָט אָבער אויך ליעב געקראָגען די שיקסע. ער האָט אָבער מורא געהאט זי צו נעמען כמעלניצקי זאָל זיך נישט אָפּרעכענען מיט איהם. ער האָט אָפּגעוואַרט ביז כמעלניצקי האָט געדאַרפט פאָהרען נאָך ווארשא צום קעניג, איז ער אריין מיט א באַנדע און מיט געוואַלט צוגענומען די שיקסע און מיט איהר געהייראַט לויט די קאַטאָלישע געזעצען.

כמעלניצקי איז אהיימגעקומען און זיך גאָר נישט געקענט העלפען. ער האָט אָבער געברענט פון נקמה־געפיהל. דערוויל האָט כמעלניצקי זיך אויפגעבויט א גרויס דאָרף און געוואָ־רען רייך. עס איז איהם געלונגען אָפּצורעדען זיין געליעבטע פון טשאַפּלינסקי'ן און זי איז אוועק צו איהם. דאָס האָט פערדראָסען טשאַפּלינסקי'ן און ער האָט געזאָגט אז דאָס דאָרף געהער נישט צו כמעלניצקי'ן און מיט בעוואפענטע

קנעכט איז ער געקומען אין דאָרף, געבונדען כמעלניצקי׳ן און צוגענומען זיין תבואה.

כמעלניצקי האָט איהם פערקלאָגט אין געריכט. נאָר די פּריצישע ריכטער האָבען געגעבען גערעכט טשאַפּלינסקי׳ן. ווען כמעלניצקי האָט זיך אומגעקערט אַ פערביטערטער האָט ער געפונען נאָך אַ גרעסער אומגליק. כמעלניצקי׳ס צעהן־יאָהריגער זוהן האָט געזאָגט אַ קרום וואָרט אויף טשאַפּלינס־קי׳ן, האָט ער איהם פערשמיסען צום טויט.

כמעלניצקי איז געפאָהרען צום קעניג וולאדיסלאוו זיך בעקלאָגען. דער קעניג האָט איהם אָבער נישט געקענט העל־פען, ווייל ער האָט גאָר נישט געקענט טאָן אָהן די פּריצים. ער האָט איהם געטרייסט און געגעבען אַ טייערע שווערד אַ מתנה און איהם געמאַכט פאר קאָזאַקען אַטאַמאַן. ער האָט איהם געהייסען אָרגאַניזירען די קאָזאַקען צו אַ מלחמה מיט טערקיי.

כמעלניצקי האָט דאָס אַלץ דערצעהלט זיינע חברים ביי אַ הוליאַנקע וואָס זיי האָבען געהאַט אין זכריה׳ס שענק. כמעלניצקי איז געווען אנגעטרינקען און ער האָט גערעדט אַלדאָס־בייז אויף טשאַפּלינסקי׳ן מיט די איבריגע פּריצים וואָס פּייניגען די קאָזאַקען. מען וועט דאַרפען אַן אויפשטאַנד און אויסקוילען אַלע פּריצים, האָט כמעלניצקי געזאָגט.

זכריה איז גלייך אוועק צו טשאַפּלינסקי׳ן און איהם אַלץ דערצעהלט. דאָ האָט טשאַפּלינסקי געזעהן אַ געלעגענהייט זיך נוקם צו זיין אָן זיין שונא וואָס האָט צוגענומען זיין וויב. ער האָט איהם פערקלאַגט פאר קאָנעציפּאָלסקי׳ן און פאר דעם העטמאַן פּאָטאָצקי און זיי האָבען איהם ארעכטירט און וועלען איהם משפּט׳ען אַלס פעררעטער, וואָס רופט דאָס פאָלק צו אַן אויפשטאַנד קעגען דער רעגירונג.

---

— איהר האָט זיך נישט געטאָרט מישען — האָט יהודה גע־זאָגט טרויריג — עס האָט אייך נישט אָנגעריהרט. די פער־ביטערטע קאָזאַקען וועלען זיך איבער אייך נוקם זיין אָן אַלע אידען.

— איך וויל זיך נוקם זיין אָן די קאָזאַקען וואָס האָבען געטויט מיין טאַטע — האָט זכריה געזאָגט בייז — מיין פאַ־

טער איז געווען ארענדאטאָר פון טשיגירין. ווען די קאָזאקען האָבען געמאַכט אן אויפשטאנד אונטער זייער אטאמאן טאַראס האָבען זיי גע'הרג'עט מיין פאָטער. זיי האָבען געהאסט מיין פאָטער, ווייל ער האָט זיי געפייניגט. אָבער מיין פאָטער האָט זיי נישט אומזיסט געפייניגט. נאליווייקע האָט גרויזאם אומגעבראַכט מיין טאטעס עלטערן. ס'איז שוין אכצעהן יאָהר ווי איך האָב די ארענדע און איך רוה נישט פון נקמה־געפיהל. דאָס בלוט פון מיינע דערמאָרדעטע עלטערן שרייט צו מיר און איך וועל זיך נישט בערוהיגען ביז איך וועל אויסראָטען די מערדערישע קאָזאקען.

שמואל מיט יהודה'ן האָבען געשוויגען. זיי האָבען געזעהן אז א פייערדיגער האַס ברענט אין איהם אויף די קאָזאקען וואָס האָבען געטויט זיין פאָטער און זיידע און באָבע. א איד טאָר נישט נעמען קיין נקמה, האָבען זיי איהם געוואָלט זאָגען, אבער זיי האָבען געזעהן אז זייערע רייד וועלען נישט העלפען און זיי האָבען מעהר נישט גערעדט.

---

עס איז געווען א גרינגער ווינטער. נישט געווען קיין פרעסט. עס האָט געהאַלטען אין איין רעגענען. גאַנץ וואָלין איז געווען איין גרויסע טיפע בלאָטע. די פערד האָבען זיך געטרונקען אין בלאָטע און די רייזע איז צוגעגאנגען שווער. דאָס שלעפּען זיך אין די בלאָטעס האָט זיי געמאכט מיעד. אָבער ערגער איז געווען דעם אָנטרייבער, זכריה'ס קנעבט אסטאַפּ.

זענען די פערד געגאנגען פּאַמעליך, האָט זכריה איהם געשלאָגען וואָס ער פוילט זיך אונטערצוטרייבען די פערד, האָט ער זיי דערלאַנגט א שמיץ, האָט זכריה איהם צוהאַקט און צובייזלט וואָס ער שאָנעוועט נישט די פערד. און שמואל מיט יהודה'ן האָבען געהאַט גרויס עגמת־נפש פון דער רייזע.

ביז זיי זענען געקומען נאָך אוקריינא פלעגט זכריה אין די קרעטשמעס זיך אָפּשטעלען און שמועסען מיט די פויערן. די אוקריינער פויערן האָט ער געהאַסט און זיך געהאַלטען ווייט פון זיי. די אוקריינער פויערן זענען כמעט אלע הויכע מיט רויט־שוואַרצע אויגען, שווארצע האָר, לאַנגע וואָנסעס און דער נאַקען אָפּגעגאָלט מיט א לאַנגע גרויוע פּאָרנט. זיי

געהן אָנגעטאָן אין גרויסע טיעפע שטיוועל מיט טשוועקעס און ווייסע שמויסענע פעלצען מיט הויכע פוטערנע פאפאכעס אויף די קעפּ.

ווי זיי זענען אָנגעקומען נאָך אוקריינא איז שוין מעהר נישט געוועזן קיין בלאָטעס. עס האָבען זיך געצויגען די ברייטע פעלדער און די גרויסע סטעפּעס.

---

דער פריהלינג האָט זיך געפעדערט. אין אדר האָט די זון שוין גוט געוואָרעמט און אויסגעטריקענט די ערד. די סטעפּעס זענען בעדעקט געוואָרען מיט גרינס. און עס האָט אויסגעזעהן ווי א גרינער ים ציהט זיך ווייט, ווייט. זעלטען האָבען זיי בעגעגענט א דאָרף אָדער אַ שטעדטעל, פערוויסטע כּותארים וואָס די טאָטערן האָבען חרוב געמאַכט און קברים פון די געפאלענע אין די שלאַכטען מיט די טאטערן וואָס האָבען אָפט בעפאלען דאָס לאַנד.

שמואל מיט יהודה'ן האָבען אויפגעלעבט. די פערד זענען געפלויגען ווי די אדלערס און זיי האָבען זיך אָבגעשטעלט אין א קרעטשמע, ס'איז געווען טרוקען ארום און שמואל מיט יהודה'ן האָבען ארומשפּאַצירט.

אסטאפּ האָט אויך בעקומען אַן אנדער פנים. ער איז געוואָרען אויפגעלייגט. פערבראַכט מיט דאָרפסלייט, געשטיפט מיט די שיקסעס און גע'שכור'ט און גע'סוד'עט זיך מיט די פּויערן. זיי האָבען געזינגען די זיסע אומעטיגע אוקריינער ליעדער און זכריה האָט געקריצט מיט די צייהן און געשוויגען. ער האָט מורא געהאַט אָנריהרען אסטאפּ'ן, די גוים זאָלען איהם נישט דער'הרג'ענען.

---

צוויערליי קאָזאַקען זיינען דאָ. די אוקריינער און די זאַפּאראזשצעס. די זאפּאראזשצעס האָבען געוואָרפען א פחד אויף דעם טאָטערישען "כאַן" און אויפ'ן טערקישען סולטאַן. די טאָטערן פלעגען אָפט בעפאלען רוסלאַנד און פּוילען און רויבען האָב און גוטס און מענשען און די מענשען אוועקפיהרען נאָך טערקיי און דאָרט זיי פערקויפען פאר שקלאַפען.

די קאָזאַקען פלעגען אָפט בעפאלען די טערקישע ברעגען און רויבען און פער'שיכור'ן דאָס רויב. די פּוילישע רעגירונג

האָט געהאַלטען פון די קאָזאַקען, ווייל זיי זענען געווען א שוצוואַנט קעגען די רויבערישע טאָטערן, האָט פוילען אָפט געשיקט מתנות צו די קאָזאַקען. טייערע פעלצען פאַר זייערע אטאמאַנען, געלד און שפּייז פאַר די קריגערישע קאָזאַקען.

אָבער די פוילישע פּריצים האָבען שטאַרק אונטערדריקט די אוקריינער קאָזאַקען פּויערן. זיי האָבען זיי געמאַכט פאַר לייב־קנעכט. די פּויערן האָבען זיך נישט געוואָלט אונטער־געבען, די פּריצים האָבען מיט דער הילף פון מיליטער זיי איינגעבראָכען און פאַר א קרום וואָרט זיי מורא'דיג בע־שטראָפט.

א טייל האָט זיך נישט געוואָלט אונטערגעבען און איז אנטלאָפען צו די זאפּאָראָזשצעס. די אנטלאָפענע זענען ארומ־געלאָפען ליידיג אין בעפאַלען די טאָטערן און טערקיי און דערמיט פערשאַפט צרות דער פוילישער מלוכה, ווייל די טאָטערן און טערקיי האָבען געגלויבט אז פוילען שיקט זיי אָנפאַלען און רויבען.

אָפט פלעגען קאָזאַקען־באַנדעס בעפאַלען די פּריצים מיט די קאַטאָלישע גלחים און די אידען און אויסקוילען יעדען וואָס איז אריינגעפאַלען אין זייערע הענד. די פוילישע רע־גירונג איז דורכדעם געצוואונגען געוואָרען צו האַלטען אן אר־מעע אין אוקריינא און האָט אויך גענומען די קאָזאַקען צום מיליטער, רעגיסטרירענדיג די קאָזאַקען, מען זאָל וויסען זייער צאָהל.

די קאָזאַקען האָבען געמאַכט א סך מרידות און גרויזאַם זיך נוקם געווען אן די פּריצים, די קאַטאָלישע גלחים און די אידען. די רעגירונג האָט די אויפשטאַנדען מיט א שטאַרקער האַנד דערשטיקט. איינעם פון די אנפיהרער האָט מען געטוי־טעט איבערפאָהרענדיג מיט א שווער ראָד. א צווייטען האָט מען צוזעגט מיט א זעג אויף פיערען. א דריטען אויפגעהאַנ־גען און א פירטען אָפּגעבראָטען לעבעדיגערהייט. פיעל פון די מורדים געטויט און די איבעריגע געמאַכט פאַר קנעכט.

דאָס האָט פוילען געטאָן מיט די אוקריינער. מיט די זאפּאָראָזשצעס האָט זי זיך נישט געקענט געבען קיין עצה. די סטעפּעס זענען געווען זייער שטאַרקסטע פעסטונג. און

אזוי לאנג ווי די זאפּראזשצעס זענען דאָ אויף דער וועלט איז פּוילען נישט זיכער.

יהודה האָט דאָס געוואוסט און ער האָט דאָס געזאָגט שמואל׳ן :

—ווען די קאָזאַקען זאָלען זיך אויפהויבען וועט זיין זעהר ביטער. זיי וועלען זיך נוקם זיין אן אלע אידען. זיי וועלען זיך נוקם זיין די נקמה פאר זייער גלויבען. און פערטילינגען אלע אידען איבער די ארענדאטאָרס.

— וואָס טוען דען די ארענדאטאָרס צום קאָזאַקישען גלויבען ? — האָט שמואל געפרעגט.

— שרעקליך ! — האָט יהודה געזאָגט טרויריג — די ארענדאטאָרס בעהאנדלען די אמונה פון די קאָזאַקען ווי זיי וואָלטען נישט געהאט גאָט אין הארצען. זיי האָבען אין ארענ־דע די פּראַוואָסלאַוונע צערקוועס און דער גוי וואָס וויל געהן אין צערקווע מוז דערפאר שווער בעצאָהלען. אויב דער פּויער וויל הייראטען און האָבען די חתונה אין צערקווע, פערשליסט דער אידישער ארענדאטאָר די צערקווע און לאָזט איהם פרי־הער נישט אריין ביז ער צאָהלט איהם דעם פּרייז וואָס ער פאָדערט פון איהם.

אויב עס שטארבט א פּויער אָדער עס ווערט געבוירען א קינד ביי זיי, לאָזט נישט דער אידישער ארענדאטאָר זיי טאָן זייערע רעליגיעזע צערעמאָניעס ביז ער קריגט זיין אָפּצאָהל. און אויב די פּויערן זענען ארעם און האָבען נישט קיין געלד, מוזען חתן־כלה געהן וואוינען אָהן א חתונה אין צערקווע, דאָס קינד ווערט נישט געטויפט און דער טויטער קריגט נישט זיין ר׳עכט לויט זיין גלויבען.

וואגט א פּויער זאָגען א וואָרט קעגען, גיט איהם איבער דער ארענדאר צום פּריץ און ער קריגט שוין די פולע שטראף.

—געפינען זיך צווישען די אונטערדריקטע און פערפאָלג־טע אידען אזעלכע לייט וואס דריקען און פערפאָלגען אנדערע און פערשוועכען צוליעב געלד די הייליגקייטען פון פאָלק ? — האָט שמואל געפרעגט ערשטוינט.

— איין פערענטפערונג איז דאָ פאר זיי — האָט יהודה איהם דערקלערט — מיין טאטע דער גאון, האָט דאָס מיר

געזאָגט. דער טאַטע האָט פערלאָזט דאָס רבנות אין נעמיראָוו נאָך איידער זיין כתב־רבנות האָט זיך געענדיגט. ער האָט נישט געקענט צוקוקען דאָס גרויס אומרעכט וואָס אידען ער־לויבען זיך.

די פערענטפערונג איז, אז זיי טוען עס נישט ווייל זיי ווילען, נאָר ווייל די יעזואיטישע גלחים צווינגען זיי דערצו. ניסן דער אַרענדאַר פון נעמיראָוו האָט דאָס געזאָגט מיין טאַטען ווען ער האָט איהם פאַרגעוואָרפען די בייזע מעשים וואָס ער טוט צו די פויערן.

אז ניסן איז געקומען צו פירשט טשעטווערטינסקי נעמען אין אַרענדע די שטייערן פון נעמיראָוו, האָט דער יעזואיטי־שער גלח פון הויף איהם אריינגערופען צו זיך אין צימער און איהם געזאָגט אזוי:

— דו וועסט קריגען די אַרענדע מיט׳ן בעדינג צו פיי־ניגען די פערהאַסטע רוטעניש פויערן.

— איך קען דאָ סנישט טאָן — האָט ניסן געזאָגט.

— פריינד מיינער — האָט דער יעזואיט איהם געוואָרנט — האָסט פערגעסען אז דו ביזט א איד און איך א גלח? דיין לעבען און דאָס לעבען פון דיינע ברידער זענען אין מיינע הענד ווי ווערים. ווי איך, צוטרעט איך אייך. קלייב דיר אויס איינס פון די ביידע: אָדער צו זיין א האַמער אָדער א קאָוואַדלע. ווילסטו שמייסען אָדער מען זאָל דיך שמיי־סען? ווילסטו טרעטען אָדער ווערען צוטרעטען? אויב דו וועסט מאַטערן די פערהאַסטע רוטענער, וועט וואויל זיין דיר און דיין פאַמיליע. וועסט ווערען רייך, וועסט זיין א הערר איבער די קנעכט און געוועלטיגען איבער דיינע ברידער אי־דען. ווילסטו נישט — וועסטו אומקומען אינאיינעם מיט דיי־נע ברידער.

ניסן איז געוואָרען געצוואונגען צו פאָלגען דעם שרעקלי־כען יעזואיט. תחלת האָט ער דאָס געטאָן געצוואונגענערהייט און דערנאָך האָט ער זיך צוגעוועהנט דערצו. און ווי ניסן אזוי איז זכריה און אַנדערע אַרענדאַטאָרען. זיי זענען די שווי־דערליכע אינסטרומענטען אין די יעזואיטישע הענד. די רבנים קענען קיין דעה נישט זאָגען. זיי זענען די גבירים און די תקיפים אין שררה׳ס הויף.

אין יעדען דאָרף האָט אסטאַפּ געפונען אן אנדער אויס־רייד צו געהן צום שמיעד. דאָ צו פערריכטען די רעדער און דאָרט אן אַקס און ערגעץ אנדערש צו שמידען די פערד. און מעטום האָט ער זיך גע'סוד'עט מיט די פויערן.

שמואל מיט יהודה'ן האָבען זיך געוואונדערט דאָרויף. זכריה האָט איהם איינמאָל דערלאַנגט א פּאַטש פאַרוואָס אַלע מאָל טרעפט עפּעס א סבה, האָט אסטאַפּ איהם גאָר נישט געזאָגט, נאָר אָפּגערוקט זיך א פּאָר טריט און געמאַכט מיט דער בייטש ווי מען שאַרפט א שווערד.

— די פויערן קומען עפּיס צו פריה צו די שמידען שלייפען זייערע קאָסעס און שנייד־מעסערס — האָט זכריה געזאָגט — עס וואַקסט דאָך נאָך נישט.

זיי זענען געקומען אין א קרעטשמע און געטראָפען דאָרט א מאַסע פויערן שכור'ן אינמיטען טאָג.

— וואָס בעטייט דאָס ? — האָט זכריה זיך געוואונדערט — וואָס זענען זיי נישט אין פעלד ?

אין א ווינקעל איז געזעסען אן אלטער בלינדער מיט א לאַנגע גרויע און באָרד ווי ווייסע וואָל. געשפּילט אויף דער קאָבזאַ און געזינגען א ריהרענד ליעד. די מאַסע איז גע־וואָרען בעגייסטערט. א טייל האָט מיטגעזינגען, א טייל האָט געטופּעט מיט די פיס. אנדערע האָבען געקריצט מיט די צייהן און געקנוילט פויסטען. עס איז געווען א גרויסער טומעל און א רעש. די פויערן האָבען זיך געטשעפּעט צו זכריה'ן און גע־וואָלט פערפיהרען א מחלוקה. ער האָט זיי אָבער געגעבען בראָנפען און זיי האָבען זיך בערוהיגט.

דאָס בילד האָט זיך ווידערהאָלט אין עטליכע קרעטשמעס. און זכריה האָט געזאָגט צו די בחורים :

— די סימנים זענען נישט צום גוטען. דער אויבערשטער זאָל העלפען מיר זאָלען קומען בשלום אהיים, וועל איך שוין געוואָהר ווערען וואָס דאָס בעטייט.

ער האָט דאָס אָבער געוואָהר געוואָרען נאָך איידער ער איז אהיימגעקומען. אין דער לעצטער קרעטשמע פאַר דער שטאָדט האָבען זיי ווידער געפינען די פויערן הוליען און אן אַלטער בלינדער זינגט מיט פייער. זכריה האָט א קוק געטאָן

אויפ'ן פינסטערן פנים פון קרעטשמאר און איהם געפרעגט וואס איז געשעהן ?

— עס האט עפעס פאסירט אין טשיגירין — האט דער קרעטשמאר איהם דערצעהלט — א קאזאקען עלטסטער איז אנטלאפען פון געפענגניס און אוועק צו די זאפאראזשצעס. זיי הוליען אזוי ווייל זיי האפען אז ער וועט זיך אומקערען באלד מיט אן ארמעע און נעמען נקמה פון זייער פיינד.

—אוי, וועה! כמעלניצקי איז אנטלאפען! — האט זכריה אויסגעשריגען דערשראקען — ווי האט טשאפלינסקי איהם געלאזט אנטלויפען!

—דאס וויים איך נישט — האט דער קרעטשמאר געענט־פערט — אידען האבען אויפגעהערט פאהרען הינטער־ווע־גענס פאר מורא פאר די צורייצטע פויערן. נאר די היגע פויערן האבען בעזויפענערהייט מיר דאס דערצעהלט.

— וואס האט איהר מורא ? — האט שמואל געפרעגט דעם קרעטשמאר — וואס וועלען אייך דען טאן די קאזאקען ?

— ווי זאל איך נישט מורא האבען, אז זיי זאגען זיי וועלען אונז אויסקוילען! די שטאדטישע אידען קענען זיין רוהיג. זיי האבען פעסטונגען, סאלדאטען און הארמאטען. אבער מיר דארפס־אידען וועלען די ערשטע ליידען. שוין היינט ווען זיי האבען נאך מורא פאר'ן פריץ טוען זיי שוין וואס ווילען. זיי טרינקען מיין בראנפען און גיבען מיר נישט קיין פרוטה דערפאר. דריי טעג זיינען שוין ווייב און קינדער בעהאלטען. איך בעדין זיי, דערלאנג זיי בראנפען, און וואס וועט זיין אז דער בראנפען וועט זיך אויסלאזען ? זיי וועלען דאך מיך הרג'ענען.

— בערוהיג זיך — האט זכריה איהם געטרייסט — שרעק זיך נישט פאר די ווילדע כאמעס. די רעגירונג וועט דיך באַ־שיצען. כ'וועל באלד זיין אינדערהיים און אויפוועקען אלע פריצים און זיי וועלען צוטרעטען די געמיינע קנעכטישע באנדעס. אין פערלויף פון דריי טעג וועט דער גאנצער טור־מעל זיין פערשטיקט. זיי וועלען דיר אלץ בעצאהלען וואס דו פערלירסט איצט.

זכריה האט געהייסען אסטאפ'ן איינשפאנען. דעב קאזאק האט זיך נישט געגלוסט אוועקצוגעהן פון אלטען בעטלער.

ער האָט אָבער נישט געוואָגט ווידערשפּעניגען. באַלד זענען זיי געזעסען אין קארעטע. ווי זיי זענען ארויס פון דאָרף האָט זכריה געהייסען אסטאפּ׳ן ארייגגעהן אין קארעטע און ער האָט זיך געזעצט אָנטרייבען די פערד. ער האָט זיי געטריבען ווי די רוחות און געזאָגט אויף גוי׳ש צו די בחורים:

— איך אייל זיך, ווייל ס׳איז פרייטאָג, איך זאָל נישט מחלל שבת זיין.

---

זיי זענען אריינגעפאָהרען אין טשיגירין. די אידען זענען ארויס מיט ווייב און קינדער און בעגריסט זכריה׳ן. די אָרימע שליאכטא וואָס זענען געווען די שטאָדט־בעאַמטע האָבען מיט שלאָכצעקען שטאָלץ איהם געענטפערט אויף די בעגריסונגען. און איידער ער איז צוגעקומען צו זיין הויז האָבען ווייב און קינדער שוין געוואוסט אז ער איז דאָ און מיט פרייד איהם אקעגענגעלאָפען.

איידער ער האָט זיך אוועקגעזעצט איז דאָס הויז געוואָרען פול מענשען. אָהן א צאָהל הענד האָבען זיך אויסגעשטרעקט צו איהם מיט ״שלום עליכם״ און אָלע האָבען דערצעהלט אויף אמאָל:

— כמעלניצקי איז אנטלאָפען!

— כמעלניצקי איז אנטלאָפען!

— וואָס וועט זיין מיט אונז? די פויערן זענען שרעקליך אויפגערעגט! — האָבען אָלע געזאָגט מיט שרעק.

— איך ווייס, איך ווייס, שא, שא, שטיל! — האָט זכריה געזאָגט שטאָלץ — איך וועל הערען וואָס מען זאָגט אין ״הויף״, וועל איך אָלץ ווּיסען.

ער האָט זיך ארומגעוואשען און איבערגעטאָן. אָנגעזאָגט זיין ווייב און טאָכטער צו בעזאָרגען שמואל׳ן מיט יהודה׳ן און אוועקגעפאָהרען אין ״הויף״.

---

באַלד ווי ער איז אוועק איז צוגעפאָהרען א קארעטע און עס איז ארויס א יונגעל דאַר, מיט א טונקעלער הויט, איינגעפאַלענע באַקען מיט אַן אָפּגעגאָלטען קאָפּ און לאַנגע פאות ביז צו דער ברוסט. ער האָט געהאַט א פּנים ווי אַן אויסגעזויגענע לימענע.

עס איז געוואָרען א טומעל אין שטוב און פון אלע זייטען האָט מען געזאָגט :

— דער חתן איז דאָ ! דער חתן איז געקומען !

שמואל מיט יהודה'ן האָבען איהם געגעבען שלום עליכם און מען האָט זיי אריינגעפיהרט אין זאל. אלץ איז שוין געווען גרייט לכבוד שבת. דער דיעל אויסגעשמירט מיט ליים און גלאַנצט ווי שטאָל. די ווענט פריש אויסגעמאָלט. די שויבען בלאַנקען. ביי די פענסטער הענגען הענגלייכטער מיט געפלאָכטענע וואקסענע ליכט רויט און גרין. א ווייס טיש־טוך אויפ'ן טיש און אלדאָסגוטס איז אָנגעשטעלט. צוויי גרויסע חלות ליגען אויבענאָן. א גרויסע זילבערנע מנורה מיט זיבען רעהרען שטעהט אויפ'ן טיש גרייט צו ליכט בענטשען. אויף דער וואנט איז געהאנגען א "מזרח" שעהן אויס־גענייט מיט פערשידענע בלומען און פיער חיות : א לעמ־פערט, אן אָדלער, א הירש און א לייב. מען דערקענט זיי נאָר צוליעב דער אונטערשריפט. אונטען איז געשריבען מיט גע'כתיבה'טע אותיות : "זה מעשה ידי החתן אברהם בן חיים".

דער חתן איז געווען דאס מאגערע אינגעל וואס איז גע־קומען צו גאסט אויף שבת פרשת זכור צו בלייבען ביז איבער פורים.

ווען שמואל מיט יהודה'ן האָבען געוואהר געוואָרען אז ער איז א נעמיראָווער און ער לערנט אין רבי מיכל'ס ישיבה האָבען זיי זיך צופרעגט אויפ'ן רב און אויפ'ן שטייגער לערנען.

ער איז געווען אין זייערע יאָהרען, זעכצעהן—זיבעצען יאָהר, א בחור'ל מיט שכל. נאָר זיין איבערטריבענע פרומקייט האָט איהם געמאכט אויסזעהן שלעכט און פון א אינגעל איז ער געוואָרען א זקן.

די כלה איז פערבייגעגאנגען און זיי האָבען זיך געוואונ־דערט ווי עס קומט אזא חתן צו איהר. א וואונדערשעהן פול־קרעפטיג מיידעל בליהט ווי א רויז און צאפּעלט מיט יוגענד־ליכער פרישקייט.

דער חתן האָט מורא צו קוקען אויף זיין שעהנער כלה, ווי זי קומט אן לאָזט ער אראָפּ די אויגען. אָט ווי די תורה

ווערט דאָ אָבגעשאַצט, האָבען זיי געטראַכט, צוליעב דער תורה קריגט אַזאַ בחור׳ל אַזאַ טייערע כלה!

אז די כלה איז פארטיג געוואָרען מיט׳ן אָבצוואַגען און אָנטאָן די קינדער, האָט זי זיי דערלאַנגט ווייַן און קיכלעך. זי האָט קיין מינוט רוה נישט געהאַט. און זי האָט אַלץ גע־טאָן שטיל, פערקערט ווי איהר מוטער וואָס האָט געהאַל־טען איין טומלען. און די מוטער איז געווען אַן אויס־נאַהם מיט איהר פעטקייט. זיי האָבען נאָך אין לעבען ניט געזעהן אַזאַ דיקע פרוי. די פרוי פראַוועט נישט קיין תעניתים ווי איהר טאָכטער׳ס חתן.

---

עס האָט אָנגעהויבען טונקלען. די בעל הבית׳טע, אַן אויסגעפּוצטע, האָט ווי אַ שווער פאַס זיך צוגעקייקעלט צום טיש און געבענשט ליכט, לאַנג געהאַלטען די הענד איבער די אויגען און געזאָגט.

די שמשים פון שוהל זענען געלאָפען אריין און ארויס גע־וואָהר ווערען צי זכריה איז שוין געקומען פון ״הויף״.

ער איז אבער אַלץ נישט געקומען, האָט דער חתן געזאָגט זיי זאָלען דערווייל געהן אין שוהל אריין. זיי האָבען אזוי גע־טאָן. נאָך קבלת שבת האָט קהל געוואַרט אויף זכריה׳ן. געווען אומגעדולדיג צו וויסען וואס עס הערט זיך. די ליכט האָבען שוין אָנגעהויבען אויסגעהן איז זכריה אריין און גע־זאָגט:

— אַלץ וועט זיין גוט, לאָמיר דאַוונען מעריב!

נאָכ׳ן דאַוונען האָט ער דערציילט וואָס מען האָט איהם געזאָגט אין ״הויף״. די פויערן האָבען שוין אָנ־געהויבען דעם בונט. עטליכע דאָרפס־אידען זענען שוין גע־הרג׳עט געוואָרען. נאָר פירשט ווישנאַוויעצקי האָט שוין גע־שיקט זיין מיליטער איבער דעם דניעפּער און זיי געהען איצט פון דאָרף צו דאָרף און נעמען צו דאס געוועהר ביי די פויערן.

דאָס אייגענע וועלען טאָן די איבריגע גוטסבעזיצער וואָס האָבען אייגען מיליטער. העטמאַן פּאָטאָצקי האָט שוין איינגעטיילט זיין מיליטער אויף צוויי אַרמעען. איינע פיהרט ער אליין און ער וועט שטעהן אין טשערקאַסי און די צווייטע

ארמעע אונטער העטמאן קאלינאווסקי וועט שטעהן אין קארסון.

אויסער זיי וועלען זעקס אפטיילונגען געטרייע קאזאקען און איין אפטיילונג פון געדונגענע דייטשען געהן צו דער פעסטונג קאדאק און העלפען דעם פעסטונג קאמאנדיר גראַדעצקי צו פערשפארען די אריינגאנגען אין דניעפּער, די זאפאַראָזשצעס זאלען נישט קענען זיך אריינרייסען אין לאנד.

— געלויבט השם יתברך! — האבען אלע געזאגט מיט שמחה—איצט איז די מדינה זיכער פונ'ם פיינד.

— פון דעם שלעכטס וועט נאָך ארויסקומען א טובה — האבען עטליכע געזאָגט—מיליטער וועט זיין וועט פּרנסה זיין מעהר.

זכריה האט צופרידען געגלעט די באָרד. ער וועט מאכען מעהר פון אלע. דאס מיליטער וועט זויפען בראנפען און ער שטעלט צו בראנפען אין אלע קרעטשמעס.

---

מיט א ברייטען "גוט-שבת" זענען זיי אהיימגעקומען. זכריה'ס הויזגעזינד האט זיי אויפגענומען מיט שבת'דיגע פרייד. די כלה טויבע איז געגאנגען אָנגעטאָן אין ווייסען און איהר קיילעכדיג פּנים האט געשיינט ווי די פולע לבנה און איהרע שווארצע אויגען האבען געלויכטען ווי שטערען.

זי איז צוגעגאנגען צום פאטער און איינגעבויגען דעם קאָפּ. ער האט אויף איהר ארויפגעלייגט די הענד און זי געבענטשט. דערנאָך האט ער געבענטשט די קלענערע קינדער. אז ער האט אנגעהויבען זינגען שלום עליכם האט זיך געדאכט אז מלאכים זענען טאקי דאָ אין הויז. מלאכים פון הימעל שוועבען ארום און פערשפרייטען ליכט און פרידען אויפ'ן הויז.

איין מלאך האבען זיי געזעהן בעשיינפערליך. טויבע מיט איהר לאנגע שווארצע צעפּ מיט די רויטע און גרינע בענדער וואס שאָקלען זיך און זעהען אויס ווי פליגעל. זעלטען בע'חנ'ט האט זי אויסגעזעהען אין דעם אויסגענייטען וועסטיל מיט די רויט-גרינע בלומען ווי די אוקריינער טעבטער.

דער חתן האט זיך נישט צוגעקוקט. אבער שמואל מיט יהודה'ן האבען נישט אראפּגענומען די אויגען פון איהר.

ביים עסען האט זכריה דערצעהלט אלץ וואס מען האט

איהם געזאגט אין ״הויף״. ער האט גערעדט גוי׳ש כדי די דיע־נער זאלען הערען און דאס אנזאגען זייערע חברים און מורא האבען.

— דער שררה האט מיר אנגעזאגט, איך זאל זיין נאך שטרענגער מיט די כאמעס—האט ער געזאגט אויף אידיש—טויבע האט אראפגעלאזט דעם קאפ אומצופרידען און זי האט באלד א זאג געטאן מיט א שמייכעל:

— טאטע, איך האב א גוטע בשורה. דער מלמד האט גע־זאגט אז הערשעלע וועט אין צוויי וואכען ארום אנהויבען חומש. ער לערנט שוין די ״דרשה״.

א פינף־יעהריג יונגעל האט זיך אויפגעשטעלט און צוגע־גאנגען צום פאטער, געקוקט מיט גליקליכע אויגען און א פאטש טוענדיג מיט די הענטלעך האט ער אנגעהויבען מיט א גמרא ניגון:

״מען פרעגט דא א קשיא, פארוואס הויבט מען א קליין אינ־געל לערנען חומש פון ״ויקרא״, ער האט דאך געברויכט אנ־צוהויבען פון בראשית? נאר מיר לערנען א גזרה שוה: אזוי גוט ווי אין ויקרא איז דא א קליינער ״אלף״ אזוי בין איך אויך א קליין יונגעלע און אז איך וועל לערנען די תורה כולה וועל איך קריגען א שעהנע כלה מיט טויזענט רענדלעך״.

— וואס ווילסטו בעסער די שעהנע כלה אדער די טויזענט גאלדענע רענדלעך? — האט דער פאטער געפרעגט מיט א שמייכעל און איהם געגעבען א קניפ אין בעקיל.

— איך וויל ביידע בעסער—האט דאס קינד געענטפערט.

אלע האבען זיך צולאכט און עס האט זיך געדאכט אז די מלאכים טוען מיטלאכען.

---

— גוט כ׳האב מיך דערמאנט!—האט די בעל הבית׳טע זיך אנגערופען—קיסילענקא האט מיך שוין עטליכע מאל גע־בעטען איך זאל איהם ערלויבען חתונה מאכען זיין טאכטער מיט גריצקא׳ן. זי טראגט שוין און ער האט גרויס חרפה.

טויבע איז געווארען רויט און אראפגעלאזט די אויגען.

— און וואס האסטו געטאן?—האט זכריה געפרעגט פער־אינטערעסירט.

— איך האב געזאגט אז ער וועט נישט קריגען דעם שלי־סעל פון צערקווע ביז ער וועט בעצאָהלען דערפאר דעם פרייז.

— ניין!—האט זכריה געזאגט—איצט קאָסט עס טאָ־פעלט. א נישט וועט קיסילענקאָ'ס הויז זיין פול ממזרים און זיין טאָכטער וועט קיין מאָל נישט חתונה האבען מיט איהר געליעבטען.

עס איז געוואָרען א שווערע שטימונג אין שטוב. ווי די מלאכים וואלטען ארויסגעפלויגען...

—דער אלטער קיריל האָט ביים שטארבען — האָט די בעל הבית'טע ווייטער דערצעהלט—דער יונגער קיריל האט מיר געבעטען ערלויבען דעם פאָפּ קומען זאגען מיט איהם ודוי.

— ער האָט בעצאָהלט ?

— ער האט נישט קיין גראשען ביי דער נשמה. ער האט געשוואוירען אז ער וועט טראגען פאר אונז וואסער א גאנצען חודש.

— איך דארף נישט זיין ארבייט. אונזערע קנעכט ווע־לען איצט טראגען וואסער. איך וועל זיי מעהר נישט גלעטען איבער די קעפּ. זיי וועלען שוין נישט ארומגעהן פּוסט און פּאָס.

— מאטאנקא דער סטאָליאר איז געווארען א טאַטע אויף דער עלטער. דאס ווייב האט געהאט א שייגעץ. האט ער מיך געבעטען כ'זאָל ערלויבען דעם פאָפּ ער זאָל איהם שמד'ן. ער האט מיר געבראכט אן ערשט געבוירען קעלביל דערפאר.

— האָסט גענומען ?

— ניין, כ'האב איהם געהייסען האָדעווען דאס קעלביל ביז ס'וועט אלט ווערען זעכציג טעג וועל איך עס נעמען און ער וועט שמד'ען זיין שייגעץ.

— האָסט גוט געטאָן, אשת חיל מיינע. נאָר אז ער וועט קומען זאָל ער מיטברענגען די האק און פערריכטען די טיר פון גאָרטען.

פלוצלונג האט זיך דערטראגען א שרעקליך געשריי. די דינסט הארפינא האט זיך ארייננעריסען מיט א געוואלד און געפאלען זכריה'ן צו די פיס:

— העלפט אונז! דעם פאָנ'ס קנעכט זענען געקומען און

געבונדען אסטאפ׳ן ! זיי ווילען איהם שלעפען אין ״הויף״ !
—געה צום טייוועל ! — האט זכריה געשריגען — אויב דו וועסט רעדען א ווארט וועל איך הייסען אוועקנעמען דיך אויך!

די שיקסע איז ארוים מיט א ביטער געוויין. טויבע האט זיך אויפגעהויבען און געגאנגען צו דער טיר. האט זכריה גע־שריגען זי זאל בלייבען אין שטוב. זי האט זיך אוועקגעזעצט און מיט די הענט פערשטעלט דאס פנים און געוויינט שטיל.

— זארג זיך נישט פאר איהם—האט זכריה געזאגט—ער וועט נאר קריג׳ען הונדערט שמיץ ווייל ער האט מיך נישט געפאלגט אויפ׳ן וועג. ער וועט געזונט ווערען וועט ער צוריק קומען, ווען איך וואלט איהם געוואלט בעשטראפען ווי ער האט פערדיענט וואלט איך איהם בעדארפט הייכען אויפ־הענגען.

— דער קאזאק באלאבאן האט געמאכט א פאמיליען סעודה—האט די בעל הבית׳טע ווייטער דערצעהלט--און ער האט געזויפען בראנפען וואס ער האט געבראכט פון סאבא־טאווא. איך האב געשיקט נאך איהם און געפרעגט ווארום ער האט נישט געטרונקען אונזער בראנפען, האט ער מיר געענטפערט חוצפה׳דיג אז מיר גיסען וואסער אין בראנפען און דעם גוטען בראנפען האט ער געקויפט פון יעקב׳ן דיין פעטער׳ס זוהן און ער האט געקראגען ביליגער ווי ביי אונז.

זכריה איז אויפגעשפרינגען און געטאן א זעץ מיט דער פויסט אויפ׳ן טיש אז די טעלער האבען געקלינגען און די מנורה האט זיך צושאקעלט.

— דעם כאם באלאבאן וועל איך אין קייטען אריינוואר־פען אין תפיסה און מיט דעם באנדיט יעקב וועל איך זיך אפ־רעכענען. איך וועל אויסזאגען אז אויף זיין עצה האבען די קאזאקען ארויסגע׳גנבעט כמעלניצקי׳ן פון געפענגנים. מאקאר האט מיר דאס דערצעהלט. טשאפלינסקי וועט דאס הערען און ער וועט אויפהענגען יעקב׳ן. ער וועט שוין מעהר נישט שאדען מיינע געשעפטען.

— טאטע!—האט טויבע געוויינט—ער איז דאך דיין פעטערס זוהן! האב רחמנות אויף דיין בלוט און פלייש!

— שטיל, נארישע מויד!—האט זכריה געשריגען—ער

האט גענעבען בייזע עצות במעלניצקי'ן טשאפלינסקי'ם פיינד און ער פערקויפט בראנפען אין מיין שטאדט! ער איז מיר נישט קיין משפחה! איך וועל נעמען נקמה!

— אויב ער האט געגעבען עצות במעלניצקי'ן קענסטו איהם נישט בעשולדיגען—האט טויבע געזאגט—ער האט פרנסה ביי במעלניצקי'ן און וואס ער פערקויפט בראנפען צו אונזערע לייט שאדט נישט, ביזט, א דאנק דעם אויבערשטען, אן עושר און וועסט נישט ווערען פעראָרימט.

— ניין. ער וועט מעהר נישט פערקויפען בראנפען אין מיין געגענד, ווי איך בין א איד!

— וואס וועט זיין מיט זלאטען, מיין שוועסטער קינד! —האט טויבע געקלאָגט.

— זי וועט סיי ווי נישט האבען קיין גוטען סוף—האט די דיקע אידענע געזאָגט בייז—טימאָפיי במעלניצקי'ס זוהן ליבט זיך מיט איהר און זי וועט אונז נאָך אנטאָן גרויס שאנד.

— ס'איז א ליגען!—האט טויבע געגעבען א געשריי און ארויסגעלאָפען.

זכריה האט געגעבען א שארפען בליק אויפ'ן ווייב און א ווינק געטאָן אויפ'ן חתן ווי ער וואלט געזאגט: ווי שעמסטו זיך נישט אין חתן'ס געגענווארט אויסרעדען בייז אויף אונזער משפחה!

דער חתן האט זיך נישט געקענט איינהאלטען און זיך אנגערופען:

— שוין א שעה ווי איך הער אייך רעדען דברי חול, וועגען מסחר. דאָס איז א גרויסע עברה. אזעלכע עבירות מאכען א גרויסען קלקול אין די הימלען און פערלענגערן דעם גלות. ס'איז שבת, מען טאָר נישט!

ער האט שטיל געמאכט דעם מחותן מיט דער מחותנת'טע. זיי האבען געבענטשט און נאָכ'ן בענטשען זענען זיי אריין אין א בעזונדער צימער.

— האָסט זיך אנגענומען פאר'ן כבוד פון שבת און פאר'ן לעבען פון יעקב'ן מיט זיין טאָכטער האט דיך נישט געארט? —האט שמואל געזאגט דעם חתן.

— האָסט מיך נישט פערשטאנען—האט דער חתן געזאגט—איך געה אין מיין רבי'ס וועג. מיט די רייד וועגען

שבת האב איך דערווייל אפגעקלאפט זיינע נקמה געדאנקען.

— דיין עהרליכע כלה איז נישט געראָטען אין זיי—האט יהודה געזאגט—זי איז א גוטע נשמה.

—זי איז אַ כשר'ע אידישע טאָכטער — האָט דער חתן געזאגט—דעריבער האט מיין רבי מסכים געווען אויפ'ן שדוך. ווענען איהרע עלטערן האט מיר דער רבי געזאגט אז ווען איך וועל עסען קעסט זאל איך זעהן זייערע קינדער זאָלען לער־נען און דערמיט מחזיר למוטב זיין די טאטע־מאמע.

— אבער וואס וועט זיין מיט יעקב'ן און זיין הויזגעזינד? —האט יהודה געפרעגט—וועט דיר געלינגען איינשטילען דיין מחותן'ס כעס ער זאל נישט אומברענגען א אידישע פאַ־מיליע?

— איך בין זיכער אז ער וועט זיי נישט טאָן קיין בייז— האט דער חתן געזאגט—איך וועל מאָרגען מיט איהם איבער־רעדען.

שמואל מיט יהודה'ן האבען איינגעזעהען אז ס'איז ווי טאָג צו נאכט דער אונטערשיעד צווישען די ארענדאטאָרען אין פוילען און די אוקריינער. אז דאָס ליכט פון דער תורה אין פוילען היט אָפּ די דאָרטיגע אידען פון געהן אויפ'ן שלעכטען וועג און דאס וואס דער "ועד" האט דארט א גרויסע מאכט איז זעהר וויכטיג. אין אוקריינא וואו די תורה איז שוואך און דער ועד האט נישט קיין מאכט געהען די ארענדארען אויף א שלעכטען וועג.

ווי ס'האט אנגעהויבען טאָגען האט די בעל הביתטע גע־שריגען פון שלאָף־צימער ארוס:

— שטעה אויף באמקע, הויב זיך אויף הארפינא ! וואו איז דאס געהערט געוואָרען? איך בין שוין אויף און זי שלאָפט. הלואי דערלעבסטו נישט אויפשטעהען!

—אָט געה איך פאני,—האט די שיקסע געזאגט דער־שראָקען.

— געה גיך אין שטאל אריין, מעלק די קיה, לאָז זיי ארויס אין פעלד. וואס שטעהסטו ווי א גולם? אז איך וועל געהן צו דיר וועט דיר זיין אָך און וועה!

— רוף אריין מאָקסים'ען ! — האָט זכריה געשריגען.

— וועק אויף פריסקא'ן, זאל זי עפענען די קרעטשמע,

עפענען זאל זיך שוין פאר איהר די גרוב!—האט געשאָלטען די בעל הבית'טע.

—זאָל די מיאוס'קייט נישט עפענען די קרעטשמע אָהן מיר, זי וועט זיך נאָך אָנזויפען מיט בראנפען, איך וועל די הויט פון איהר אראפשינדען!—האט זכריה בעפוילען.

— נו, עפען שוין די לאָדענס! גיב צו עסען די הינער! זאָלסט אנקראַפּען די גענז, די אינדיקעס לאָז ארויס אין דרויסען, קעהר אוים די שטוב! וואס ווארטסטו? פוץ אפּ די קינדער'ס מלבושים, זיי זענען בלויז בלאָטע ! — האט די בעל הבית'טע געקאמאנדעוועט.

— זאָג מאקסים'ן אז דער טייוועל וועט איהם נעמען אויב ער וועט נישט טאָן אסטאפּ'ס ארבייט. זאָלען זיי ביידע זיין אונזער כפרה!—האט זכריה זיך געקאָכט.

—מאקסים ! היי, מאקסים !—האָט די שיקסע געשריגען דערשראָקען און נישט געוואוסט וואס צו טאָן פריהער.

מאקסים איז אריין.

— ברענג וואסער פאר די פערד, וואש אָפּ די קארעטע, נים אָן פול דאס פאס אין קיך, שנעל הייץ איין דעם אויוען, האסט געהערט? פוץ אפּ אונזערע שיך, פערגעס נישט, זאלסט אפּפוצען די געסט'ס שיך, און זאָלסט אפּפוצען אונזערע מלבושים!

מאקסים האָט שוין געוואָלט ארויסגעהן האָט זכריה ווייטער געגעבען בעפעהלען:

— רוף אהער אונזערע פינף פויערן זיי זאלען בעארבייטען דעם גאָרטען, א נישט וועל איך זיי גלייך שיקען צום טייוועל. דערנאָך זאלסטו געהן נאָך סאבאטאוו און רופען יעקב'ן, האסט געהערט?

— פריהער ברענג אהער וואסער. איך וויל זיך וואשען—האט די בעל הבית'טע געזאגט.

— גיכער שוין, כאמעס! טאָמער פערפעהלט איהר עפּעס וועל איך אייך אוועקשיקען אין "הויף" אריין וואו אסטאפּ'ן, איהר האט געהערט, כאמעס?

די שיקסע איז ארוים וויינענדיג. מאקסים האט א ברום געטאָן ווי אן אָקס.

— האָסט געהערט ווי מאקסים האָט זיך דאָס צוברומט?

— האט זכריה געפרעגט ס'ווייב — איז דאס א ראמסקע פאלק! איך וועל זיי אבער איינברעכען. זיי וועלען ציטערן פאר מיר!

— האסט שוין חרטה געקראגען וועגען יעקב'ן, האסט גאר געשיקט נאך איהם? — האט ס'ווייב איהם געפרעגט.

— איך האב רחמנות אויף זיין זלאטע'ן. זי איז א וואויל מיידעל. כ'וועל איהם צוליעב איהר שענקען דאס מאל. וביום פקדי וועל איך זיך מיט איהם אפרעכענען... — האט זכריה געזאגט.

— איך וויים נישט פאר וואס זלאטקע געפעלט זיי אלע־מען? אלע לויפען איהר נאך. דו גיסט איהר אויך אלץ נאך. צוליעב איהר ביזטו מוחל איהר טאטען. אז דו דערזעהסט זי ווערסטו אנגעצונדען ווי א פייער.

— זי איז דאך א יתומה — האט זכריה זיך פערענטפערט — דער פאטער איז אן ארימאן. איך בין איהר קרוב. וועמען האט זי אויסער אונז?

— זי האט טימאפיי כמעלניצקי'ן. ער איז איהר ליעבער ווי צעהן קרובים דיינסגלייכען — האט זי געזאגט גיפטיג.

—האלט ס'מויל, מרשעת! — האט זכריה געגעבען א געשריי — זינדיג נישט. זי איז ריינער און עהרליכער אלס יונג מיידעל ווי די אלטע שקאפע אויף דער עלטער!

— זאלסט אזוי לעבען, אלטער כלב!

— שריי נישט! ווילסט אויפוועקען די געסט זיי זאלען הע־רען אונזער שאנד?

—איך שריי? דו שרייסט דאך! מיט דיינע געשרייען קענ־סטו דאך אויפוועקען א טויטען!

זיי האבען זיך נאך שטילערהייט געווערטעלט.

די געסט האבען אלץ געהערט און יהודה האט געפרעגט דעם חתן:

— דו קענסט יעקב'ן מיט זיין טאכטער?

— יעקב'ן קען איך. געזעהן איהם פיעל מאל. ער איז א בעל שכל און אן עהרליכער מאן. נאר א מאדנער. זיין טאכטער איז א ווילדע שטיפערקע און זי האט מיך פיינט. איך וויים נישט פארוואס. כ'האב שוין אמאל געהערט ווי זי

האָט געזאָגט מיין כלה אז איך בין נישט קיין גוטער שידוך פאַר איהר.

— וואָס האָט געענטפערט די כלה?

— ווי א כשר'ע אידישע טאָכטער דארף ענטפערען. אז מען משפט נישט א מענשען לויט'ן אויסזעהן נאָר לויט זיין הארץ און כאראקטער.

— דיין כלה קען דיך גוט?

— זיכער. אויף יעדען יום טוב קום איך אהער צו גאַסט. מיר רעדען וויניג. וואָס האָב איך דען מיט איהר צו רעדען? כ'בין אָבער זיכער אז זי וועט זיין אן עהרליך ווייב און טאָן דעם רצון פון איהר מאַן. וואָס דארף איך מעהר?

---

אַלע האָבען זיך אָנגעטאָן און געזעצט צום טיש טרינקען א גלאָז לאַקריץ. די שמשים זענען געקומען נאָך זכריה'ן און זיי זענען אוועק אין שוהל אריין. זכריה האָט זיי גענומען מיט זיך צו דער מזרח וואַנט און זיי האָבען געקראָגען עליות.

א שטאָלצער איז זכריה דער שטאָדט גביר ארויסגעגאַנגען נאָכ'ן דאווענען פון שוהל. דער קליינער הערשעלע האָט געטראָגען דעם טלית און לייבעלע — די סידורים און חומש. די געסט זענען נאָכגעגאַנגען. די אידישע מיידלעך אויסגעפּוצטע אין די אויסגענייטע וועסטלעך און פאַרטיכער זענען געשטאַנען אָן א זייט און געקוקט אויף די בחורים ווילענדיג טרעפען וועלכער איז טויבע'ס חתן. זיי האָבען געוואָרפען סעמעטשקעס אין מויל, געשיקט זיי צוקנאַקט צווישען די צייהן און אויסגעשפּיגען די שאָל. די אוקריינער מיידלעך טוען דאָס שטונדען לאַנג און ווערען נישט מיעד.

אין הויז איז נישט געווען פרעהליך. מאַקסים איז אוועק נאַנץ פריה און ס'איז שוין מיטאָג און ער איז נאָך נישטאָ. די פינף פויערן זענען נישט געקומען און מען האָט זיי נישט געפונען אין זייערע כאַטעס. דערווייל איז א בעאַמטער געקומען פון הויף און דערצעהלט אז אסטאַפּ מיט עטליכע קנעכט פון הויף זענען אנטלאָפען.

אין קרעטשמע זענען געזעסען עטליכע אָרימע שלאַכטעס און געטרונקען. איינער האָט געזאָגט:

— די פויערן אנטלויפען מאַסענוויים דורך די סטעפּעס.

ביז אונזער מיליטער וועט אָנקומען וועלען זיי שוין זיין ביי די זאפּאראָזשצעס און צוזאמענשטעלען א גרויסע אַרמעע.

—ס'איז א וואונדער — האָט א צווייטער זיך אָנגערופען— ווי די אלע קאָזאַקען פון די זאפּאראָגעס וואָס האָבען דאָ זיך אויפגעהאלטען זענען פלוצלונג פערשוואונדען ווי די ערד וואָלט זיי איינגעשלונגען.

— מען זאָגט אז די זאפּאראָזשצעס וועלען אויפ'ן קעניג'ס בעפעהל בעפאַלען די טערקישע ברעגען — האָט געזאָגט א דריטער.

— איך האָב גערעדט מיט אַ קוריער וואָס גראדזיעצקי דעו קאָמאַנדיר פון קאדאק האָט געשיקט צו העטמאַן ניקאָליי פּאָטאָצקי. ער האָט מיר דערצעהלט אז כמעלניצקי איז אַוועק צום קרימער כאַן שליסען א בונד. דאָס איז א סימן אז ער גרייט זיך צו בעפאלען די מאכמעדאנער נאָר ער וויל אונז אָפּשפּילען אַ בייזע התונה.

זכריה מיט זיין הויזגעזינד האָבען דערהערט דעם שמועס און געוואָרען אומעטיג. זכריה האָט זיך אָבער בעהערשט פערלאָזענדיג זיך אויף די רעגירונגס סאָלדאטען וואָס היטען די גרעניץ. ער האָט געמאַכט קידוש איבער אַ גרויס גלאָז שטאַרקען בראָנפען און נאָכ'ן אויסטרינקען איז ער געוואָרען אויפגעלייגטער.

זיי האָבען זיך געזעצט עסען. טויבע איז געגאַנגען אָנגעטאָן איינפאַך, נאָר די מוטער איהרע האָט זיך אויסגעפּוצט און בעהאנגען מיט ציערונג ווי זי וואָלט געווען א שוי פענסטער. א רויט זיידען טיכעל איז זי געגאנגען אויפ'ן קאָפּ, איבער'ן שטערן א גרין שטיק זייד מיט גאָלדענע שטערנס. אין די אויערן לאנגע גאָלדענע אויררינגען מיט גרויסע דימאַנטען. אויפ'ן האַלז אונטער איהר דריי גאָרענדיגען גוידער האָט זי געטראָגען פּיער שנירען גרויסע קלאָרע פּערל. אויפ'ן הארצען האָט זי געטראָגען א זיידענעם גאַרטעל מיט גאָלדענע רענדלעך בעהאנגען. די הענד זענען געווען בעזעצט מיט רינגען אז מען האָט קיין פלייש נישט ארויסגעזעהן.

זי איז אָפּגעגאַנגען מיט שוויים און דער שוויים האָט געגלאַנצט פון גאָלד און די דימאַנטען. איהר גלאַטע רויטע

גאָז האָט אויך געגלאַנצט. זי האָט אויך נישט פיינט גע־האט דעם ביטערען טראָפּען.

נאָכדעם ווי זכריה האָט זיך אָנגעגעסען מיט געזאַלצענע און געפּעפּערטע מאכלים האָט ער פערטרונקען מיט בראַנ־פּען און ערשט האָט מען דערלאנגט טשאָלענט און ער האָט אזוי פיעל געגעסען אז ער האָט געמוזט אויפלאזען דעם פּאַסעק.

א צופרידענער האָט ער געזונגען זמירות. דער חתן מיט די קינדער האָבען מיטגעזונגען און אַלע זאַרג זענען געווען פערשוואונדען. פלוצלונג האט זיך דערהערט פערדישע טריט. א חברה איז אָנגעריטען און אראָפּגעשפרונגען פון די פערד און אריין אין קרעטשמע. איינער האָט זיך אוועק־געשטעלט אין טיר פון עסצימער און ווי ער האָט זיך בעווי־זען זענען זכריה מיט'ן ווייב אויפגעשפרונגען און פערנייגט זיך פאר איהם ביז צו דער ערד.

ער איז געווען אין די פערציגער. הויך און פעט. א קאָפּ קורצע בלאָנדע האָר היבש גרויליך. א שמאָלער שטערן מיט גרויע אויגען און א רויט פּנים פול זומערשפּרענקלעך. די באָרד גלאַט געגאָלט און לאנגע גראָבע וואָנסעס פערדרעהט אין דער הויך.

ער האט געהאלטען אין האנד א בלויע פּאַפּאַכע מיט א זילבערנעם קנאָפּ אין מיטען און א טראָלד. גרין געשטריק־טע זייד שטריק פערטשעפּעט די קנעפּ פון זיין קורצען ראָק און זילבערנע שפּאָרען אויף די גרויסע שטיוועל. בלויע הוי־זען געפּאַסט צום לייב און א לעדערנער פּאַסעק ארומגעווי־קעלט. א קרומע שווערד האָט אראָפּגעהאנגען פון פּאַסעק.

דאָס איז געווען דער פאַן דאניאל טשאַפּלינסקי, וואָס האָט געדינט אלס הוזארען אָפיציר אין העטמאַן קאַניצעפּאָל־סקי'ס ארמעע. נאָכדעם ווי ער האָט זיך אויסגעצייכענט אין דער מלחמה מיט די טערקען האָט זיין העטמאַן איהם בעשטימט אלס זיין פערטרעטער אין טשיגירין.

ער איז שוין פופצעהן יאָהר געווען אויף דער שטעלע און זיינע הכנסות זענען געווען א סך גרעסער ווי זכריה'ס. נאָר זכריה האָט געקליבען א גראָשען צו א גראָשען ביז ער איז געוואָרען א גביר. טשאַפּלינסקי האָט שפּענדירט זיין געלד

אויף פרויעז און פערד און אלעמאַל געמאכט בעלער. דאָס אליז האָט געמאכט פאר איהם זכריה. איז זיין פערמעגען אריי־בערגעגאנגען אין זכריה'ס הענד און ער איז געוואָרען טאָ־פעלט רייך.

---

— גוט מאָרגען, זכריה! — האָט טשאפּלינסקי געזאָגט — האָסט נאָך מורא פאר די קאָזאקען?

— גוט שבת, זכריואָוונא! — האָט ער געזאָגט צו דער בעל הבית'טע — כ'האָב דיך שוין לאנג נישט געזעהן. איי, ווי דו האָסט זיך בעהאנגען מיט ציערונג ביז צום ברעכען! געווען צייטען ווען כ'האָב געקוקט אויף דיר מיט אנדערע אויגען... ווען דו ביזט געווען אָרים ביזטו געווען פיעל שע־נער ווי איצט מיט דער ציערונג קראָם וואָס דו האָסט אָנגע־האנגען אויף דיר.

— יאשנע וויעלמאָזשני פּאניע מאכט חוזק פון מיר — האָט געזאָגט מאריאשע די בעל הבית'טע אראָפּלאָזענדיג די אויגען ווי א צנועה'דיג מיידעל און דאָס פנים איז געוואָרען פול רויטע פלעקען און איהר נאָז האָט בעקומען א גרינע קאָליר.

— איך האָב געהייסען מיינע קנעכט זיך לאָזען וואויל־געהן אין קרעטשמע. איך וועל בעצאָהלען פאר זיי — האָט טשאפּלינסקי געזאָגט — זעהט בראנפען זאָל נישט פעהלען. זיי האָבען היינט שווער געארבייט. מען האָט נאָכגעיאָגט די פּאסקודנע קנעכט וואָס זענען אנטלאָפען ביינאכט. אונ־זער מיה איז געווען אומזיסט. מען האָט נישט געקענט כאַ־פּען די הינט. איך וועל זיך זעצען צו אייער טיש און עפּיס עסען. כ'האָב געהערט אז איהר האָט אייער חתן צוגאַסט. האָט איהר דאָך זיכער אָנגעגרייט טייערע מאכלים, וויל איך אויך האָבען הנאה.

— דער האָנאָר איז אונז זעהר ליעב, ליבטיגער הערר. מיר האָבען דעם פּאַן שוין נישט געהאט אין הויז באלד א יאָהר, נישט געהאט די זכיה — האָט מאריאשע געזאָגט אונ־מערטעניג.

— וועלען מיר טאַקי איצט האָבען די זכיה און דעם האָ־

נאַר. דער פּאַן וועט עסען ביי אונז — האָט זכריה צוגעגעבען.

ביידע האָבען איהם געקושט די שפּיץ פינגער און מיט גרויס כבוד איהם צוגעפיהרט צום טיש און געזעצט אויבענאַן. טויבע האָט זיך אויפגעהויבען פון טיש און געוואָלט אוועקגעהן.

— איז דאס טויבקא, אייער כלה טאָכטער?

— יאָ, ליכטיגער פּאַן — האָט מאַריאַשע געזאָגט — געה צו, טאָכטער, צום פּאַן, שעם זיך נישט. האָסט דאָך מיר פיעל מאָל געזאָגט אז דו ווילסט זעהן דעם גנעדיגען פּאַן. געה צו צו איהם, גיב איהם א קוש אין האנד. דער פּאַן איז אזוי גוט צו אונז. ער איז געקומען צו אונז אלס גאַסט.

טויבע איז געוואָרען צוטומעלט הערענדיג איהר מאַמע זאָגען א ליגען און זי האָט נישט געוואוסט וואָס צו טאָן. טשאַפּלינסקי איז צוגעגאַנגען צו איהר, זי אָנגענומען פאר די באַקען און געזאָגט:

— קוק מיר גלייך אין די אויגען. שמייכעל, וועל איך וויסען אז די מאַמע האָט געזאָגט דעם אמת. דו ביזט שענער פון דיין מאַמע. זי איז אָבער געווען קליגער. זי איז קיינמאָל נישט אַנטלאָפען פאר מיר... דיין טאַטע זכריה איז אויך נישט געווען אייפערזיכטיג... און דו ווילסט גאָר אַנטלויפען! האָסט מורא פאר דיין חתן, ער זאָל נישט ווערען אייפערזיכטיג? ווייז מיר נאָר ווער איז ער וואָס וויל אזא שעהן מיידעל פאר זיך אליין!

— געה, טאָכטער, ברענג אריין דעם גוטען מעד וואָס דער פּאַן האָט ליעב — האָט מאַריאַשע געזאָגט.

טויבע איז גיך אוועק דער ווילדער פריץ זאָל זי נישט שטעכען מיט זיינע מיאוס'ע בליקען.

— ביז מען וועט ברענגען דעם מעד וועט דער פּאַן גנעדיג פערזוכען א ביסעל בראַנפען — האָט זכריה פאָרגעלייגט.

— אפשר איז דאס פון זעלבען "סם" וואָס דו פערקויפסט די פויערן? — האָט טשאַפּלינסקי געלאַכט.

— זאָל גאָט היטען! — האָט מאַריאַשע געזאָגט — אזא בראַנפען קומט נישט אויף אונזער טיש. זכריה, דו ביזט א

גרויסער נאַר! דו ווייסט נישט מיט וואָס מכבד צו זיין אונזער ליכטיגען פּאַן. ברענג אַהער דעם אַלטען בראַנפען פון שאַפע. דער גאַטונג וועט געפעלען דעם פאַן. ער איז זעהר אַלט און ריינער אַקעוויט. ברענג אויך דעם ווישניק וועל איך שוין מאַכען פאַר׳ן פּאַן אַ געשמאַקען טרונק.

זכריה האָט געבראַכט. טשאַפּלינסקי האָט אויסגעליידיגט איין גלאָז נאָכ׳ן אַנדערן. ער האָט זיך געכאַפּט צו די געפילטע פיש און ווידער געטרונקען. דערנאָך האָט ער גענעסען טשאָלענט און פערטרונקען מיט עטליכע גלעזער בראַנפען. ער האָט געלויבט די פיש און ס׳טשאָלענט און געזאָגט:

— די זשידעס זענען אַ שמוציג אומווירדיג פאָלק. אָבער זייערע שבת׳דיגע מאכלים צוגעהן אין מויל. מען זעהט אַז משה איז געוועזן אַ הייליגער מאַן. ער האָט די זשידעס אויסגעלערנט אויפ׳ן באַרג סיני צו קאָכען אַזעלכע זעלטענע געקעכצען.

ער האָט אויפגעפרעסען אַ געבראָטענע גאַנז און אויסגעטרונקען אַ פלאַש מעד וואָס טויבע האָט געבראַכט. און אַז זכריה האָט געעפענט די צווייטע פלאַש האָט טשאַפּלינסקי געפרעגט:

— וואו איז טאַבקא?

— מיין טאָכטער איז אַוועק אין קרעטשמע דערלאַנגען בראַנפען דעם ליכטיגען פּאַן׳ס קנעכט — האָט געזאָגט מאַריאַשע און איהם דערלאַנגט אַ שטיק אינדיק.

— דו פער׳סרח׳טע נבלה! — האָט טשאַפּלינסקי זי געזידעלט — דו געה אריין אין קרעטשמע צו מיינע קנעכט און שיק מיר אריין טאַבקאַ׳ן. דו ווייסט, אַז איך וויל זי האָבען לעבען מיר!

מאַריאַשע איז אַוועק און טויבע איז אריינגעגאַנגען מיט האַלבע טריט.

— קום אַהער, טאַבקא; האָב נישט מורא, איך בייס נישט! — האָט טשאַפּלינסקי זי צוגערופען.

— געה, טאָכטער, צום פּאַן, האָב נישט מורא — האָט זכריה געזאָגט און געווינקען צו איהר זי זאָל איהם פאָלגען.

דאָס אומשולדיגע מיידעל איז צוגעגאַנגען און איהר פּנים האָט געפלאַמט פאַר בושה.

— גיב א קוש אין האנד דעם ליכטיגען פאן. ער איז וועהר א גוטער — האט זכריה זי געהייסען.

— ניין! — האט טשאפלינסקי א זאג געטאן — אזא שעהן מיידעל דארף קושען אין די ליפען!

ער האט זיך צוגעבויגען צו איהר און אויסגעשטעקט דאס מויל. טויבע האט א ציטער געטאן און זיך אפגערוקט.

— כ'זעה, האסט מורא פאר'ן חתן, ער זאל נישט ווערען אייפערזיכטיג. האב איך דיך געפרעגט וועלכער יונג איז דער חתן? וואס האסטו מיר נישט געזאגט, פערפלוכטער זשיד?

זכריה האט זיך דערשראקען און געוויזען אויף אברהם'ן. דאס איז דער חתן.

— דעם דארען, מיאוס'ען יונג ווילסטו געבען דיין שעהנע טאכטער פאר א כלה? — איז טשאפלינסקי אויפגעשפרונגען — ער איז דאך א ווארעם, נישט קיין מענש!

אברהם האט נישט פערשטאנען קיין פויליש. ער האט זיך אבער דערשראקען. טשאפלינסקי האט איהם אנגעשפיגען אין פנים.

— ליכטיגער פאן! ער איז א טייערע כלי, א גרויסער יחסן און קען א סך לערנען.

— אזוי? ער קען לערנען! זאל ער מיר ווייזען צי ער ער קען זינגען "מה יפית"!

טויבע'ס אויגען זענען פערגאסען געווארען מיט טרערען. שמואל מיט יהודה'ן האבען זיך אויפגעהויבען בעליידיגט און צוטומעלט, נישט וויסענדיג וואס צו טאן.

— וואס קוקט איהר אויף מיר פארכעדינגע זשידעס! איך בעפעהל אייך אלעמען זינגען "מה יפית" — האט טשאפלינסקי געשריגען — אויב נישט, וועל איך רופען מיינע קנעכט און זיי וועלען ארויסשינדען אייער לעדער!

— לאז אונז צורוה, מיר זענען געסט — האט שמואל געזאגט צו איהם אויף פראנצויזיש.

— יא, מיין הערר — האט יהודה זיך אנגערופען אויף פויליש — מיין פריינד קומט פון האלאנד און איך פון גרויס־פוילען. מיר קומען פון פירשט וויש־ניעוויצקי און מיר פאה־רען נאך בראד צו העטמאן קאניצעפאלסקי. אונזערע על־טערן, יובעלען הענדלער, האבען אונז געשיקט צו איהם

דורכרעדען זיך וועגען דער קרוין וואָס ער וויל מאַכען זיין כלה, פירשט זאַמאָיסקי׳ס שוועסטער צו דער חתונה.

דאָס שפּיצעל האָט געהאָלפען. טשאַפּלינסקי האָט דער־הערט די נעמען און זיך דערשראָקען. ער האָט שמואל׳ן דער־לאַנגט די האַנד און געוועט צופרידען צו הערען איהם רעדען פראַנצויזיש, די אריסטאָקראַטען שפּראַך. אויך יהודה איז איהם געפעלען פאַר זיין רעדען אויסגעצייכענט פּויליש.

אויף זכריה׳ן מיט׳ן חתן איז ער אָבער אַלץ געוועען בייז און ער האָט גע׳טענה׳ט:

— פאַרוואָס האָט דער הונט אויסגעקליבען דעם מיאוס׳ן יונג פאַר טאַבקאַ׳ס חתן? בעסער וואָלט זי חתונה געהאַט מיט איינעם פון אייך, שעהנע זשידקעס. דער דומער יונג קען דאָך נישט רעדען ווי א מענש! וואָס קען ער דען? ער קען זיך שאָקלען איבער׳ן תלמוד און קרייזלען די פּאות? גיט מיר טאַבקאַ׳ן וועל איך מיך אויך שאָקלען ווי ער!

ער האָט זיך אָנגעהויבען שאָקלען און מיט א שיכור קול אָנגעהויבען נאָכקרימען דעם גמרא ניגון:

— באַ־כאַ טאַ־נאַי! באַ־כאַ טאַ־נאַי!

זיינע קנעכט זענען אריינגעקומען און זעהענדיג זייער פּאַן שאָקלען זיך און „מאַדליען" זיך ווי א זשיד, האָבען זיי שטאַרק געלאַכט.

— איך קען זינגען „מה יפית", בעסער פאַר איהם! — האָט טשאַפּלינסקי געשריגען — דער הונט זכריה האָט מיך אויסגעלערנט זינגען „מה יפית", ווען ער איז נאָך געוועען דאַר ווי מיין הונט נערא. איצט האָט ער א גרויסען בויך אָנגעשטאָפּט פון מיין געלד!

ער האָט אָנגעהויבען קלאַפּען אין טיש צום טאַקט און געזונגען:

— באַר־בירים, ביר־בירים! טאַב־טאַנים, מאַמ־טאַקים!

די קנעכט האָבען אין גרויס געלעכטער צוהירזשעט זיך ווי פערד. זכריה האָט פערקרימט ס׳מויל צום שמייכלען, גע־פעלען צו ווערען דעם פּריץ. מאַריאַשע האָט אויך געשמיי־כעלט. טשאַפּלינסקי איז פון איהר שמייכעל געוואָרען בייזער און ער האָט געמאַכט געוואַלדען אויף איהר:

—ארויס פון דאנען פער'סרח'טע נבלה! א נישט וועל איך צושפּאַלטען דיין גרויסען בויך!

זכריה האָט ארויסגעשטופּט מאריאשע'ן און טויבע האָט מיט טרערען געבעטען:

— זאָל דער פּאַן זיך דערבארמען און אונז נישט אזוי שטאַרק בעליידיגען!

— דו, דו ביזט א שעהנע זשידאָווקא — האָט משאפּלינ־סקי געזאָגט — אָבער דיין חתן איז א פּאסקודניק, א פּאַר־כאָטער איד. ביזט אַ נאַר וואָס דו פאָלגסט דיין הינטישען טאַטען און נעמסט אזאַ חתן. זכריה איז אָבער כיטרע, ער איז קליגער פון אלע זשידעס, ער וויים וואָס ער טוט. גוט. זאָל דער חתן ווייזען, אז ער קען לערנען. וועט ער נישט זינ־גען "מה יפית" וועל איך איהם פערשמייסען צום טויט און דיר געבען א חתן איינעם פון די שעהנע זשידקעס.

— זינג עפּיס, איך וועל דיר העלפען, וועט דער פּריץ זיך בערוהיגען — האָט זכריה געבעטען דעם חתן.

אברהם האָט געקוקט בייז און גאָר נישט געענטפערט.

— היי, די נאַגייקעס! — האָט טשאפּלינסקי בעפוילען די קנעכט.

— זיי האָבען געכאַפּט די קאָזאצקע נאגייקעס און גע־שטאַנען גרייט.

— ציהט אים דעם פאַרכעדיגען איד און שמייכט! — האָט טשאפּלינסקי געוויזען אויף אברהם'ן.

אברהם איז געוואָרען בלאַס און עס האָט איהם געקלאַפּט א צאָהן אָן א צאָהן. די קנעכט זענען צוגעלאָפען צו איהם. שמואל מיט יהודה'ן האָבען זיך אוועקגעשטעלט איהם בע־שיצען. טויבע האָט אָנגעהויבען שרייען, מאריאשע איז אריין און אָנגעהויבען שרייען ווילד. זכריה האָט זיך געריסען די האָר פון קאָפּ און די קינדער האָבען דערשראָקען געוויינט. די אידישע דינסט איז ארויסגעלאָפען אויפ'ן גאַס און גע־מאַכט געוואַלדען:

— אידען! ראַטעוועט!

די שטוב איז געוואָרען אָנגעפּאַקט מיט אידען און גוים. שמואל מיט יהודה'ן האָבען געקעמפט מיט די קאָזאַקען. זיי זענען אָבער געוועזן צו שוואַך. די קאָזאַקען האָבען געכאַפּט

אברהם׳ען און איהם גענומען אויסציהען אויף דער ערד. א טייל האָט צוטריבען דעם אנגעלאָפענעם עולם. עס איז גע־ווען א שרעקליכער טומעל. פּלוצלינג האָט זיך דערהערט אן אנגענעמע שטימע בעפעהלען:

— אין נאָמען פון גאָט! לאָזט אָפּ! זאָל זיין שטיל! וואָס איז דאָס פאר א סקאנדאל?!

---

א מיידעל איז אריינגעקומען אָנגעטאָן ווי אן אוקריינישע מיידעל. זי האָט דאָס געגעבען דעם בעפעהל.

— זלאטע! — האָט זכריה געגעבען א געשריי.

— זלאטקא? — האָט טשאפּלינסקי אויסגערופען.

שמואל מיט יהודה׳ן האָבען זי דערזעהן און פערגעסען וואָס דאָ טוט זיך. זי האָט זיי געפּלעפט מיט איהר שעהנ־קייט. דאָס קליינע פנים לויטערער פון פרישען שניי, דער שטערן ווייסער פון מילך. עס בלויען אין איהם וואונדערליך די דינע אָדערן. א קאָפּ האָר ווי ליכטיגער פלאקס און דין ווי זייד. א גלייכע געטאָקטע נאָז א ביסעל פערדריסען וואָס גיט איהר צו אזוי פיעל חן. אויף די קלאָרע באקען צוויי בליהענ־דע רויטע רויזען מיט חן גריבעלעך, אויפ׳ן לאנגען ליעבען האלז האָט זי געטראָגען צוויי שנירלעך קליינע קרעל. א וואונ־דערליך געשניצטער קערפּער ווי פון העלפאנטביין געטאָקט. און איהרע בלויע אויגען האָבען געגאָסען א שטילע הימעל בלויע עהרליכקייט און ריינקייט.

מיט איהרע בליקען האָט זי געצוימט די ווילדע קאָזאקען און זיי זענען געבליבען שטעהן פאר איהר ווי געטרייע הינט וואַרטענדיג אויף א בעפעהל.

— אוועק! — האָט זי געגעבען א טופּע מיט די קליינע געשיקטע פים.

זיי האָבען אָפּגעלאָזט אברהם׳ן און ער איז אַנטלאָפען זיך בעהאלטען.

— דו, פערדאָרבענער קערל! דו האָסט דאָס געמאכט דעם סקאנדאל? — האָט זי געשריגען אויף טשאפּלינסקי׳ן.

—זכריה מיט דער זכריוואָווגא האָבען טאָבקאָ׳ן אוועק־געגעבען דעם פארכעדיגען זשידעק, האָב איך געהייסען איהם

שמייסען טאַבקאַ זאָל נישט וועלען קוקען אויף איהם — האָט טשאַפּלינסקי איהר דערקלערט.

— וואָס האָסטו זיך צו מישען אין פרעמדע געשעפטען ?

— האָט זי איהם געפרעגט שטרענג.

— איך בין דער הערר פון שטאָדט און זיי זענען מיינע קנעכט. איך בין א פּוילישער שררה און זיי — שמוציגע זשי־דעס. איך קען זיי טרעטען מיט די פיס. איך וועל זיך אָפּ־רעכענען מיט דיר, זלאַטקע, ביזט א זשידאָווקא ווי זיי !

— איך וועל נישט פערבייטען דעם ארימסטען איד פאַר'ן רייכסטען שלאַכטשיץ — האָט זלאַטע איהם געענט־פערט — איהר זענט אַלע פערפלוכטע ליאַכעס, איינגערעד־טע נאַראָנים, גרויסע שכורים און א פערדאָרבענע באַנדע ! איך קען אייך גוט !

— אויב אַזוי טאָ גיב א קוש דעם פאַרכעדיגען חתן. אנישט וועל איך דיר ווייזען וואָס איך קען — האָט טשאַפּ־לינסקי בעפוילען.

זלאַטעס אויגען האָבען געשפּריצט פייער. זי האָט איהם געקוקט גלייך אין די אויגען און זיך צולאַכט מיט פעראַכ־טונג. איין האַנד האָט זי פערלייגט אויף א זייט און מיט דער צווייטער האָט זי געשפּיזט אין זיין פּנים און געמאַכט ס'געשפּעט.

ער האָט זיך דערפיהלט ווי אָפּגעשמיסען און ער האָט זיך אָנגערופען :

— דער פּאַרך וועט זיך נישט טאָרען צוריהרען צו טאַב־קאַ'ן און צו דער שעהנער זלאַטקע'ן אודאי נישט. סלאַווא האַנארו ! איך וועל נישט דערלאָזען. איך בין א פּוילישער שלאַכטשיץ. איך וועל דיך קושען אין דיינע קליינע ליפּעלעך וואָס זענען געשאַפען נאָר צום קושען.

ער האָט זיך איינגעבויגען און זי געוואָלט ארומנעמען, איז זי אָפּגעשפּרונגען און ער האָט זיך אויסגעצויגען אויף דער ערד.

די קנעכט האָבען איהם אויפגעהויבען און אוועקגעזעצט און זלאַטקע האָט איהם נישט אָפּגעלאָזט און געזידעלט :

— שעם זיך, דו שטאָלצער שלאַכשיץ ! ביזט געקומען צו גוטע פריינד, זיי האָבען דיר געגעבען צו עסען און צו

טרינקען. האסט זיך אָנגעפרעסען און אנגע׳שיכור׳ט און געטאָן אַזעלכע מיאוס׳ע זאַכען וואָס שיכור׳ע קאָזאַקען טוען נישט. ווען סטעפּא, דיין ווייב, וועט זיך דאָס דערוויסען וועט זי דיר אָנשפּייען אין צורה און אוועקגעהן צו דיין שונא דעם קאָזאַק כמעלניצקי. זי האָט איהם ליעבער ווי צעהן ווי דו!

זי האָט איהם געטראָפען אין סאַמע הארצען. ער האָט זיך פערשטעלט דאָס פּנים און צוכליפּעט:

— לאָזט מיך וויינען! איך בין עלענט. מיינע קנעכט זענען אַנטלאָפען און מיין סטעפּקא האָט מיך פיינט!

שיכור׳ערהייט האָט ער דערצעהלט דעם אמת, אז זיין ווייב איז אַנטלאָפען פון איהם און ער האָט געקלאָגט מיט ביטערע טרערען. פּלוצלינג האָט ער אָנגעהויבען מייקענען און אויס־געבראָכען אַלץ וואָס ער האָט אריינגעפרעסען. ער האָט אָנ־גע׳חזיר׳ט א פולע שטוב און אַלע זענען אַנטלאָפען פון שלעכ־טען ריח וואָס האָט אַלעמען געשטיקט. עס זענען נאָר גע־בליבען זיינע קנעכט און זכריה מיט׳ן ווייב.

די קנעכט האָבען איהם ארויפגעלייגט אויף די קארעטע און אָפּגעפיהרט אין הויף. הארפּינא האָט אויסגעריינגיגט די שטוב און געעפענט די פענסטער אויסצולופטערן. אין צוויי־טען צימער איז געזעסען טויבע און געוויינט. זלאַטע האָט זי געגלעט און געקושט. זי האָט זיך אָבער נישט געקענט בע־רוהיגען.

---

דער סקאַנדאַל האָט געמאַכט א שטאַרקען רושם. אברהם האָט שוין נישט געקענט קוקען זכריה׳ן מיט׳ן ווייב אין די אויגען. ער האָט זיי פיינט געקראָגען. טויבע האָט שוין נישט געוואָלט קוקען אויף איהם. זי האָט געזעהן אז ער קען ס׳מויל נישט עפענען. ער האָט אויסגעזעהן שרעקליך. די לאַנגע פאות צופּאַטעלט און די מלבושים צוריסען. זלאַטע האָט איהם דערזעהן און זיך שטאַרק צולאַכט. ער איז געוואָרען מעהר צוטומעלט און שמואל האָט זיך נישט געקענט איינ־האַלטען פון געלעכטער.

דאָס האָט פערדראָסען יהודה׳ן און מיט א ווינק האָט ער איהם שטיל געמאַכט. זלאַטע האָט דאָס בעמערקט און אראָפּ־געלאָזט די אויגען און געוואָרען שטאַרק רויט.

א צייט איז געווען שטיל. די שטילקייט האָט זיך גע־לייגט שווער אויף זייערע געמיטער און זיי האָבען נישט גע־וואוסט וואָס אָנצוהויבען צו רעדען. טויבע האָט זיי אַרויס־גענומען פון פערלעגענהייט און געפרעגט זלאַטען:

— וואָס ביזטו עפּיס געקומען אהער אום שבת און נאָך איינע אליין פון סאבאטאווא?

— ס'איז דאָך היינט ערב פּורים — האָט זלאַטע געענט־פערט — דער טאַטע האָט נעכטען געלייגט אַן "ערוב" מיר זאָלען קענען קומען היינט צו דער מגלה.

זלאַטע האָט דערצעהלט שמואל'ן מיט יהודה'ן, אז איהר פאָטער יעקב איז צוקריגט מיט זכריה'ן און ער קומט נישט צו איהם אין הויז אריין. נאָר זי האָט ליעב טויבע'ן און רע־כענט זיך נישט וואָס די טאַטעס זענען ברוגז. זי קומט יא צו זיי. זי וועט דאָ איבערנעכטיגען און מאָרגען נאָך דער מגלה וועט זי זיך אומקערען מיט'ן פאָטער אין דאָרף אריין.

— איך וועל דיך נישט אוועקלאָזען ביז דינסטאג — האָט געזאָגט טויבע.

— כ'קען נישט, טייבעלע, דער טאַטע מוז מאָרגען זיין צוריק אין דאָרף. ער האָט מיר אָנגעזאָגט כ'זאָל זיין גרייט אהיימצוגעהן תיכף נאָך דער מגלה.

— זיי דאָ ביז איבער דער פּורים סעודה, וועסט זעהן די פּורים־שפּילערס, בלייב דאָ! — האָט טויבע זי געבעטען.

— מיר האָבען דאָך איצט שעהנע נעכט. נאָך דער סעודה וועט איהר קענען אהיימגעהן — האָט שמואל זיך אריינגע־מישט.

— ס'איז ווייט פון דאנען נאָך סאבאטאווא? — האָט יהודה געפרעגט.

— איין שעה רייזע — האָט טויבע געענטפערט.

— ביינאַכט טאָר מען נישט פאָהרען דורך דער סטעפּע — האָט זלאַטע געזאָגט — טייוואָלים פליהען דאָרט אַרום און די מכשפות מאַכען דאָרט בעלער.

טויבע האָט אַ ציטער געטאָן. דאָס גלויבען אין טייוואָלים איז דאָרט געווען גרויס. אלע זענען געווען זיכער אז די סטעפּעס זענען פול מיט טייוואָלים. די טויטע קריכען אַרויס פון די קברים און שפּוקען אַרום. און די מכשפות רייטען אויף

פלעדערווישען און בעזימער ביז דער האַחן קרעהט אויפ'ן טאָג.

— איך וואָלט געוואָלט בלייבען ביז איבער דער סעודה — האָט זלאַטע געזאָגט — אין אונזער דאָרף איז אומעטיג, נישטאָ אפילו קיין מנין. מען ווייס נישט פון קיין שבת און יום־טוב. איך בענק נאָך דער שטאָדט צו לעבען ווי אַלע אי־דישע קינדער. איך קען אָבער נישט העלפען. דער טאַטע האָט געהייסען פאָהרען, מוז איך פאָהרען.

שמואל האָט זיך דערמאָנט אן די בלבולים וואָס מאריא־שע האָט געמאכט אויף זלאַטע'ן און דאָ האָט ער געזעהן אז זלאַטע איז אן עהרליכע גוטע אידישע טאָכטער. עס האָט איהם נאָר פערדראָסען וואָס די גאַנצע צייט האָט זי גערעדט צו יהודה'ן. וויל זי איהם דערמיט איבערבעטען דערפאַר וואָס זי האָט געלאכט פון אברהם'ן? אָדער ער איז איהר בעסער געפעלען? ער איז טאַקע העכער פון אלע. ער האָט דאָך אָבער א געשטופעלט פנים.

ער האָט זיך נעטרייסט וואָס ער איז געשטופעלט, עס האָט געקיהלט זיין כעס וואָס זלאַטע רעדט נאָר צו איהם. באַלד האָט איהם פערדראָסען וואָס ער טראַכט אזוי וועגען זיין גוטען חבר יהודה און ער פערגינט איהם נישט זיין גליק.

ווער ווייס צי די שטיפערקע וועט גאָר זיין א גוט ווייב און נאָך ווען זי וועט האָבען א געשטופעלטען מאַן? האָט ער זיך געטראכט ווייטער און זיינע בליקען זענען געפאַלען אויף טויבע'ן. זי האָט נישט אראָפּגענומען פון איהם איהרע שטילע שוואַרצע אויגען. איהרע וואַרימע בליקען האָבען איהם געגלעט און געלאַשטשעט און אין הארצען האָט ער פערגליכעןביידע מיידלעך און ס'איז איהם אזוי גוט געוועזען פון די דאָזיגע געדאנקען אז ער האָט נישט געוואָלט רעדען. טויבע האָט אויך געשוויגען. אברהם איז געזעסען פערביסען אין א ווינקעל פון ווייטענס, נאָר זלאַטע מיט יהודה'ן האָבען געפּלוידערט.

---

די שמשים זענען געקומען נאָך זכריה'ן ער זאָל געהן אין שוהל צו מנחה. זכריה האָט מיטגערופען די געסט. אברהם'ס מלבושים זענען אָבער געוועזען צוריסען. זכריה'ס

א ראָק איז געווען צו ברייט ; יהודה'ס צו לאַנג, האָט איהם שמואל געגעבען א ראָק אָנצוטאָן און ס'איז געווען ווי צו זיין מאָס. טויבע האָט איהם געדאַנקט מיט א שטילען האַר־ציגען בליק. זכריה האָט פערגעסען די חרפה וואָס ער האָט ערשט געהאַט און געגאַנגען שטאָלץ אין שוהל אריין.

— וואָס איז געווען ביי אייך רב זכריה ? — האָט מען איהם געפרעגט. און ער האָט דערצעהלט :

— גאָר נישט. מיין פריינד פאַן טשאַפּלינסקי איז גע־קומען צו מיר צו גאַסט. ער האָט זיך אָנגעטרונקען און גע־וואָלט שמייסען זיינס א קנעכט. נאָר איך און מיין פרוי וואָס מיר האָבען א גרויסע דעה ביי איהם האָבען גע'פועל'ט ער זאָל איהם שענקען.

זיי האָבען געגעסען שלש סעודות און געזונגען זמירות. באַלד נאָך מעריב האָט מען געלייענט די מגלה.

---

באַלד ווי זיי זענען אהיימגעקומען, זכריה האָט נאָך נישט געהאַט געמאַכט הבדלה, האָט אברהם געזאָגט אז ער וויל גלייך פאָהרען נאָך נעמיראוו. זכריה מיט מאַריאַשע'ן האָבען איהם נישט געוואָלט אָפּלאָזען.

— ביזט דאָך געקומען אויף פּורים — האָבען זיי גע־טענה'ט — די שטאָדט וויים דאָס. ס'וועט זיין א חרפה און א שאַנד אז דו וועסט איצט פאָהרען. דער דבי רב יחיאל מיכל וועט האָבען צער. בלייב.

— איך פאָהר יעצט — האָט אברהם געזאָגט פעסט — און אויב איהר וועט מיר נישט געבען א פערד און וואָגען וועל איך געהן צופוס.

טויבע איז געוואָרען צומישט. ס'איז געווען א רחמנות אויף דעם אָרימען בחור. דאָס וואָס ער איז געשטאַנען פעסט ביי זיין פערלאַנג איז געפעלען זלאַטע'ן. אָט ווייזט ער אז ער איז א פעסטער מאַנסביל. זי איז אָבער אויך צופרידען געווען וואָס דורכדעם וועט אָפּגעהן דער שדוך. זי האָט זיך גע'סוד'עט מיט טויבע'ן אוןביידע האָבען געשמייכעלט. שמואל איז אויך געווען צופרידען דערמיט.

זיין שמחה איז אָבער געוואָרען פערשטערט. ווי זכריה האָט געדונגען א בעל־עגלה וואָס זאָל אברהם'ן אָפּפיהרען

נאָך נעמיראָוו האָט אברהם געזאָגט, אז שמואל מיט יהודה׳ן קענען אויך מיטפאָהרען. דאָס האָט אויך געזאָגט זכריה און יהודה איז געווען וויליג. נאָר זלאָטע מיט טויבע׳ן זענען געווען אומצופרידען און שמואל׳ן האָט אויפגעקאָכט וואָס יהודה וויל שוין אוועקפאָהרען און איהם ווילט זיך גאָרנישט איבערבלייבען מיט דער וואונדערליכער זלאָטע, וואָס רעדט גאָר צו איהם.

פאַר׳ן פאָהרען האָבען זיי זיך געזעצט אָפּעסען. מיט גרויס מיה האָבען זיי גע׳פּועל׳ט אברהם זאָל מיטעסען. זכריה מיט׳ן ווייב און יהודה האָבען גערעדט. שמואל און אברהם און די מיידלעך האָבען נישט געמישט זיך אין שמועס.

ווען זיי האָבען זיך אויפגעהויבען האָט זלאָטע אוועקגע־רופען זכריה׳ן אין צווייטען צימער רעדען און די בחורים האָבען זיך אָנגעטאָן גרייט צו פאָהרען. דער בעל־עגלה האָט ארויסגעטראָגען זייערע זאַכען. אברהם איז שוין געזעסען אין קארעטע, האָט זכריה אוועקגערופען שמואל׳ן מיט יהודה׳ן און זיי געזאָגט:

— מיך פערדריסט וואָס איבער דער טרויריגער פּאַסי־רונג פאָהרט איהר שוין אוועק. כ׳האָב געמיינט אז איהר וועט שטעהן איבער פּורים. כ׳האָף אָבער אייך נאָך צו זעהן אין מיין הויז. עס געהט דאָך צו פּסח. און ישיבה בחורים פאָהרען אויף פּסח צו די בעלי־בתים אויף יום־טוב. וויל איך אייך פערבעטען אויף יום־טוב צו מיר. אין דריי וואָכען ארום וועל איך שיקען נאָך אייך מיין קארעטע און ברענגען אהער. איך האָף אז איהר וועט מיר נישט אָפּזאָגען.

שמואל האָט אויפגעצאַפּעלט פאַר שמחה. פיער ליכטיגע אויגען האָבען געקוקט אויף איהם און יהודה׳ן און געבעטען זיי זאָלען נישט אָפּזאָגען. יהודה האט זיך געקווענקעלט, האָט שמואל א זאָג געטאָן:

— אודאי וועלען מיר אייך נישט אָפּזאָגען! מיר׳ן קומען אויף יום־טוב!

יהודה האָט שוין אויך געמוזט זאָגען דאָס אייגענע. זיי האָבען זיך געזעגענט און די פערד האָבען זיך געלאָזען גאַ־לאָפּ באַרג־אַראָפּ אויפ׳ן וועג נאָך נעמיראָוו.

נישט בחנם האָט זלאַטע מורא געהאַט צו פֿאָהרען ביינאַכט אין די סטעפּעס. אָן אימה איז זיי בעפֿאַלען. דער בעל־עגלה האָט מורא געהאַט צו זיצען אויף דער קעלנע און זיך אריינ־געזעצט צווישען זיי און מיט אברהם'ן און אַלע רגע געשריגען: "שמע ישראל".

די בלאָטעס זענען נאָך נישט געווען איינגעטריקענט און וואונדערליכע ליכט האָבען געפֿלויגען איבער די בלאָטעס. אַ שטילער ווינט האָט געבלאָזען צווישען די קוסטעס און הויכע גראָזען און עס האָט זיך געדאַכט ווי קינדער וויינען און שדים טאַנצען.

יהודה האָט זיך נישט געשראָקען. ער האָט געזאָגט אַז די פֿליהענדע ליכטלעך זענען פֿאַרע־טראָפּענס וואָס קומען ארויס פֿון די בלאָטעס און דאָס געוויין און פֿייפֿעריי איז פֿון ווינט.

דער בעל־עגלה האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף די דאָזיגע רייד.

— איהר רעדט מאָדנע — האָט ער געזאָגט — גאַנץ אוקריינאַ וויים אַז דאָ זענען דאָ שדים. איך קען אייך דער־צעהלען שרעקליכע מעשות וואָס איך האָב געהערט און גע־זעהן אין דער סטעפּע.

— דאָס איז דער עולם התהו — האָט זיך אָנגערופֿען אברהם, וואָס האָט זיך אָפּגעגעבען מיט קבלה — דאָ בלאָ־קען ארום די "נאַקעטע נשמות" וואָס קענען נישט קומען צו זייער רוה.

שמואל האָט זיך אויך געבייזערט אויף יהודה'ן און גע־זאָגט, אַז עס זענען יאָ דאָ שדים, ער האָט דאָס געהערט פֿון זיין פֿאָטער רב מנשה בן ישראל, וואָס האָט געשריבען דאָס אין זיין ספר.

ווי זיי האָבען זיך געשפּאַרט צי עס זענען פֿאַראַן שדים אָדער נישט, האָבען זיי פּלוצלינג דערהערט אַ שרעקליך גע־בריל און פֿיער גרינע פֿייערלעך זענען געפֿלויגען אויף זיי. דאָ האָט שוין יהודה זיך אויך דערשראָקען. צוויי ווילדע וועלף מיט אויסגעשטשירעטע צייהן זענען געלאָפֿען צו זיי.

דער בעל־עגלה האָט ארויסגעכאַפּט אַ גרעגער און אָנ־געהויבען גרעגערן און ער האָט געשריגען:

— שרייט, מאכט געוואלדען ! וועלען זיי זיך דערשרעקען און אנטלויפען !

זיי האָבען אָנגעפאַנגען שרייען מורא׳דיג און די וועלף האָבען זיך דערשראָקען און אָבגעטראָטען אָן א זייט. האָט דער בעל־עגלה אנגעהויבען שמייסען די פערד און זיי האָבען אָנגעהויבען לויפען ווי די רוחות, אז די וועלף האָבען זיי נישט געקענט דעריאָגען.

דינסטאג אינדערפריה זענען זיי אָנגעקומען נאָך קאלניק פאר נעמיראוו און זיך אָפגעשטעלט אין דער קרעטשמע. זיי האָבען אָבער קיין לעבעדיג נפש נישט געפונען דאָרט. דאָס מעבעל איז געווען צושמעטערט און איינגעטונקט אין בלוט. זיי האָבען געוואָהר געוואָרען אז מיט א וואָך צוריק האָבען די אנטלאָפענע פויערן בעפאלען די קרעטשמע און אויסגע־קוילעט דעם קרעטשמער מיט זיין הויזגעזינד.

אז זיי זענען אָנגעקומען אין א שעה ארום נאָך נעמיראוו איז אברהם אוועק צום רב און שמואל מיט יהודה׳ן זענען אריינגעגאנגען אין ניסן׳ס גרויסער אכסניא. זיי האָבען גע־דאווענט און געגעסען און אוועק צום רב איהם אָפגעבען דעם בריעף וואָס דער תוספות יום־טוב האָט מיטגעשיקט מיט זיין זוהן יהודה.

---

זיי האָבען זיך אָנגעזעהן פיעל רבנים און גאונים אויפ׳ן לובלינער יאריד. אָבער אזא שעהנקייט און לויטערקייט ווי דער נעמיראווער רב האָבען זיי נישט געזעהן. דער אמת׳ער אידישער אריסטאָקראט וואָס טראָגט טויזענטער יאָהרען אידישקייט אויף זיין הייליג פנים. א מאן פון פינף און דריי־סיג יאָהר, הויך און שלאנק, א טונקעל ווייסע הויט מיט דינע גלייכע שווארצע האָר, א הויכער שטערן מיט טיפע ווינקלען. לאנגע ברעמען ווי בויגענס און די גרויסע וויהעס וואָרפען א מילדען שאטען אויף זיינע קאשטאנע אויגען וואָס לייכטען הייליג מיט דער תורה־שיין. א לאנגע דינע נאָז מיט א האר־בעלע וואָס גיט איהם צו א סך חן. א קליין מויל מיט דינע ליפען און גרויסע וואנסעס וואָס גיסען זיך צוזאמען מיט זיין לאנגע־לאנגע באָרד מיט דינע קרייזלען ווי זיידענ־פאָדעם. איידעלע הענד מיט לאנגע דינע פינגער. געהט אָנ־

געטאָן אין אַ לאַנגע שווארצזיידענע קאַפּאָטע מיט אַ ברייטען גארטעל.

און וואָס פאר אַ זיס קול ער האָט ! און ער רעדט אַזוי שעהן ! יאָהרען וואָלסטו איהם געהערט רעדען און נישט געוואָרען מיעד.

דער רב האָט זיי אויפגענומען ליעב. און זיי דערצעהלט אַז ער האָט צער וואָס אברהם וויל נישט דעם שידוך. די כלה איז אַ כשר'ע אידישע טאָכטער און ער האָט געהאָפט, אַז אברהם וועט פועל'ן זכריה זאָל ווערען בעסער און זאָל נישט פיינינגען די גוים, וואָס צערנען דערפאר אויף אלע אידען.

דער רב האָט ביטער געזיפצט און געזאָגט, אַז ער שרעקט זיך שטאַרק פאר אַן אומגליק. די פויערן זענען צורייצט, זיי קוילען שוין די קרעטשמערם פון די פערוואָרפענע דערפער און וואָס וועט נאָך ווערען שפּעטער ?

מיט ווייטאָג האָט ער זיי דערצעהלט, אַז די רבנים האָבען דאָ קיין איינפלוס נישט אויף די ארענדאַטאָרס און אין די דערפער האַלטען זיי נישט פון אידישקייט. זיי נארען גאָט ווי זיי נארען די מענשען... זיי ריהרען נישט אָן קיין געלד אום שבת. זיי האַלטען אָבער אפען די שענקען און זייערע קנעכט האנדלען פאר זיי. די איינציגע האָפנונג איז עס זאָל ווערען מעהר ישיבות וועט ווערען ווייניגער עם־הארצות, וועלען זיי ווערען פרימער.

די רעביצין איז געווען אַ זעלטען־שעהנע פרומע פרוי. זי האָט געפיהרט אַ שעהן הויז און געטאָן אַ סך צדקה, מיטגעהאָלפען האָט איהר איהר שווינער, דעם רב'ס פרומע מוטער. דער רב האָט געהאַט דריי קינדער : צוויי טעכטער און איין זוהן. אין גאַנץ אוקריינא איז נישט געווען אזא ישיבה ווי אין נעמיראוו.

נעמיראוו איז געווען זיכערער ווי די אנדערע שטעדט. אָבער אויך דאָ האָבען די פויערן זיך בעקלאָגט אויף זייערע פּאַנעם און אויף דעם ארענדאַטאָר ניסן וואָס האָט זיי געדריקט און געשטיקט ווי זכריה.

דער רב רבי יחיאל מיכל האָט געשטורמט קעגען די עולות און אלע מאָל געוואָרנט אין זיינע דרשות די אידען זאָלען בעסער בעהאנדלען די פויערן. אַ סך האָבען איהם געפאָלגט,

נאָר ניסן, דער שטאָדט־גביר און תקיף, האָט איהם נישט גע־פאָלגט און דער רב איז געווען מאַכטלאָז און איהם נישט געקענט שטערן.

דאָס אומגליק מיט דעם אידישען קרעטשמאר פון קאלניק האט איהם שטארק דערשלאָגען און ער האָט געצי׳טערט אז דאָס איז נאָר אן אָנפאנג פון די צרות וואָס די שלעכטע גרוי־זאמע ארענדאַטאָרס ברענגען אויף אידען.

אז ער האָט דערהערט אז כמעלניצקי איז אוועק שליסען א בונד מיט די טאָטערן האָט ער פאר שרעק געהייסען די בחורים זיי זאָלען פערלאָזען די ישיבה ביז ס׳וועט ווערען רוהיגער. ס׳איז דאָך שוין געווען פאר פסח און די תלמידים צופאָהרען זיך דאָך סייווי. ווען זיי זענען געקומען זענען געבליבען נאָך א ביסעל בחורים. צווישען זיי דער פרוש בצלאל פון קאָברין אין ליטא וואָס האָט געלערנט ביים רב קבלה און פערשריבען זיינע תורות. ער האָט נישט געוואָלט אוועקפאָהרען, אזוי ליעב האָט ער געהאָט דעם רב.

דער רב האָט איהם אָבער אָנגעזאָגט ער זאָל יא אוועק־פאָהרען איבער דער סכנה און ער האָט זיך אָפּגעבעטען צו בלייבען ביז איבער פסח און דערנאָך וועט ער פאָהרען אהיים. עס איז בעשלאָסען געוואָרען אז באלד נאָך פסח זאָלען שמואל מיט יהודה׳ן אויך אוועקפאָהרען און אנטלויפען פון דער געפאהר.

---

ווען זיי זענען צוריקגעקומען אין אכסניא האָט יהודה געזאָגט צו שמואל׳ן:

— מיר טוט נישט באנג וואָס כ׳וועל נישט לערנען אין דער נעמיראָווער ישיבה. כ׳האָב נישט ליעב דעם היגען שטייגער לערנען. וואָס דארף איך לערנען ״נסתר״? געננג פאר מיר ״נגלה״, וואָס איך קען נאָך נישט גענוג. מיר געפעלט בעסער דער וועג פון די פוילישע רבנים וואָס גיבען זיך נישט אָפּ מיט קבלה ווי דער נעמיראָווער רב.

— ביזט נישט גערעכט — האָט שמואל גע׳טענה׳ט — קבלה איז א טיעפער און הייליגער למוד. דער טאַטע לערנט אויך קבלה.

איז יהודה געוואָרען אין כעס און געזאָגט:

— נישט צוליעב קבלה ווילסטו דאָ בלייבען. דיך ציהט נאָך טשיגירין...

— און דיך ציהט נאָך סאבאטאווא... — האָט שמואל איהם אָבגעענטפערט.

— מאכסט אַ טעות אויב דו מיינסט אז מיר געפעלט זלאַטע, און נאָכמעהר טעות אויב דו מיינסט אז איך קען איהר געפעלען — האָט יהודה איהם דערקלערט.

— זי האָט דאָך נאָר מיט דיר גערעדט און נישט אראָפּ־גענומען די אויגען פון דיר !

— אויף מיר האָט זי געקוקט און געטראַכט פון דיר — האָט יהודה געשמייכעלט — דו ביזט דאָך שענער פאר מיר. זי וויל דיך מעהר ווי טויבע. א סימן האָסטו אז זי האָט געזאָגט זכריה'ן ער זאָל אונז פערבעטען אויף יום־טוב.

— פון וואַנעט ווייסטו ?

— איך האָב געזעהן ווי זי האָט זיך גע'סוד'עט מיט זכריה'ן.

— זאָל זיין אזוי. אָבער וואָס וויים איך אז זלאַטע האָט דאָס געטאָן צוליעב מיר און נישט צוליעב דיר ? — האָט שמואל געפרעגט.

— ווייל דו ביזט שענער, האָבען דיך מיידלעך ליעבער. און אז מען האָט זיך געזעגענט האָבען ביידע מיידלעך דיר גערריקט די הענד און מיך האָבען זיי געלאָזט פערבייגעהן אָהן צו געבען די הענד. זיי וועלען זיך נאָך צוקריגען איבער דיר. זלאַטע איז א שטורמדיג מיידעל, א שטורמווינד, און טויבע איז א שטיל רוהיג צנועה'דיג אידיש מיידעל. זלאַטע איז ווי דער ווינד פון די סטעפּעס און זי וועט זיעגען.

שמואל האָט נישט געוואוסט וואָס צו טאָן. ביידע זענען שעהן און ליעב. און ער האָט געפרעגט יהודה'ן :

— דו ביזט דאָך קליגער פאר מיר, זאָג מיר, וועלכע זאָל איך נעמען ?

— אוי, ביזטו א שוטה ! — האָט יהודה געלאַכט — אז דו ווייסט אליין נישט וועלכע דיר געפעלט בעסער, ביזטו דאָך נאָך נישט פערליעבט, טאָ שלאָג דיר ביידע ארויס פון קאָפּ. דו ביזט אַ גרויסען רב'ס א זוהן, א האָלענדער און זייערע טאַטעס זענען פּראָסטע דאָרפסלייט, איינער איז אַן אָרימער

ווי די פויערן און דער צווייטער איז א רויבער, א גרויזאַמער ארענדאַטאָר און עס איז אוקריינא וואָס האָט זיך אָנגעזויפּען מיט אידיש בלוט און א איד איז דאָ קיינמאָל נישט זיכער.

— אויב דו רעדסט פון יחוס — האָט שמואל געזאָגט — פּאַסט פאר מיר קיינער נישט. פון מיין מאַמעס צד שטאַם איך פון דאן יצחק אברבנאל, פון מלכות בית דוד.

— גאַנץ שעהן! — האָט יהודה געשפּאָט — דיין מאַמע פון מלכות בית דוד וועט זיין א מחותנת׳טע מיט מאריאשע׳ן וואָס האָט יונגערהייט געהאַט עסקים מיט דעם ווילדען שכור טשאפּלינסקי, אדער מיט יעקב סאבאטאווערס ווייב, א פּראָס־טע דאָרפס־פּויערטע. און זלאַטע, האָסטו דאָך געהערט, ליעבט זיך מיט דעם קאָזאַק טימאפיי כמעלניצקי.

דאָס האָט אויפגערעגט שמואל׳ן וואָס ער רעדט אזוי אויף דער יתומה זלאַטע. ער האָט איהם געוואָלט אויסזידלען און זאָגען אז ער פערגינט איהם נישט אזא שעהן געראטען מיי־דעל. ער האָט זיך אָבער בעהערשט און איהם געוואָלט אויס־פּרובירען מיט דער דאָזיגער פראגע:

— דאַרף מען גאָר נישט פאָהרען צו זכריה׳ן, דענקסטו?

— פאָהרען, יא! — האָט יהודה זיך געכאַפּט — מען האָט צוגעזאָגט מוז מען האַלטען וואָרט.

— וואָס וועט מען טאָן אז זלאַטע וועט וועלען איינעם פון אונז צו זיך אויף יום־טוב?

— זי וועט זיכער וועלען — האָט יהודה געזאָגט — איך וועל פאָהרען נאָך סאבאטאווא און דו צו זכריה׳ן. איך פערזיכער דיך, איך וועל שוין זעהן זי זאָל דיך נישט אריינ־כאַפּען אין איהר נעץ.

איצט איז קלאָר געוואָרען שמואל׳ן אז יהודה איז פער־ליעבט אין זלאַטע׳ן און ער האָט שוין געוואוסט וואָס צו טאָן.

---

די דריי וואָכען האָבען זיי וויינינ געלערנט. די צייט האָט זיך געצויגען אזוי לאַנג. שמואל האָט פיעל געטראַכט פון די מיידלעך. אָט האָט ער געבענקט נאָך זיי און אָט האָבען יהודה׳ס רייד אז זיי פּאַסען נישט פאר איהם נישט געלאָזט איהם רוהען. אלעמאָל האָט ער אָנגעהויבען טראַכטען פון

טויבע'ן, אָבער זלאַטע האָט גלייך פערטריבען טויבע'ן פון זיינע געדאַנקען.

שבת הגדול האָט דער רב רב יחיאל מיכל געהאַלטען א פייערדיגע דרשה וועגען שבת, ארץ ישראל און דאָס אידי־שע פאָלק. ער האָט גערעדט מיט הייסער ליעבע צו ארץ־ישראל און דערקלערט דאָס הייליגקייט פון ארץ ישראל לויט די קבלה. די דרשה האָט געמאַכט א שטאַרקען רושם, אז מען האָט זי לאַנג נישט געקענט פערגעסען.

שבת צונאַכט האָבען שמואל מיט יהודה'ן פערבראַכט ביים רב. דער פרוש בצלאל האָט פערשריבען די דרשה און אברהם האָט זיך געוויצעלט איבער דעם עונג יום־טוב וואָס זיי וועלען האָבען ביים רשע זכריה און זיין מרשעת מאַריאַשע.

דער רב האָט איהם געהייסען שווייגען, זאָגענדיג אז מען קען זיי נאָך ראַטעווען זיי זאָלען ווערען עהרליכע איד־ען מיט גוטע הערצער.

— אז זיי וועלען גאָר נישט זיין ביים טשיגירינער גביר !

— האָט אברהם געזאָגט. — ס'איז נאָך צוויי טעג צו יום־טוב און זכריה האָט נישט געשיקט נאָך זיי. ער וויל זיי גאָרנישט האָבען !

יהודה איז געווען צופרידען, נאָר שמואל האָט געהאַט גרויס עגמת נפש.

---

צומאָרגענס איז געווען א גרויסע חאַגע. דער פאַלמען־זונטאַג. דער אָנהויב פון דער לעצטער פאַסט־וואָך ביי די פּראַוואָסלאַווען. ביי ניסן ארענדאַטאָר איז געווען א סך אר־בייט. אינדערפריה האָט ער אוועקגעשטעלט א ראָטע "אור־לאַנער", פּוילישע סאָלדאַטען, ביי דער רוטעגישער צערקווע, די רוטענער זאָלען נישט קענען אריינגעהן מיט זייערע פאַל־מען ביז זיי וועלען בעצאָהלען דעם ארענדאַטאָר איינטריט־געלד.

ניסן מיט זיינע אידישע משרתים האָבען אוועקגעשטעלט א טיש מיט א באַנק און א קאַסטען לעבען דער צערקווע. ניסן האָט זיך געזעצט לעבען טיש און די משרתים האָבען איהם געהאָלפען נעמען געלד און אויסטיילען קוויטלעך די גוים זאָלען קענען אריינגעהן אין צערקווע.

שמואל מיט יהודה'ן זענען אוועק זעהן ווי דאס געהט צו און זיי האבען געהאט גרויס צער אויף דער גזלה וואס ניסן טוט צו די ארימע פויערן. די "אולאנער" האבען גע־מאכט ס'געשפעט פון די ארימע פויערן וואס האבען נישט געהאט צו בעצאהלען פאר'ן קוויטעל. אפט האבען די אולא־נער אוועקגעשלעפט א קאזאק וואס האט זיך געוואלט אריינ־רייסען אין צערקווע און אויב ער האט עפעס געזאגט האבען זיי איהם געבונדען און אוועקגעפיהרט אין תפיסה.

דאס פויערן־פאלק איז געווארען שטארק אויפגערעגט און דער טומעל האט זיך געשטארקט. א יונגער געזונטער קאזאק איז ארויס פון דער מחנה און א שלעפ געטאן דעם טיש מיט'ן קאסטען און פערשליידערט וויט. די גראשענס זענען צושיט געווארען און די קוויטלעך צופלויגען. עס איז געווארען א גרויס געלעכטער. אפילו די אולאנער האבען גע־לאכט פון דעם צוטומעלטען זשיד ניסן מיט זיינע משרתים.

— האסט גוט געטאן, טימאש! — האט א איד זיך אנ־גערופען.

— האלט ס'פיסק, אויב דו ווילסט לעבען! — האבען עטליכע קאזאקען געזאגט און ארומגערינגעלט דעם איד.

— גוט מארגען, יאנקעל! — האט טימאש געזאגט און געדריקט דעם איד'ס האנד און צו די קאזאקען האט ער גע־זאגט:

— טשעפעט נישט דעם איד, ער איז אן אונזעריגער!

ניסן האט זיך איינגעבויגען און אויפגעקליבען דאס צו־שפרייטע געלד, איז טימאש צוגעשפרונגען צו איהם און איהם דערלאנגט א בריק מיט'ן פוס, אז ער האט זיך דריי־מאל איבערגעקייקעלט מיט זיין גרויסען פעטען בויך. איידער ניסן האט גערופען די סאלדאטען איז טימאש ווי פייל פון בויגען אנטלאפען אויף זיין פלינק פערד.

די גאנצע סצענע האט געדויערט אן אויגענבליק. שמואל מיט יהודה'ן האבען אבער בעוויזען זיך איינצוקוקען אין טימאש'ן. ער איז געגאנגען אנגעטאן אין טייערע קליידער נאר אויסגעשמירט מיט סמאלע און דזשעגעכץ ווי א זאפארא־גער קאזאק.

יאנקעל האט אויסגעזידעלט ניסן'ען און איהם גערופען

"עוכר ישראל". דו ברענגסט אן אומגליק אויף אידען! — האט ער געשריגען.

א סך אידען זענען געשטאנען דערנעבען. אבער זעהר ווייניג האבען אפען געגעבען גערעכט יאנקלען פאר מורא פאר'ן תקיף ניסן.

— ווייסט ווער טימאש איז? — האט יהודה געפרעגט שמואל'ן.

— ניין. כ'האב איהם קיינמאל נישט געזעהן.

— איך האב איהם אויך ערשט איצט געזעהן, איך ווייס אבער ווער ער איז. איך ווייס אויך ווער ס'איז יאנקעל. ער איז נישט קיין היגער. האט נישט מורא פאר'ן גביר. ער איז געקומען נאך אונז.

איצט האט שמואל אנגעהויבען פערשטעהן. טימאש איז במעלניצקי'ס זוהן טימאפיי און יעקב איז זלאטעם פעטער ער האט געזאגט יהודה'ן:

— זכריה מיט יעקב'ן זענען דאך ברוגז. ס'קען נישט זיין, אז זכריה האט איהם געשיקט נאך אונז.

— אין דעם שטעקט זלאטעס קאפ — האט יהודה איהם דערקלערט.

זיי האבען אנגעהויבען צוגעהן צו יעקב'ן און ער האט זיך איינגעקוקט און זיי געפרעגט:

— זאגט מיר, כ'בעט אייך, זענט איהר דאס די בחורים וואס זענט געווען ביי זכריה'ן אין טשיגירין?

— יא.

— איהר האט צוגעזאגט צו פאהרען צו איהם אויף פסח?

— יא.

— טא קומט פאהרען. איך בין געקומען נאך אייך מיט זכריה'ס קארעטע. איך זוך אייך ארום שוין א שעה.

זיי האבען איהם געגעבען שלום־עליכם און איהם געפרעגט ווען ער איז ארויסגעפאהרען פון טשיגירין? ער האט זיי דערצעהלט, אז ער איז ארויסגעפאהרען דאנערשטאג. ער האט אבער נישט געקענט אנקומען אויף שבת נאך נעמיראוו, האט ער געהאלטען שבת אין קאלניק. ביינאכט איז ער גע־

קומען אהער. איצט דאַרף מען זיך איילען, מען זאָל נישט פערשפּעטיגען.

שמואל מיט יהודה׳ן האָבען זיך געזעגענט מיט׳ן רב, בעצאָהלט אין אכסניא. יעקב האָט איינגעשפּאַנט זכריה׳ס דריי בלינקע פערד און גלייך געלאָזט זיך אין וועג אריין.

---

זיי זענען דורכגעפאָהרען דער סטעפּע וואו זיי זענען מיט דריי וואָכען צוריק געפאָהרען און זיי האָבען זי נישט דערקענט. זי האָט זיך אויסגעשפּרייט אין איהר אומענדליכקייט פאר זייערע אויגען. עס איז שוין געווען פריהלינג. די וועלט איז ווידער געוואָרען יונג און פריש. די גאַנצע סטעפּע האָט זיך אויסגעשפּרייט ווייט, ווייט אין איהר פיעלפארביקייט. די ערד איז בעדעקט געוואָרען מיט געדיכטע גראָזען ווי די בוימער. די מחנות ווילדע פערד וואָס לויפען איבער די סטעפּע זעהט מען נישט ארויס פון די הויכע גראָזען, מען הערט נאָך זייער טופּען און הירזשען און דאָס צוקנייטשטע גראָז אונטער זייערע ווילדע פיס. אויפ׳ן גראָז פליהען פלאַטערן גראַמאַרעס זומערפליגען און פייגעלעך און זיי בלישטשען אין טויזענד פארבען אין דער זונשיין.

א פרעהליך פויגעל־געזאַנג ציהט זיך פון פערבאָרגענע ערטער און טראָגט זיך איבער דער סטעפּע. עס פליהען אדלערס און אנדערע סאָרטען רויב־פויגעל, פליהען הויך־הויך און פלוצלינג לאָזען זיי זיך אראָפּ און וואַרפען זיך אויף זייער רויב.

אין דעם געדיכטען גראָז בעהאַלטען זיך אויך די זאפּאַראגער קאָזאַקען און טאַטערן און לויערן אויף די דורכפאָהרער. די סטעפּע איז פול דער׳הרג׳עטע.

די קאַרעטע לויפט און זיי דערזעהן פונוויטענס א שטיק ווייסקייט ווי פריש־געפאַלען שניי. דאָס איז געווען א וואַלד פון קאַרשען־בוימער וואָס האָט זיך צובליהט מיט זיין ווייס געבליעבץ.

באַלד דערזעהן זיי א וואַלד רויט־ווייסע געבליעבץ, דאָס האָבען די מאַנדעל־בוימער אָנגעהויבען בליהען.

שמואל איז געוואָרען פער׳שיכור׳ט פון די וואונדערליכע נאַטור־בילדער וואָס ער האָט געזעהן. ערשט ווען יעקב האָט

אָפּגעשטעלט די פערד לעבען טייך האָט ער זיך אויפגעכאַפּט ווי פון א חלום.

— מען דאַרף פאַשען די פערד, ס'איז שוין מיטאָג. מיר'ן אויך עפּיס נעמען אין מויל אריין — האָט געזאָגט יעקב.

זיי זענען אראָפּגעשפּרונגען און זיך געלעגט אונטער די מאַנדעל־בוימער. דאָס געבליעבץ האָט גערעגענט אויף זיי און עס האָט געשמעקט ווי אין גן־עדן. נאָכדעם ווי יעקב האָט אָנגעשיט די קאריטע פאר די פערד האָט ער געכאַפּט עטליכע פיש און זיי אָפּגעשאָבען, געמאכט פייער און זיי אָפּגעבראָטען. זיי האָבען געגעסען און גענומען צוביסלעך בראָנפען און יעקב האָט געזאָגט מיט אומעט:

— די סטעפּע איז רייך מיט אָהן א שיעור נאַטור־אוצרות. דאָ איז פול מיט ברכה. נאָר מען געניסט עס נישט. תמיד איז דאָ מלחמות. פארצייטענס זענען די אזיאַטישע פעלקער דאָ דורכגעגאַנגען. די פּאָליאַנער און פּעטשינעגער האָבען דאָ זיך געשלאָגען. און שפּעטער די טאַטערען מיט די ליטווינער און פּאָליאַקען. אָפט בעפאַלען די טאַטערן איצט די סטעפּעס מיט די ארומיגע שטעדט און דערפער, קוילען און רויבען. די זאַפּאַראָגער קאָזאַקען און די היגע מאכען אָפטע אויפשטאַנדען אויף די ליאַכעס און מען רייסט זיך נאָר ארום און בלוט גיסט זיך און מעהר נאָך גיסט זיך אידיש בלוט.

אין דער סטעפּע האַלטען זיך אויף ווילדע חיות, אנשטאט וואָס מענשען זאָלען דאָ געניסען פון אלדאָס־גוטס. נאָר די טשאבאנעס פאַשען דאָ זייערע סטאַדעס. זיי זענען אָבער זעהר ווילד, מען קען זיי נישט רעכנען פאר מענשען. די זאַ־פּאַראָזשצעס פלעגען דאָ קומען כאַפּען פיש און פאַנגען חיות, זעהט מען זיי איצט נישט אויף די אויגען. זיי גרייטען זיך צו א מרידה. אויב די ליאַכעס וועלען זיי נישט אָפּהאַלטען וועט זיין זעהר ביטער. און ווער ווייס וואָס אונזער סוף וועט דעמאָלט זיין?

די פויערן זענען זעהר פערביטערט אויף די אונטערדרי־קער און וואָס פאר א ווייטאָג איז דאָס צו זעהן אז אויך אידען זענען דאָ אונטערדריקער און ברענגען דעם גרעסטען חורבן אויף אונז. פאר די גרויזאַמע ארענדאַטאָרס וואָס האָבען

געמאַכט איין האַנד מיט די פּריצים צו שינדען די פּויערישע הויט וועלען אַלע אידען ליידען. די פּריצים זענען די יעגער און די ארענדאַטאָרס זייערע געיעג־הינט וואָס העלפען זיי כאַפּען זייער געפאַנג.

---

זיי האָבען דערקענט פון זיינע רייד אז ער איז אן ערלי־כער מאַן און ער האָט אויך געלערנט. און דערפאַר וואָס ער קען נישט פערשווייגען די עולות וואָס די ארענדאַטאָרס טוען צו די גוים האָט ער זיך געקריגט מיט זכריה׳ן און אויסגעזידעלט ניסן׳ען.

ער האָט נישט געוואָלט זיך פיהרען ווי זיי. ער האָט געהאַט א ברויעריי אין סאבאטאווא און אליין שווער געהאָ־רעוועט. ער האָט פערקויפט בראַנפען ביליג און געגעבען ריינע משקה. ער האָט זיך אפילו נישט געעפענט א קרעטשמע די פּויערים זאָלען נישט קענען קומען צו איהם שיכור׳ן און פערטרינקען זייערע פאַר גראָשען.

ער האָט געהאַט א וואוילע געטרייע פרוי. מיט פינף יאָהר צוריק איז זי געשטאָרבען האָט ער נישט געוואָלט נאכאַמאָל חתונה האָבען און געלעבט אליין מיט זיין איינציג קינד זלאַטע. ער האָט זי געלערנט זי זאָל זיין א טרייע אידישע טאָכטער און זי איז אזוי שעהן אויסגעוואַקסען. פּעסט, אומ־דערשראָקען.

— זי איז א טייער קינד מיט אַ גוט האַרץ — האָט יעקב געזאָגט — און וואויל וועט זיין דעם מאַן וואָס וועט מיט איהר חתונה האָבען.

שמואל מיט יהודה׳ן האָבען אָנגעקוואָלען דאָס צו הערען. זיי האָבען געדאַווענט מנחה און איידער זיי האָבען זיך אויפ־געזעצט פאָהרען האָט יהודה אוועקגערופען שמואל׳ן אן א זייט און איהם אָנגעזאָגט:

— געדענק וואָס כ׳האָב דיר געזאָגט, זאָלסט נישט קאַליע מאַכען מיין פּלאַן! אז ער וועט פאַרלייגען איינעם פון אונז צו פערפאָהרען צו איהם אויף יום־טוב זאָלסטו זאָגען אז דו ווילסט פאָהרען צו זכריה׳ן.

שמואל האָט געשוויגען.

פאַהרענדיג האָט יעקב זיי דערצעהלט ווי ער איז געװאָרען ברוגז מיט זכריה'ן.

אָנגעהויבען האָט זיך דער ברוגז איבער געשעפטליכע סכסוכים. זכריה פערלאַנגט פון איהם ער זאָל נאָר איהם פערקויפען זיין בראַנפען. כמעלניצקי איז אָבער קענגען דעם, ווייל דערמיט וואָלט ער אנערקענט טשאפלינסקי'ן אלס זיין הערשער.

אָבער דער עיקר פון דער מחלוקה שטאַמט נאָך פון דער צייט ווען זיין ווייב האָט געלעבט. דאָס ווייב האָט זיך גע־האַלטען פונוויטענס פון מאַריאשע'ן כאָטש זי איז געװען ארים און מאַריאשע איז די גבירה'טע. מאַריאשע וויל דאָס נישט מוחל זיין יעקב'ן און זלאטע'ן. און זי העצט אָן זכריה'ן אויף זיי.

איצט איז מאַריאשע געװאָרען בעסער, ווייל זלאַטע האָט איינגעשטילט טשאפלינסקי'ן. זי איז אָבער אָלץ בייז ווייל דורכדעם איז אָפּגעגאַנגען דער שידוך מיט'ן חתן. זי זאָגט אז זלאַטע איז שולדיג, זי האָט דעם חתן פער'מיאוס'ט אין טויבע'ס אויגען.

נאָר די קלוגע זלאַטע האָט זיי פאַרגעלייגט צו נעמען איינעם פון די בחורים פאר אן איידעם. זיי שטאַמען פון גרעסטען יחוס און קענען מעהר פון נעמיראוװער חתן. דאָס איז זיי געפעלען און מאַריאשע האָט זיך איבערגעבעטען.

— און וואָס וועט זיין אז קיינער פון די בחורים וועט נישט װעלען דעם שדוך ? — האָט יהודה געפרעגט.

— וועט זיין פערפאַלען — האָט יעקב געענטפערט — וואָס קען זלאַטע העלפען ? זי איז דאָך נישט גאָט וואָס פאַרט צוזאַמען. דער אמת איז אז טויבע איז אן אוצר. זי איז מעהר ווערט פאר זייער גאַנץ האָב און גוטס. זי איז שעהן, קלוג און גוט. וואויל וועט זיין איהר מאַן. די עלטערן ווילען איהר גע־בען א גרויסען נדן.

— טויבע האָט גאָר נישט קיין דעה ? — האָבען זיי גע־פרעגט — וואָס איהרע עלטערן קלייבען פאר איהר א חתן ?

— יאָ, זיי ווילען נאָר דעם וואָס וועט איהר געפעלען.

— טאָ פאַרוואָס האָט זי געוואָלט אברהם'ן ?

— דער שדוך איז געשלאָסען געוואָרען מיט פינף יאָהר

צוריק, ווען זי איז נאָך געווען גאָר א קינד. די עלטערן האָבען געזוכט יחוס. ער איז איהר לעצטענס נישט געפעלען. זי איז אָבער א גוט קינד, האָט זי נישט געוואָלט אָנטאָן עגמת־נפש איהרע עלטערן און זי האָט פיעל מאָל געבעטען מיין זלאַטע׳ן זי זאָל אָפּרעדען איהרע עלטערן פון אברהם׳ן. די שבת׳־דיגע געשיכטע איז איהר געקומען צו הילף און עס איז געוואָרען אויס שדוך.

— ווי האָט איהר זיך איבערגעבעטען מיט זכריה׳ן? איהר זענט דאָך תמיד ברוגז? — האָבען זיי געפרעגט.

— דורך זלאַטע׳ן. זכריה האָט מורא געהאַט צו ווייזען ס׳פּנים פאַר׳ן נעמיראָווער רב. שיקען עמיצען פון שטאָדט האָט ער מורא געהאַט יענער זאָל נישט קאַליע מאַכען. האָט זלאַטע געמאַכט שלום צווישען אונז און איך בין געפאָהרען. טאָמער וועט איינער פון אייך וועלען פאָהרען צו מיר אויך.

יהודה האָט געווינקען צו שמואל׳ן און זיך אָנגערופען:

— וועמען ווילט איהר צו אייך אויף יום־טוב?

— מיר איז קיין אונטערשיד נישט. נאָר זלאַטע האָט געזאָגט, אז דער גרעסערער זאָל פאָהרען צו זכריה׳ן און דער קלענערער זאָל קומען צו אונז.

יהודה איז געוואָרען בלאַס און געזאָגט:

— מיין יונגערער חבר מוז פאָהרען צו זכריה׳ן, ווייל ער האָט איהם צוגעזאָגט צו קומען.

— ער האָט דאָך אונז ביידע געבעטען — האָט שמואל זיך אריינגעמישט — און איך האָב געזאָגט אז מיר ביידע וועלען קומען.

---

זיי זענען געפאָהרען א גאַנצע נאַכט. מיט׳ן טאָג צוגלייך האָבען זיי זיך אָפּגעשטעלט. יעקב האָט אָנגעפּאַשעט די פערד. דערנאָך האָבען זיי געדאַווענט און געגעסען און דאָס פערבליבענע חמץ פערברענט. יעקב האָט שטאַרק געטריבען די פערד ער זאָל אָנקומען פאַר זונאונטערגאַנג.

א צוויי שעה פאַר זונאונטערגאַנג זענען זיי צוגעקומען צו א וואַלד און יעקב האָט זיי געזאָגט, אז באַלד וועלען זיי זיין אויפ׳ן אָרט. יהודה מיט שמואל׳ן האָבען נישט דערקענט

די געגענד און יעקב האָט זיי געזאָגט אז דאָס פאָהרען זיי צו איהם נאָך סאבאטאווא.

אויף א קליין בערגיל איז געשטאַנען יעקב'ס הויז און די שויבען זענען געווען פערגאָסען מיט גאָלד־ליכט פון דער אונטערגעהענדער זון.

זלאַטע איז זיי אַרויס אַקעגען און ווי זי האָט זיי דער־זעהן איז זי געוואָרען רויט. שמואל'ס הארץ האָט אָנגעפאַנ־גען קלאַפּען. זלאַטע האָט זיך צוקושט מיט'ן פאָטער און דערלאַנגט די האַנד שמואל'ן מיט יהודה'ן און זיי געבעטען אין הויז אריין.

דער טיש איז געווען אָנגעשטעלט מיט גוטע זאכען. זיי האָבען עפּיס געגעסען אין מויל אריין און יעקב האָט געזאָגט:

— כ'מוז נאָך איינעם פון אייך אָפּפיהרען צו זכריה'ן. מיר זענען איהר ביידע גלייך ליעב. אויב איהר האָט נאָך נישט בעשלאָסען צווישען זיך וועלען מיר זיך פערלאָזען אויף זלאַטע'ן.

יהודה האָט געווינקען צו שמואל'ן ער זאָל טאָן ווי ער האָט איהם אָנגעזאָגט. שמואל האָט זיך געמאַכט נישט ווי־סענדיג. עס האָט זיך איהם געוואָלט דאָ פערבלייבען און ער האָט זיך אָנגערופען קוקענדיג מיט געבעט אויף זלאַטע'ן:

— זאָל זלאַטע בעשליסען!

— יא, זלאַטע, ווי איהר וועט זאָגען אזוי וועט זיין — האָט יהודה געזאָגט מיט א שטימע פול געבעט.

זלאַטע האָט זיך פערדרויטעלט און געזאָגט צום פאָטער:

— טאַטע, געדענקסט, האָסט מיר דערצעהלט א געשיכ־טע פון א איד מיט א גוי, וואָס זענען געגאַנגען כאַפּען פיש בשותפות? זיי האָבען געכאַפּט צוויי פיש, א גרויסען און א קליינעם, ס'איז געקומען צום צוטיילען זיך, האָט דער איד געזאָגט צום גוי אזוי: "איך שעץ דיך זעהר און דערפאַר קלייב אויס וואָסערע פיש דו ווילסט, נעם דיר דעם קליינעם און מיר דעם גרויסען אָדער מיר דעם גרויסען און דיר דעם קליינעם"... דער פויער איז געווען צופרידען וואָס דער איד האָט איהם געגעבען די ברירה און ער האָט איהם געפאָלגט.

דו און זכריה זענט צוויי בעלי־בתים. פאַראַן צוויי בחורים, א גרויסער און א קלענערער. זכריה איז א גרויסער

עושר, קומט איהם דער גרויסער בחור. מיר זענען ארים, וועט געבוג זיין פאר אונז דער קלענערער.

און אזוי איז געבליבען. מיט א ביטער הארץ האט יהודה זיך געזעגענט און יעקב׳ס משרת האט איהם אפגעפיהרט צו זכריה׳ן. און צו שמואל׳ס גליק איז נישט געווען קיין גלייכען. ער איז געבליבען אין איין הויז מיט דער וואונדערליכער זלאטע.

אין הויז האט געבלאנקט פאר ריינקייט. די ווייסע פאר־האנגען האבען פערגאסען אלצדינג מיט א ווייסע פרייד. שמואל האט זיך געטונקען אין דעם ים פון פרייד וואס האט אנגעפילט דאס הויז.

---

זלאטע האט געצונדען ליכט. נאך מעריב האבען זיי אפ־געריכט דעם סדר און שמואל האט זיי דערצעהלט ווי עס לעבט זיך די אידען אין האלאנד. פלוצלינג רופט זיך אן יעקב:

— זלאטע, ווייסט ווענען כ׳האב געזעהן אין נעמיראוו ?

— אברהם׳ן, טויבע׳ס חתן ?

— נישט געטראפען ! טימאש׳ן !

— כ׳האב געהערט, אז ער איז צוריקגעקומען — האט זלאטע געזאגט — ער איז א נאר. די ליאכעס וועלען איהם דער׳הרג׳ענען.

— זיי וועלען איהם נישט דערקענען. ער איז אויסגע־שמירט ווי א זאפאראזשעץ. האט א פנים ווי א טאטער.

— כ׳האב נאך עפיס געהערט וואס כ׳האב שטא־ק מורא דערפאר — האט זלאטע געזאגט — באגדאן כמעלניצקי האט געשלאסען א בונד מיט די טאטערן און זיי קומען אהער. די פויערן ריהמען זיך שוין אז זיי וועלען נעמען נקמה אן זייערע אונטערדריקער.

— גאט יוויס וואס ס׳וועט געשעהן מיט די היגע אידען— האט יעקב געזאגט פערזארגט — די פויערן זענען שטארק אויפגערעגט. ניסן האט נאך געהאלפען שטארקען זייער האס.

און ער האט איהר דערצעהלט די געשיכטע מיט ניסן׳ען און טימאפיי׳ן.

— אונזער זכריה איז נישט בעסער פאר ניסנ׳ען —

האָט זי געזאָגט — ווען נישט צוליעב טויבע'ן וואָלט איך נישט איבערגעטראָטען זיין שוועל. איבער זיי וועלען מיר נאָך האָבען אַ גרויס אומגליק.

נאָכ'ן סדר האָט יעקב אריינגעפיהרט שמואל'ן אין אַ בעזונדער צימער וואָס האָט געבלאַנקט פון ריינקייט. שמואל האָט זיך געלייגט. ער האָט אָבער נישט געקענט איינשלאָפען. ער האָט גע'חלום'ט וואכעדיגערהייט וועגען דער גוטער צייט ווען די שעהנע קלוגע זלאַטע וועט ווערען זיין פרוי, ווי ער וועט זי ברענגען נאָך האָלאַנד און זיי וועלען לעבען גליקליך.

---

אז שמואל האָט זיך אויפגעכאַפּט איז שוין געווען גרויסער טאָג. ער האָט געעפענט דאָס פענסטער און ארויסגעקוקט איבער דער גרויסער סטעפּע. די זון איז געשטאַנען הויך און די גרינע גראָזען זענען געווען בעדעקט מיט בלישטשענדע טראָפּענס. פּלוצלינג האָט ער אויפגעציטערט.

זלאַטע איז ארויסגעקומען פון שטאַל. אַ שיקסע האָט געטראָגען אַ פּאָר קאַנען מילך. זלאַטע איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַ לאַנג נאַכטהעמד מיט בלויסע הענד און נאַקעטע ווייסע פּלייצעס. אַ ווארימקייט האָט זיך צעגאָסען אין אַלע זיינע אברים. פון צווייטען צימער האָט ער דערהערט יעקב'ן זאָגען שיר השירים.

ער האָט זיך גיך ארומגעוואַשען און אָנגעטאָן און זיך געזעצט זאָגען שיר השירים, און ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געפיהלט אַזאַ הנאה פון זאָגען שיר השירים ווי איצט. זלאַטע איז איהם געשטאַנען פאר די אויגען און ער האָט געמיינט אַז דאָס איז זי שולמית...

יעקב האָט איהם אריינגעבראַכט אַ קרוג הייסע מילך און געזאָגט:

— מיר'ן ליידער נישט קענען דאַוונען מיט מנין. וועלען מיר אָפּעסען פריה און האָבען דעם גאַנצען טאָג זיך אָפּצורוהען. אויב דו וועסט וועלען וועט זלאַטע דיר װייזען די געגענד, זעהר אַ שעהנע געגענד, וועסט האָבען הנאה.

נאָכ'ן דאַוונען ווען ער איז געקומען צום טיש האָט ער נישט געקענט אוועקנעמען די אויגען פון זלאַטע'ן. זי איז

געווען אָנגעטאָן אין אוקריינישען טראכט ווי דערמאָלט אין טשיגירין. נאָכ'ן בענטשען האָט יעקב זיך צוגעלעהנט און זלאַטע מיט שמואל'ן זענען געגאַנגען אין גארטען.

זלאַטע האָט אָנגעהויבען זינגען אן אוקריייניש פאָלקס־ליעד און איהר זיסע שטימע האָט זיך געטראָגען אין דער הויך און אויסגעמישט מיט'ן געזאַנג פון די פויגעלעך וואָס האָבען געפלויגען איבער זייערע קעפּ.

פלוצלונג האָט שמואל דערזעהן טרערען אין איהרע אויגען און ער האָט זי געפרעגט דערשראָקען:

— וואָס וויינסטו?

— וואָס די מאַמע איז געשטאָרבען. איבער מיר איז דער טאַטע עלענט...

— וויין נישט. ס'איז יום־טוב — האָט שמואל זי גע־טרייסט — גאָט וועט דיר בעשערען א גוטען מאן און דו און דיין פאָטער וועלען זיין גליקליך.

— א, כ'האָב נאָך צייט — האָט זי געשמייכעלט — כ'וועל נישט חתונה האָבען אזוי גיך.

שמואל האָט נישט געוואוסט וואָס זי מיינט דערמיט און געשטאַנען צומישט. האָט זי זיך פלוצלונג אָנגערופען:

—וואָס שטעהסטו ווי א גולם! אָט ווי אברהם וואָס האָט מורא געהאַט צו קוקען אויף טויבען?

—וואָס זאָל איך דען טאָן? — האָט ער געלאַכט.

— יונגע חברה שפּילט זיך!

— איך וויים נישט ווי אזוי.

— איי, באַנקקוועטשערס, איהר זענט צווישען מיידלעך אומוויסענדער ווי א פראָסטער פּאראבאַק.

— לערן מיך אוים.

— גוט. מיר'ן שפּילען אין בעהעלטעכץ — האָט זלאַטע געזאָגט — בעהאַלט זיך צווישען די קוסטעס, וועל איך דיך זוכען. דערנאָך וועל איך זיך בעהאַלטען און דו וועסט מיך זוכען.

— גוט — האָט שמואל געזאָגט און געוואָלט זיך געהן בעהאַלטען.

—אוי, דו גרויסער שוטה! — האָט זי געלאַכט — כ'וועל דאָך זעהן ווי דו בעהאַלסט דיך! דו פערבינד מיר די

אויגען מיט א טיכעל. אז דו וועסט זיך האָבען בעהאַלטען וועסטו געבען א פייף, וועל איך אראָפּנעמען דאָס טיכעל און דיך געהן זוכען.

ער האָט איהר פערבונדען די אויגען און זיך בעהאַלטען. אז זי האָט איהם געפונען האָט זי זיך בעהאַלטען און ער האָט זי געמוזט אויפזוכען און זיי האָבען א סך געלאַכט דערביי.

דערנאָך האָבען זיי זיך געראַנגעלט. דאָ האָט ער זיך ארויסגעוויזען שטאַרקער און זלאַטע האָט געזאָגט, אז ס'איז איצט שטאַרק היים, איז נישט גוט צו שפּילען זיך.

זיי זענען אריין אין שטוב. זי האָט איהם געגעבען וויין מיט מצה־קיכלעך און זי האָט איהם געהייסען געהן אין זיין צימער זיך צולעהנען. זי איז מיעד און זי וויל זיך אויסרוהען.

ער האָט זיך געלייגט און גלייך איינגעשלאָפען און ער האָט געזעהן א שרעקליכען חלום.

ער שטעהט אין נעמיראוו פאַר דער צערקווע. ניסן זיצט לעבען טיש און טימאש שטעהט איבער איהם מיט א מעסער, שניידט שטיקער פעטס פון ניסנ'ען און גיט איהם אויפצועסען. כמעלניצקי, דער קאָזאַק, מיט טשאַפּלינסקי שלאַכטשיץ יאָגען זיך רייטענדיג אויף צוויי מענשען. מיט אייזענע ריטער שמייסען זיי די מענשען. די מענשען זענען זכריה מיט יעקב'ן... מאַריאַשע מיט האַרפּינא'ן ארומגענומען רייטען אויף'ן נעמיראוו'ער רב וואָס האַלט אונטער די אָרעמס צוויי בעזימער ווי פליגעל... אסטאַפּ מיט מאַקסים'ן זיצען אין זכריה'ס קאַרעטע וואָס איז איינגעשפּאַנט מיט צוויי פרויען — טויבע און זלאַטע... זיי שמייסען מיט אייזענע בייטשען די מיידלעך ביז בלוט... שמואל וויל שפּרינגען צו זיי, זיי ראַטעווען... זענען איהם הענד און פיס געבונדען.. ער וויל שרייען, מאַכען א געוואַלד, האָט ער נישט קיין כח... ס'פעהלט איהם אָטעם... ער הויבט אויף די אויגען און דער־זעהט ווי דער הימעל ברענט, א שרעקליך פייער האָט אָנגע־צונדען דעם הימעל... דער הימעל איז געוואָרען צושמאָלצען בליי... א ים צושמאָלצען בליי... דער ים בליי לאָזט זיך אראָפּ נידריגער, נידריגער, די ערד שפּאַלט זיך... און ער פאַלט... פאַלט... זינקט צום תהום... ער בויגט זיך אין א

זייט... ווײל נישט אריינפאלען אין תהום... און מיט א געשריי האט ער זיך אויפגעכאפט.

ס׳האט לאנג געדויערט ביז ער איז געקומען צו זיך. און ער האט געמיינט אז גאט האט איהם געשטראפט, יואס ער, א גרויסען רב׳ס א זוהן, וואס איז געקומען לערנען, האט גאר זיך געשפילט מיט א דארפס־מיידעל... ער האט געגעבען געדעכט יהודה׳ן וואס ער האט איהם געווארנט נישט צו פאהרען נאך סאבאטאווא... ער האט בעשלאסען מעהר נישט צו שפילען מיט זלאטע׳ן נאר זי לערנען צו פיהרען זיך ווי א אידישע טאכטער און זאל זי איהם תמיד געדענקען אז ער האט זי געלערנט געהן אויף גאט׳ס וועג. ער איז געווען צו־פרידען מיט דעם חלום וואס האט איהם געעפענט די אויגען.

ער האט זיך אויפגעהויבען און ארומגעוואשען און גע־טראכט אז ער וועט קענען איצט זאגען יהודה׳ן אז ער איז בייגעשטאנען דעם נסיון. זי האט איהם נישט געקענט פער־כאפען אין איהר נעץ. אז זי וועט איהם רופען, וועט ער זיך נישט אפרופען.

— שמואל! — האט ער דערהערט זלאטע׳ס שטימע.

— איך געה שוין! — האט ער געזאגט און גיך פער־געסען זיין בעשלוס און מיט איין שפרונג געווען לעבען איהר.

זי האט אויסגעזעהן פיעל שענער און איידעלער ווי פריה־ער. זיי זענען אוועק אין גארטען. זי האט איהם געגעבען ניס. דערנאך האט זי צוקנאקט א פאר ניס און די יאדרעס גע־שטופט איהם אין מויל אריין. ער האט געגעסען. זיי זענען געגאנגען און געקנאקט ניס און איינער דעם אנדערן גע־שטופט די יאדרעס אין מויל אריין.

אז זיי האבען שוין נישט געהאט קיין ניס האבען זיי זיך גענומען פאר די הענד און ארויס פון גארטען אין אפענעם פעלד אריין און געגאנגען אויף א שמאלע סטעזשקע ביז זיי זענען געקומען צום וואלד. דא האט זלאטע א בליאסק געטאן מיט איהרע טויבען־אויגען און געזאגט:

— ביים ראנגלען ביזטו געווען שטארקער. לויפען קען איך בעסער!

זי האט אויסגעטאן דאס וועסטיל און אויפגעהאנגען אויף

א בוים. זיך געשטעלט גלייך מיט איהם און אָנגעהויבען צעהלען: איינס, צוויי, דריי!

זיי האָבען זיך א ריס געטאָן פון אָרט און אָנגעהויבען לויפען. זי איז נישט געווען פלינקער פאר איהם. זיי זענען ביידע געלאָפען שנעל. טאָמער האָט ער זי איבערגעיאָגט האָט זי איהם דעריאָגט און געכאפט און געהאלטען מיט זיהרע איידעלע הענד. און אז זי איז געלאָפען פאָראויס האָט ער זי אָנגעכאפט און ארומגעכאפט און דערפיהלט ווי איהר הארץ קלאפט אזוי שטארק... און זיי האָבען זיך געזעצט אויפ׳ן גראָז אָפּרוהען.

זיי זענען געלאָפען א סך און זיך שטארק אָנגעארבייט. די פנים׳ער האָבען געפלאמט און דאָס בלוט איז געוואָרען אויפגעקאָכט. זיי האָבען זיך אָנגעקוקט מיט יונגער פרייד און זאָרגלאָזיגקייט.

זיי האָבען זיך אויפגעשטעלט און ווידער אָנגעהויבען לויפען. ער איז אָבער שוין געווען מיעד און ער האָט נישט געקענט אָניאָגען. ער האָט שוין געוואָלט געבען א גע־שריי, זי זאָל זיך אָבשטעלען, איז פלוצלונג ארויסגעשפרונגען א מאן פון די קוסטעס און געיאָגט זיך נאָך איהר. ער האָט זי אָנגעיאָגט און ארומגעכאפט:

— טימאש?! — האָט זלאטע א געשריי געגעבען פער־וואונדערט.

— איך, איך טייערע זלאטקע!

— אוועק דו ווילדער, איך וויל דיך נישט קענען! — האָט זי געזאָגט און איהם אוועקגעשטופט.

— ווער איז דאָס יונגעל וואָס געפעלט דיר בעסער פון מיר?

— ער איז א איד, מיינסגלייכען. די ביזט מיר א פרעמדער. געה דיר צו פריסקא׳ן, צו ווארקא׳ן און צו פאלאשקא׳ן! איך בין א אידישע טאָכטער!

— ער איז א איד? — האָט טימאש זיך געוואונדערט, ווייל שמואל איז געגאנגען אָנגעטאָן אין א שפּאנישען קאָסטיום.

— ער איז פון אויסלאנד אָבער א איד. ער איז ביי

אונז אין הויז. איצט אז דו ווייסט שוין אלץ געה געזונטער־הייט און שטער אונז נישט!

— צוליעב דעם זשידאק וועל איך איבערלאזען מיין געליעבטע? — האט טימאש געזאגט — מיט איין קלאפ לייג איך איהם אוועק!

ער איז צוגעשפרונגען צו שמואל׳ן און מיט זיינע גע־זונטע לאפעס איהם געוואלט כאפען פאר׳ן האלז. זלאטע האט פערשטעלט שמואל׳ן און געשריגען:

— אוועק! טשעפע איהם נישט! הרג׳ע מיך אויב עס גלוסט זיך דיר פערגיסען בלוט, נאר איהם לאז צורוה.

מיט איהרע בליקען האט זי געצוימט דעם קאזאק ווי מען צוימט א ווילדע חיה. ער האט אראפגעלאזט די הענד און זיך אפגערוקט.

---

אין דער רגע איז אנגעפאהרען א רייכע קארעטע גע־שפאנט מיט פיער פערד און ארומגערינגעלט פון זעקס בע־וואפענטע רייטער. פון גאלדענעם הערב אויף דער קארעטע האט זלאטע דערקענט אז דאס איז די קארעטע פון פירשט טשעטווערטינסקי, דער אייגענטימער פון נעמיראוו.

— דאס איז דער זאפאראזשעץ וואס האט געשלאגען ניסן׳ען לעבען דער כלאפסקער צערקווע! — האט געזאגט איינער פון די רייטער צום פירשט וואס איז געזעסען אין קארעטע מיט זיין יונגע שעהנע פירשטין.

— הרג׳עט איהם! — האט דער פירשט געגעבען א בעפעהל — וואס האט דער הונט געוואלט פון איד?

די רייטער האבען ארומגערינגעלט טימאש׳ן און געוואלט אראפלאזען די פיקעס אויף איהם.

— אוועק! פערגיסט נישט אומשולדיג בלוט! — האט זלאטע געגעבען א געשריי און פערשטעלט טימאש׳ן — פירשט! דו טארסט דאס נישט דערלאזען!! ווען א בעוואפענטע באנדע וואלט בעפאלען א מענשען וואלסטו דאך איהם בעשיצט, פארוואס זאלסטו הייסען איהם אומברענגען? דיין גוט הארץ וועט האבען חרטה אויף דעם דאזיגען מארד!

— ווער ביזטו וואס דו פערטיידיגסט דעם באנדיט? —

האָט דער פירשט געפרעגט און בעפוילען די רייטער איהם אָפּלאָזען.

— איך בין אַ אידיש מיידעל, געהער זיך נישט אָן מיט דעם רומענער. כ'קען אָבער נישט זעהען אַן אונרעכט. איך בין זיכער, גרויסער פירשט, אַז דו וועסט מיר דאַנקען וואָס איך פערמייד דיך פון פערגיסען בלוט.

—ביזט אַ אידישקע? — האָט דער פירשט זיך געוואונדערט און געגעבען אַ ווינק דער פירשטין זי זאָל אָנקוקען די וואונדערליכע זלאטע, וואָס זי האָט סיי ווי נישט אראָפּגענומען די אויגען פון איהר — אַ אידישקע? אָבער איך נעם זיך דאָך אָן פאר אַ איד וואָס ער האָט געשלאָגען?

— ער האָט גוט געטאָן — האָט זלאטע געזאָגט — אַלע אידען בענטשען איהם דערפאַר. ניסן איז נישט פון אונזערינע. מיר טאָרען זיך נישט מישען אין פרעמדע עסקים. מיר טאָרען נישט פערשוועכען יענעמס גלויבען. ווי קען דאָס טאָן אַ איד וואָס ליידט אזוי פיעל פאר זיין אמונה?

— זי איז גערעכט, כ'לעבען! — האָט דער פירשט געזאָגט צו דער פירשטין.

— די הולטייקע האָט ליעב דעם פאסקודנעם קאָזאַק — האָט די פירשטין געזאָגט שפּאָטיש.

— ניין, פירשטין — האָט זלאטע דערקלערט — אַ אידיש מיידעל וועט זיך נישט פערליעבען אין אַ נישט איד. אַ אידיש מיידעל איז געטריי איהר אמונה.

— אַ אידיש מיידעל! — האָט די פירשטין געלאכט — אַ נארישע זשידאָווקא אָנגעטאָן ווי אַן אוקריינערין, ווי אַ כלאָפּסקע מויד, דער פאסקודנער קאָזאַק האָט זי ארומגענומען און זי ריהמט זיך אַז זי איז געטריי איהר אמונה.

—אניעלקא, הער אויף — האָט דער פירשט געזאָגט — וואָס בעליידיגסטו אומזיסט דאָס שעהנע מיידעל?

זלאטע'ס פנים האָט זיך אָנגעצונדען און זי האָט געזאָגט שטאָלץ:

—פירשטין, כ'בין נישט קיין הולטייקע. איך בין אַ פראָסט אידיש מיידעל. די קליידער געפעלען מיר און דאָס אלץ. איך ליעב נישט אַ נישט איד. איך האָב ערשט

געראַטעוועט אַ אידישען בחור פון זיינע הענד. מיט דעם אידישען בחור פערברענג איך דאָ.

דער פירשט מיט דער פירשטין האָבען געקוקט אויף שמואל'ן מיט וואונדער. זיי זענען נישט געוועהנט געווען צו זעהן אַ אידען אַזוי געקליידט. שמואל איז צוגעגאַנגען צו זיי און אויף פראַנצויזיש זיי דערקלערט ווער ער איז און אַז ער איז געקומען נאָך נעמיראָוו לערנען נאָר איבער דער סכנה פון אויפשטאַנד געהט ער אהיימפאָהרען. זיי האָבען איהם בערוהיגט און געזאָגט אַז ער מעג פערבלייבען וויil דאַס פוילישע מיליטער וועט דערשטיקען דעם אויפשטאַנד גלייך פון אָנהויב.

דערנאָך האָט דער פירשט געזאָגט זלאַטע'ן:

— צוליעב דיר, שעהן מיידעל, שענק איך דעם פאַסקודנעם קאָזאַק זיין לעבען. דיין מוטה און אָרנטליכקייט געפעלט מיר. געדענק אַז פון היינט אָן וועט פירשט טשעטווערטינסקי דיר תמיד העלפען, דו ביזט איהם געפעלען!

— איך דאַנק דעם גנעדיגען פירשט! — האָט זלאַטע געזאָגט און זיך פערנייגט.

דער פירשט האָט איהר געשיקט אַ לופט קוש און אוועקגעפאָהרען. טימאַש האָט זיי נאָכגעקוקט שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ און געזאָגט זלאַטע'ן:

— טייערע, דו ביזט בעסער פאַר מיר! האָסט געראַטעוועט מיין לעבען. איך וועל דיר אייביג זיין דאַנקבאַר!

ער האָט אַרויסגענומען אַ קורצע שאַרפע שפּיז מיט אַ לעדערן שיידעל און איהר דערלאַנגט מיט די דאָזיגע ווערטער:

— האַלט דאָס פאַר אַן אַנדענקען. באַלד וועט געוועהר זיין טייערער פון די גרעסטע אוצרות. די שפּיז וועט דיך בעשיצען פון פיינד און אויפ'ן הענטיל איז אויסגעקריצט מיין נאָמען. דאָס וועט זיין אַ צייכען פאַר אונזערע מענשען אַז דו ביזט אונזער פריינד. אויב דו וועסט עפּעס דאַרפען פון מיר פאַר דיר אָדער פאַר דיינע אידען זאָלסטו קומען צו מיר. איך וועל אַלע מאָל זיין גרייט דיר צו העלפען. איצגיכען וועסטו זעהן אַז איך ווייס וואָס איך זאָג, די

שטאָלצע ליאכעס וועלען האָבען א מפּלה. דעמאָלט וועסטו מיך שוין נישט פערשטויסען!

ער איז גיך אוועק און פערשוואונדען אין וואלד.

---

עס האָט אָנגעהויבען טונקלען. א פייערדיגער באַלעם האָט זיך גערוקט אויף מערב זייט. און געניטערט אַראָפּ־אַראָפּ. דער מערב איז פערגאָסען געוואָרען מיט רויט פייער און ווי סטאַדעס שאָף האָבען זיך געטראָגען וואָלקענס אי־בער'ן בלויען הימעל. א וואונדערליך פארבען שפּיעל האָט זיך צושפּילט איבער'ן דאָרף און דער ווייטער סטעפּע. זיי זענען צוגעקומען צום וועג וואָס פיהרט א היים און פון ווייטענס דערזעהן זייער הויז טונקען זיך אין פייער.

— מען האָט נישט גוט געטאָן וואָס מען האָט דעם טאַטע איבערגעלאָזט אליין אזוי לאנג! — האָט זלאטע געזאָגט און אָנגעהויבען געהן גיך.

— ביזט גערעכט — האָט שמואל צוגעגעבען און אָנ־געהויבען געהן פלינק.

זיי זענען געגאַנגען אומעטיג. זיי האָבען געהאַט א סך עגמת נפש. טימאַש האָט איהם בעליידיגט. די פיר־שטין האָט זי בעליידיגט. און טימאַש האָט גערעדט וועגען א שרעקליכער צייט וואָס איז נאָהענט. שמואל'ן איז נישט ווילענדיג געקומען אויפ'ן געדאַנק זיין שרעקליכער חלום און זלאטע האָט זיך אָנגערופען:

— עפּיס ציטערט מיין הארץ... איך וויל שוין זיין אין הויז און זעהן דעם טאַטע, וואָלט מיר געוואָרען לייכטער.

— בערוהיג זיך — האָט שמואל געזאָגט און זיין הארץ האָט זיך געוואָרפען אין שרעק — אָט וועלען מיר באלד זיין אין דער היים און וועסט זעהן אז דיין שרעק איז אומזיסט.

—הלואי זאָל מיין שרעק זיין א פוסטע! — האָט זי גע־זאָגט מיט אַנגסטען — איך ווייס אבער אז ווען מיין הארץ שרעקט זיך איז דאס א סימן פאר אן אומגליק. שאַ! אוי! כ'הער עפּעס קרעכצען אין אונזער הויז!

—איך הער גאָרנישט — האָט שמואל געזאָגט כאָטש ער האָט יא עפּעס געהערט.

זיי האָבען אָנגעהויבען שטארק לויפען און פערביינעלאָ־

פען דעם בוים וואו זלאטעס וועסטיל האט געהאנגען. שמואל האט עס א כאפ געטהאן און ארומגעוויקעלט ארום איהר האלז און זיי האבען דערהערט א שרעקליך געשריי פון זייער הויז ארויס.

— אוי ! וואס איז געשעהן ! — האט זלאטע געשריגען דערשראקען און אנגעהויבען לויפען גיכער.

—אוי ! זלאטקע ! זלאטקע ! — האבען זיי דערהערט א פרוי שרייען.

— אוי ! יעוודאכא ! יעוודאכא ! — האט זלאטע גע־שריגען ווילד.

—די פערפלוכטע ליאכעס האבען איהם אוועקגעשלעפט !

—האט די אלטע דינסטמויד געיאמערט.

—וועמען ? זאג ! וועמען ?

—מיין הערר ! דיין פאטער ! מיין הארץ ! מיין נשמה ! מיין טייבעל ! מיין פויגעלע ! זיי האבען איהם אוועקגענו־מען ! וואו וועל איך זיך אהינטאן ?

זלאטע איז געפאלען חלשות.

—מיין טייער טייבעלע ! — האט די אלטע דיענסט גע־קלאגט — ביזט איצט א קיילעכיגע יתומה. נישט קיין מאמע און נישט קיין טאטע !

שמואל האט אויפגעהויבען זלאטע'ן און זי ארייגגע־טראגען אין שטוב אריין. ער האט זי בעשפריצט מיט וואסער און די אלטע גויע האט זי געריבען מיט בראנפען און זיי האבען זי דערמינטערט.

ווי זי איז נאר געקומען צו זיך איז זי ארויס אין דרויסען און געוואלט ערגעץ לויפען. זיי האבען זי קוים איינגעהאלטען און זי האט זיך געווארפען אויף דער ערד און געשריגען אזוי מורא'דיג.

מיט גרויס מיה האט שמואל זי אביסעל איינגעשטילט און די אלטע דינסט האט דערצעהלט ווי עס איז געשעהן.

מיט זונאונטערגאנג איז אנגעריטען א באנדע טשאפ־לינסקי'ס קנעכט בעוואפענט און ארומגערינגעלט ס'הויז. א בעאמטער איז געקומען צופאהרען אויף א קארעטע און זיי געהייסען בינדען יעקב'ן און ארויפלייגען אויף דער קארעטע.

יעקב האט זיך געבעטען ביי זיי מען זאל איהם זאגען פאר־

וועלכע זינד ער וועדט ארעסטירט, נאָר דער בעאמטער האָט האָט איהם נישט געוואָלט זאָגען.

—אין "הויף" וועסטו געוואָהר ווערען! — האָט ער געזאָגט און איהם פערנומען.

די קנעכט האָבען אויסגערויבט דאס הויז און זי געשלאָגען מערדערליך און אוועק אין שטאָדט אריין.

זלאטע האָט זיך אויפגעשטעלט, ארויסגענומען דאס שפּיזעל און געשריגען:

—טאטע! טאטע טייערער! איך וועל דיך ראטעווען! איך וועל דיך ראטעווען! מיין לעבען וועל איך אוועקגעבען פאר דיר!

זי האָט זיך געלאָזט צו דער טיר נאכיאָגענדיג די רייטער. שמואל האָט זי אָפּגעהאלטען זאָגענדיג אז זי וועט זיי נישט דעריאָגען. ער האָט זיך דערמאנט אָן בייזען חלום און ער האָט שוין געזעהן זיין אָנהויב. און ער האָט געזאָגט:

—זכריה האָט דאָך איינפלוס אין "הויף", לאָמיר געהן צו איהם וועט ער ראטעווען אייער פאטער.

זי האָט לאנג געטראכט און זיך אויפגעהויבען.

—לאָמיר געהן אין שטאָדט אריין — האָט זי געזאָגט.

— ביינאכט וועט מען גאָר נישט אויפטאָן — האָט ער גע'טענה'ט — מיר'ן געהן מיט'ן טאָג צוגלייך.

זי האָט אָבער נישט געוואָלט הערען דערפון. זי האָט גאָרנישט געוואָלט נעמען אין מויל אריין. נאָר זיך איבערגעטאָן און מיט שמואל'ן אוועק אין שטאָדט אריין.

זיי זענען געגאנגען אין דער סטעפּע און זי האָט איצט נישט געטראכט פון שדים און נישט אויסגערעדט א וואָרט. זיי זענען אריין צו זכריה'ן און געטראָפען אלעמען רוהיג ביים עסען. דערזעהענדיג זיי זענען אלע אויפגעשפרונגען דערשראָקענע. טויבע האָט געקוקט אויף זלאטע'ן מיט שמואל'ן און אוועק צו זיך אין צימער. יהודה איז צוגעגאנגען צו שמואל'ן און געקוקט אויף איהם פערוואונדערט. פּלוצלונג האָט זלאטע זיך צואויינט און געשריגען:

—אונזער יום טוב איז פערשטערט. אייך איז פרעהליך און מיר האָבען אזא בראָך! העלפט מיר! ראטעוועט מיין טאטע!

טויבע איז אריינגעלאָפען, זכריה איז געשטאַנען צומישט נאָר מאריאַשע איז געשטאַנען רוהיג, ווי עס אַרט זי גאָר־נישט. יהודה האָט אויפגעציטערט און געפרעגט זלאַטע׳ן וואס ס׳איז געשעהן. זי האָט אבער נישט געקענט רעדען און שמואל האָט דערצעהלט וואס פאר אן אומגליק עס האָט גע־טראָפען.

טויבע האָט ארומגעכאַפּט זלאַטע׳ן און שטארק געוויינט. מאריאַשע האָט געוואָלט אָפּרייסען טויבע׳ן נאָר זי האָט זיך נישט געלאָזט. זכריה איז אויך צוגעגאַנגען און שטיל גע־זאָגט:

—זלאַטע, בערוהיג זיך, באַלד אינדערפריה געה איך אין ״הויף״ אריין געוואָהר ווערען וואָס טשאַפּלינסקי האָט צו איהם. מיט׳ן אויבערשטענס הילף וועל איך איהם ראַטע־ווען.

—איך מיט שמואל׳ן וועלען אויך געהן צום פריץ — האָט יהודה געזאָגט.

—אייער געהן וועט נישט העלפען — האָט זכריה זיך אָנגערופען — דער פריץ וועט אייך נישט אויסהערען. איך וועל געהן און אַלץ וועט זיין גוט.

—איך וועל מיר דיר מיטגעהן, זכריה! — האָט געזאָגט זלאַטע — ער וועט מיר מוזען אָפּגעבען מיין טאַטע.

—איך געה אויך! — האָט טויבע געזאָגט — אונזערע טרערען וועלען ווייך מאַכען זיין הארץ, ער וועט דיר אָבגעבען דיין טאַטע.

—ניין, טאָכטער, דו קענסט נישט געהן! — האָט מאַר־יאַשע אַ זאָג געטהאָן — עס פּאַסט נישט פאר אַ אידיש מיי־דעל צו געהן צום פריץ...

— וואָס טויג מיר אייער רעדען — האָט זכריה זיי אי־בערגעשלאָגען — איהר בלייבט דאָ און פערלאָזט זיך אויף מיר. מאָרגען אינדערפריה געה איך. זלאַטע, בערוהיג זיך, עס עפּעס און דו, שמואל, כאָטש ביזט נישט מיין גאַסט, מעגסטו אויך מיטעסען...

— ווי קען איך עסען אז דער טאַטע ליגט אין תפיסה? — האָט זלאַטע געיאָמערט.

— ביזט גערעכט, זלאַטע — האָט זכריה געזאָגט

רחמנות׳דיג — אָבער ס׳טויער איז איצט געשלאָסען, ווי וועל איך קענען אריינגעהן אין הויף?

— איך וועל געהן — האָט זיך אָנגערופען הארפינא — איך האָב א בעקאַנטען אין "הויף". ער וועט עפענען ס׳טויער. איך וועל עס טאָן פאר זלאטקא׳ן, זי איז א גוט מיידעל. מיר מוט וועה פאר איהר.

— אונזער גאָט וועט דיר בעצאָהלען, גוטע פרוי — האָט זלאטע געזאָגט — איך וועל דיך בעזונדער בעלוינען.

טויבע האָט גענומען א טישטוך און אנגעלייגט מיט מצות, פיש און פלייש און א פלאַש וויין און געגעבען האר־פינא׳ן און זי געהייסען גלייך געהן. מאריאשע איז געווען אומצופרידען. זי האָט אָבער געשוויגען.

---

עס איז געוואָרען שטילער אין הויז. די קינדער האָבען זיך געלייגט שלאָפען. זלאטע מיט שמואל׳ן האָבען זיך גע־זעצט צום טיש. שמואל האָט געמאַכט קידוש און גיך אָפּגע־זאָגט די הגדה און געגעסען. זלאטע האָט טויבע׳ן צוליעב געטאָן און אויך עפּיס געגעסען. באלד זענען טויבע מיט זלאטע׳ן אוועק אין א צימער און יהודה האָט גענומען שמואל׳ן צו זיך אין צימער און געזאָגט שטיל, געהענדיג אויף־און אָפּ:

— איצט זעהסטו אז כ׳בין געווען גערעכט ווען כ׳האָב דיך געוואָרנט נישט צו בלייבען אין סאבאטאַווא! ווען איך וואָלט דאָרט געווען וואָלט נישט געקומען דאָס אומגליק!

— איך פערשטעה דיך נישט! וואָס וואָלסטו געטאָן ווען דו ביזט דאָרט?

—איך וואָלט גאָר נישט געטאָן. נאָר זייערע שונאים וואָלטען נישט געבראַכט ס׳אומגליק!

— ביזט אזא תקיף ביי טשאפּלינסקי׳ן מיט זיינע קנעכט

— האָט שמואל געפרעגט מיט פערדראָס — אז זיי וואָלטען איהם נישט פערנומען?

— איך מיין נישט טשאפּלינסקי׳ן! דו האָסט קיין שכל נישט, פערשטעהסטו נישט. מיר וועלען מאָרגען יא געהן אין "הויף" אריין כאָטש זכריה וויל נישט און דאָרט וועסטו

אלץ געוואָהר ווערען. הלואי מאך איך אַ טעות, וועל איך דיך איבערבעטען!

— דערקלער מיר וואָס דו מיינסט דערמיט! — האָט שמואל איהם געבעטען.

ער האָט אָבער מעהר נישט געוואָלט רעדען. ער האָט זיך געלייגט און שווער געזיפצט. שמואל האָט זיך אויך געלייגט און נישט געקענט איינשלאָפען. זלאטקע אין איהר פרייד און צער איז געשטאַנען פאר זיינע אויגען. פאַרטאָג איז ער ערשט איינגעשלאָפען און באלד האָט יהודה איהם אויפגעוועקט..

— לאָמיר געהן דאוונען מיט'ן ערשטען מנין און געהן צום בייזען פריץ — האָט ער איהם איינגערוימט.

— מיט זכריה'ן אינאיינעם?

— מען מוז געהן מיט איהם אינאיינעם. ער זאָל נישט ווערען אין כעס.

אלע האָבען נאָך געשלאָפען ווען זיי זענען געגאַנגען אין שוהל אריין. קומענדיג אהיים האָבען זיי שוין געטראָפען אלעמען אָנגעטאָן און זכריה איז געשטאַנען גרייט צו געהן אין ״הויף״ אריין.

— וואָס האָט איהר עפּעס געדאוונט מיט'ן ערשטען מנין? — האָט זכריה געפרעגט.

— אין פּוילען זענען ישיבה בחורים זיך אזוי נוהג — האָט יהודה איהם דערקלערט — קען מען שפּעטער לערנען און געהן אַ ביסעל שפּאצירען.

— וואָס איילסטו זיך אין ״הויף״ אריין? — האָט מאריאשע זיך אָנגערופען — וועסט פערשפּעטיגען ס'דאווענען און די קינדער וועלען מוזען געהן אליין אין שוהל. געה איצט אין שוהל אריין ווי גאָט האָט געבאָטען. נאָכ'ן עסען וועסטו געהן צום פּאַן.

— אַנדערע איז גרינג צו טאָן ווי גאָט האָט געבאָטען — האָט זלאטע געזאָגט מיט טרערען — איך קען זיך אָבער נישט דערוואַרטען, און ווי שווער איז דעם טאַטע צו זיצען אין תפיסה אין הייליגען יום-טוב!

— ס'איז שוין נישט געווען די פרעהליכע לעבעדיגע זלאטע פון נעכטען. איבערנאַכט האָט זיך אראָפּגעלאָזט אויף

איהר די עלטער. די אויגען ארויסגעקראָכען, דאָס פּנים בלאָס און איינגעפאלען, עס האָט געריסען ס'הארץ צו קוקען אויף איהר.

— טאַטע, כ'בעט דיך, געה שוין, וועסט שפּעטער דאווענען ! — האָט טויבע איהם געבעטען.

ער האָט שוין געוואָלט געהן, האָט יהודה זיך אריינגעמישט :

— איך גלויב אז די בעל־הבית'טע איז גערעכט. דער פריץ שלאָפט נאָך. ביז ער וועט אויפשטעהן קענט איהר דערווייל אָפּדאווענען און מען וועט פערשפּאָרען אייך בערעדען אז איהר געהט נישט דאווענען.

זלאטע האָט אויפגעציטערט. טויבע האָט געקוקט אויף איהם מיט אָפענעם כעס און שמואל האָט נישט פערשטאַנען פארוואָס יהודה האָט דאָס געטאָן. טוט ער דאָס אין כעס אויף זלאָטע'ן וואָס זי האָט איהם נישט פערבעטען צו זיך אויף יום־טוב ? איז ער אזוי פערדאָרבען ?

— דאָס הייסט א קלוגער בחור — האָט מאריאשע געזאָגט — וואו תורה דאָרט חכמה !

די שמשים זענען אריינגעקומען נאָך זכריה'ן און ער איז מיטגעגאנגען מיט זיי.

יהודה איז אריין אין צימער פון דער דינערשאפט, באלד איז ער ארוים און א שלעפּ געטאָן שמואל'ן נאָך זיך, זאָגענדיג אויפ'ן אויער :

— לאָמיר איצט געהן צום פּריץ. נאָר זאָלסט מיך לאָזען פריהער רעדען און דו וועסט בעשטעטיגען מיינע רייד.

---

זיי זענען צוגעקומען צום "הויף" און יהודה האָט זיך געפרעגט אויף זאכאר'ן, הארפינא'ס פריינד. ער האָט זיי געפיהרט צום פּאַלאַץ און איבערגעגעבען צו טשאַפּלינסקי'ס לאקיי. יהודה האָט דעם לאקיי געגעבען עטליכע מטבעות און געפרעגט צי זיי קענען איצט זעהן דעם פּאַן

— באלד. ער טוט זיך שוין אָן.

זיי האָבען לאנג געוואַרט ביז זיי האָבען דערהערט טשאַפּלינסקי'ס טריט. דער לאקיי האָט געעפענט די טיר

און זיי האָבען זיך פערנייגט און איהם בעגריסט. ער האָט זיי דערקענט און געזאָגט :

— דזשען דאברי, ירושלים׳ער אריסטאָקראַטען ! איהר זענט שוין דאָ צוריק פון בראָד ? וואָס מאַכט עפּעס גראַף אַלעקסאַנדער ?

— אויסגעצייכענט ! — האָט יהודה געענטפערט — ער האָט אונז געהייסען אייך גריסען און ער איז זעהר צופרידען מיט אייך, ער שטאָלצירט מיט אייך !

— מיר האָבען אויך געזעהן פירשט טשעטווערטינסקי מיט פירשטין אניעלא, אז מיר האָבען זיי דערצעהלט אז מיר האָבען אייך בעגעגענט אין טשיגירין, האָבען זיי אייך שטאַרק געלויבט — האָט שמואל געזאָגט.

ער האָט זיי געבעטען זיצען און גלעטענדיג די וואָנסעס געזאָגט :

— יאָ, די גרעסטע רעגירונגס־לייט ווייסען אז איך בין דער פעסטער זייל וואָס די גאַנצע אוקריינישע שליאַכטע שטיצט זיך אויף מיר. פריהער האָב איך געוויזען די טאַטערן מיין מאַכט אונטער דעם העטמאַן קאָניעצפּאָלסקי, איצט פיהלען דאָס די פערפלוכטע כלאָפּעס. זייער אויפשטאַנד וועט זיי נישט העלפען. איך בין הערשער.

— איז דאָס אמת אז אַ קאָזאַק איז אוועק צו די טאַטערן שליסען אַ בונד און בעפאַלען די מדינה ? — האָט יהודה געפרעגט.

— מען זאָגט אזוי — האָט טשאַפּלינסקי געענטפערט — זאָלען זיי נאָר אָנקומען. איך וועל זיי צוטרעטען. כמעל־ניצקי וועט זיך אויך נישט ראַטעווען. ווען נישט דער פער־פלוכטער זשיד יעקב, וואָס האָט איהם געהאָלפען אַנטלויפען וואָלט ער שוין לאַנג געהאַנגען ביי מיר אויף אַ בוים. נאָר איצט וועל איך דעם זשיד אויפהענגען אויף זיין אָרט.

שמואל האָט אָנגעהויבען ציטערן. יהודה האָט איהם גע־געבען אַ ווינק ער זאָל זיך בעהערשען און ער האָט גע־זאָגט :

— דער פּאַן איז דער קליגסטער. אָבער זאָל דעם פּאַן נישט פערדריסען ווען איך וועל זאָגען, אז עס לייגט זיך נישט

אויפ׳ן שכל, אז א איד זאָל העלפען דיין שונא צו אנטלויפען. אפשר איז דאָס א פאַלשער בלבול ?

— אן עהרליכער מאן האָט מיר דאָס דערצעהלט. זיינער אן אייגענער, וואָס איז מיר געטריי האָט מיר דאָס אויס־געזאָגט.

יהודה האָט א קוק געטאָן אויף שמואל׳ן און גערעדט ווייטער :

— ווייל איך ווייס אז דער פאָן איז גנעדיג און גוטהער־ציג וועל איך אנטפּלעקען א סוד : דער אמת איז אז זכריה איז בייז אויף יעקב׳ן איבער דעם נייעם חתן וואָס זכריה האָט אויסגעקליבען פאַר זיין טויבע און יעקב האָט איהם אָפּגענאַרט און איהם גענומען צו זיך פאַר זלאַטע׳ן. זכריה האָט דעם פּאָן וועגען דעם אַלעם גאָרגישט דערצעהלט, נאָר איהם פער׳מסר׳ט פאלש אָפּצורעכענען זיך מיט איהם. אויב ער מיינט אַלץ עהרליך וואָס האָט ער דעם פּאָן גאָר נישט דערצעהלט ?

טשאפּלינסקי איז אויפגעשפּרונגען א צוקאָכטער, זיך אָנגעגאָסען א גלאָז בראנפען און אויסגעטרונקען און גע־זאָגט :

— ביזט גערעכט. איך וועל איהם אריינשלעפּען אין שטאַל און אָפּשינדען די הויט פון איהם. זלאַטע וועט אָבער נישט חתונה האָבען מיט א זשי... מיט א "סטאראָזאַקאָני". זי איז פערליעבט אין טימאש כמעלניצקי, מיין שונא׳ס זוהן.

— דער פּאָן וועט מיר ענטשולדיגען — האָט שמואל זיך שוין נישט געקענט איינהאַלטען — איך ווייס אז זלאַטע איז אן עהרליך קינד. זי וועט זיך נישט פערליעבען אין א נישט־איד !

— וועמען דערצעהלסטו מעשות ? — האָט טשאַפּלינסקי געזאָגט שטאָלץ — מאריאשע איז איצט גאָר א צנועה און איך ווייס גאָר א סך... זי איז דאָך זלאַטע׳ס אן אייגענע און ווייס ווי צולאָזט זי איז !

שמואל האָט עפּיס געוואָלט זאָגען, יהודה האָט איהם א ווינק געטאָן צו שווייגען און געזאָגט :

— דאָך בין איך זיכער אין אייער גנעדיגקייט אז ווען

זלאטע זאָל קומען בעטען פאר איהר פאָטער וועט איהר זיך דערבארמען און איהר צוליעב טאָן.

משאפלינסקי האָט אַ ציה געטאָן אַ וואָנסע און געענט־פערט :

— רעדסט נישט קלוג. איהר פאָטער איז אַ פערדעטער. איך בין געטריי אונזער רעגירונג. ווי קען איך דאָ האָבען רחמנות ? נאָר... זאָל זי קומען, וועלען מיר זעהן....

ער האָט אראָפגעלאָזט נאָך אַ גלאָז בראנפען און גערעדט ווייטער :

— כ'האָב געזאָגט אַ וואָרט, קען איך עס נישט צוריק־נעמען סלאווא האנארו. אויב זלאטקע וויל ראטעווען איהר פאָטער פון טויט, מוז זי מיר אוועקגעבען איהר לעבען. נישט צו שטארבען פאר איהם, נאָר צו לעבען אַ רייך ראסקאשנע לעבען ווי אן אדעלטאָכטער. דערמיט וועל איך נעמען צום צווייטען מאָל נקמה אן מיין שונא כמעלניצקי. זיין געליעב־טע האָב איך צוגענומען מיט דער בעוואפענטער מאַכט. איצט וועל איך צונעמען זיין זוהן'ס געליעבטע. איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, איהר געפעלט מיר, ווייסט אז ווען כ'האָב פערנומען יעקב'ן האָב איך געפיהלט אז זלאטקע וועט שוין נישט אנטרינען פון מיינע הענד, כ'האָב דערפאר נישט בע־פוילען מיינע קנעכט זיי זאָלען זי אויך פערנעמען, איך קען זי, זי האָט אַ קאָזאצקע נשמה, מיט מאכט קען מען זי נישט קריגען. נאָר צו ראטעווען איהר פאָטער'ס לעבען וועט זי איינגעהן. דאָס לעבען פון איהר פאָטער איז אין איהרע הענד. סלאווא האנארו, אז זי וועט וועלען וועל איך איהם בעפרייען...

יהודה האָט מיט אַ געצוואונגענעם שמייכעל געזאָגט :

— דאָס קען נישט איינפאַלען אַ פראָסטען קאָפּ. דערצו מוז מען זיין אַ געבוירענער אריסטאָקראט. איך דענק אָבער אז ווייל זלאטע האָט אזוי שטארק ליעב איהר פאָטער איז גלייכער איהר זאָלט איהם בעהאנדלען מיט גענאָד. מען זאָל איהם היינט קענען ברענגען כשר עסען פון זכריה'ן און זלאט־קע זאָל מיט איהר דינסט איהם קענען שיקען עסען. אפשר וועט זכריה אייך העלפען איבעררעדען זלאטע'ן, זי זאָל אייך פאָלגען ? ער איז דאָך איהר קרוב.

— ריכטיג ! — האָט טשאַפּלינסקי געזאָגט אייסלויידי־גענדיג נאָך א גלאָז בראַנפען — זכריה׳ן וועל איך פריהער נישט מוחל זיין ביז ער וועט געווינען פאַר מיר זלאָטקע׳ן.

זיי האָבען זיך פערנייגט און צוריקגעגאַנגען אין שטאָדט אריין.

---

— איצט זעהסטו שוין וואָס דו האָסט געטאָן יעקב׳ן מיט דיין נישט פאָלגען מיין עצה ? — האָט יהודה איהם געפרעגט.

— כ׳זעה וואָכערע פערדאָרבענע מענשען זכריה מיט זיין ווייב זענען. ווי אזוי טראָגט זיי די ערד ? — האָט שמואל געקריצט מיט די ציינער — אָבער וואָס בין איך שולדיג פאַר זייער רשעות ?

— אז דו פערשטעהסט נאָך נישט, וועל איך דיר דער־קלערען. זכריה מיט׳ן ווייב ברענען ווי א פייער פאַרוואָס דו ביזט פערבליבען אויף יום־טוב ביי יעקב׳ן. באלד ווי איך בין געקומען צו זיי מיט יעקב׳ס משרת — האָט יהודה איהם דערצעהלט — זענען אלע געוואָרען אנגעבמורעט. טויבע איז אוועק אין איהר צימער. אז מאַריאַשע האָט זי גערופען צום טיש, האָט זי געוויינט. איך האָב געהערט ווי מאַריאַשע האָט געשאָלטען מיט ביטערע קללות יעקב׳ן מיט זלאָטע׳ן און זי האָט געשוואוירען אז זי וועט נעמען נקמה און זיי פער־שטערן דעם יום־טוב !

איך פיהל זיך דאָ ווי אויף הייסע קויהלען. טויבע קוקט נישט אויף מיר. מאַריאַשע קוקט אויף מיר בייז, ווי איך וואָלט געוועזן שולדיג, און זכריה שווייגט. כ׳האָב אָבער גע־וואוסט אז ער איז פערביטערט און ער טראָגט זיך ארום מיט בייזע געדאנקען אויף יעקב׳ן.

נעכטען נאכמיטאג זענען זכריה און מאַריאַשע אוועק אין ״הויף״ אריין און געקומען זעהר צופרידען. דאָס האַרץ האָט מיר גלייך געזאָגט, אז זיי האָבען שוין גענומען נקמה. צו פערדעקען זייער רשעות זענען זיי געוואָרען זעהר גוט צו מיר. אויף טויבע׳ן האָבען זיי זיך נישט אומגעקוקט. זיי האָבען אויסגעפיהרט זייער שוידערליכען פּלאַן !

— וואָס קען מען איצט טאָן ? — האָט שמואל געפרעגט
— דענקסט ס'איז דאָ אַ האָפנונג צו ראַטעווען יעקב'ן ?
— זכריה'ן טוט שוין באַנג. ווער ווייס צי ער וועט אָבער־נאָך קענען ראַטעווען יעקב'ן ? דערפאַר האָב איך געגעבען האָפנונג דעם פריין אויף זלאַטע'ן, ער זאָל דערווייל נישט טויטען יעקב'ן, ביז ער וועט זעהן אַז זלאַטע'ן קען ער נישט קריגען וועט מען אפשר ארויס'גנב'ענען יעקב'ן. כ'האָב גע־הערט, אַז כמעלניצקי האָט געשריבען צום קעניג און די העטמאַנען און זיך פערענטפערט וואָס ער איז געגאַנגען צו די זאַפּאָראָגער קאָזאַקען נאָך הילף. דאָס האָט ער געטאָן ווייל טשאַפּלינסקי האָט איהם געטאָן פיעל שלעכטס. און אויב דער קעניג וועט איהם העלפען קעגען טשאַפּלינסקי'ן בלייבט ער ווייטער אַ געטרייער דינער דער רעגירונג. מען זאָגט אַז דער קעניג האַלט מיט כמעלניצקי'ן ווייל ער האָפט אויף איהם, אַז ער וועט מיט די זאַפּאָראָזשצעס געהן אויף מלחמה מיט די טערקען.

נאָר די שליאַכטאַ לאָזט דאָס נישט צו. אפשר וועלען זיי איצט איבער דער געפאַהר וואָס הענגט איבער זייערע קעפּ פון כמעלניצקי'ס בונד מיט די טאַטערן ווערען בעכער. דע־מאָלט וועט טשאַפּלינסקי בעקומען זיין שטראָף און יעקב וועט ווערען בעפרייט און נאָך בעלוינט ווערען, ווייל ער איז געטריי כמעלניצקי'ן. באַלד וועט מען וויסען וואָס די שליאַכ־טאַ האָט בעשלאָסען.

— אויב דאָס וועט לאַנג דויערן וועט טשאַפּלינסקי דערווייל הרג'ענען יעקב'ן ! — האָט שמואל געזאָגט.

— מיר וועלען נישט זיצען מיט פערלייגטע הענד. מיט דער הילף פון האַרפּינאַ'ס פריינד וועלען מיר ארויס'גנב'ע־נען יעקב'ן. אָדער זלאַטעס בעקאַנטע קאָזאַקען וועלען בע־פאַלען די תפיסה און איהם בעפרייען. אונזער גאַנג צום פריץ האָט זיך געלוינט. מיר האָבען אַלץ געוואָהר געוואָרען און מיר וועלען העלפען זלאַטע'ן צו בעפרייען איהר פאָטער. איך האָב אייגענטליך געזאָלט אוועקפאָהרען דעם ערשטען טאָג חול המועד — האָט יהודה געזאָגט, — איצט וועל איך שוין נישט פאָהרען ביז מיר'ן ראַטעווען יעקב'ן.

— וואו וועלען מיר געהן ? — האָט שמואל געפרעגט

— מיר קענען דאָך שוין נישט בלייבען אין דעם שרעקליכען הויז.

— זיכער נישט. זלאַטע טאָר אויך דאָרט מעהר נישט זיין, מיר דאַרפען איהר אַלץ אויסזאָגען. אָבער היינט וועלען מיר נאָך זיין דאָרט, הערען וואָס זכריה האָט אויפגעטאָן מיט זיין געהן אין „הויף".

ווי זיי ריידען אזוי קומט אָן זלאַטע.

הארפינא האָט איהר געגעבען אָן אנצוהערעניש אז זכריה מיט מאַריאשע'ן האָבען פער'מסר'ט איהר פאָטער. הארפינא האָט איהר אויך געזאָגט אז יהודה האָט זיך ביי איהר נאכגעפרעגט ווי עס הייסט איהר פריינד אין הויף. זלאַטע האָט דערפון געדרונגען אז יהודה האָט איהם אָפּ־געראַדט פון געהן פאַר'ן דאוונען אין הויף, כדי זיי זאָלען זיין דאָרט פריהער, האָט זי זיך ארויסגע'גנב'עט און זיי נעגאנגען אקעגען.

יהודה האָט איהר אַלץ דערצעהלט, קיין וואָרט נישט פער־הוילען. זי האָט שרעקליך געציטערט און געזאָגט מיט ווייטאָג:

— אוי, וועה, מיין גוטע טויבע, זי איז נאָך אומגליקלי־כער פאַר מיר! זי האָט אזעלכע פערדאָרבענע עלטערן!

---

ווען זיי זענען געקומען אין הויז אריין איז זכריה אָנ־געקומען פון שוהל. ער האָט געמאַכט קידוש און זיי האָבען מיט עקעל פערזוכט א ביסעל וויין און א שטיקעל קיכעל. זכריה איז אוועק אין הויף אריין און הארפינא האָט אוועקגע־טראָגען א טישטוך פול עסענווארג.

שמואל מיט יעקב'ן זענען אריין אין צימער וואו טויבע מיט זלאַטע'ן זענען געזעסען. טויבע האָט פון גאָרנישט גע־וואוסט. זי איז זיכער געווען אז דער פאָטער וועט ראַטעווען יעקב'ן. און זי האָט געהאַלטען אין איין טרייסטען זלאַטע'ן.

אָבער וואָס פאַר א ווירקונג האָבען געקענט האָבען איהרע טרייסט־ווערטער אויף זלאַטע'ן וואָס האָט געוואוסט דעם שרעקליכען אמת! זלאַטע האָט ווייטער געפיהלט דיזעלבע ליעבע צו טויבען און אפילו נישט בעמערקט ווי טויבע קוקט מיט אזוי פיעל ליעבע אויף שמואל'ן...

א צוויי שעה איז זכריה געווען אין הויף און נעקומען צוריק מיט אן אראפּגעלאָזטען קאָפּ. אלע האָבען פערשטאַנען אז ס'איז נישט גוט און טרויריג געשוויגען. נאָר מאַריאַשע איז געווען אויפגעלייגט און ביים עסען שטארק צוגעקוקט שמואל'ן און איהם אלעמאל געבעטען ער זאָל עסען. שמואל האָט געוואָלט אנטלויפען פון טיש. יהודה האָט איהם אָבער איינגעהאַלטען.

נאָכ'ן עסען איז זכריה אוועק מיט מאַריאַשע'ן אין א בעזונדער צימער און מען האָט געהערט ווי ער שרייט און בייזערט זיך אויף איהר. נאָר וואָס זיי האָבען גערעדט איז געווען שווער צו הערען. דערנאָך איז מאַריאַשע ארויסגע־קומען און געזאָגט זלאַטע'ן :

— זכריה האָט גאָרנישט גע'פּועל'ט. דער פּאַן איז שטארק אין כעס. דאַרפסט זיך אָבער נישט מייאש זיין. דו קענסט איהם ראַטעווען. ביזט שעהן און קלוג. געה, צום פּריץ און בעט איהם. איך ווייס אז ער וועט דיר נאָכגעבען. דאָס וואָס א שעהן מיידעל פּועל'ט ביי א פּריץ מיט איהר שעהן פּנים קענען דאָס נישט טויזענט גבירים מיט זייערע פערמעגענס.

שמואל איז אויפגעשפּרונגען. יהודה האָט זיך קוים איינ־געהאַלטען. נאָר זלאַטע האָט געזאָגט רוהיג :

— איך בין זיכער אז דו ווילסט נישט ברענגען קיין שאַנד אויף אונז. האָסט דאָך אויך א טאָכטער. כ'האָב אָבער מורא צו געהן אליין, קום מיט מיר.

— גוט. איך וועל מיטגעהן — האָט מאַריאַשע געזאָגט.

— זאָלסט זי נישט פאָלגען ! — האָט זכריה געשריגען — זלאַטע, דאָס מיינט פאַר דיר שאַנד !

— איך וועל אוועקגעבען טויזענט מאָל מיין לעבען פאַר מיין טאַטע — האָט זלאַטע געזאָגט — איך וועל אָבער נישט ברענגען קיין שאַנד אויף זיין קאָפּ.

מאַריאַשע האָט געשוויגען בייז.

פאַרנאַכט איז זלאַטע ארויס פון הויז זוכען זייער משרת וואָס האָט אָפּגעפיהרט ערב יום־טוב יהודה'ן און ער איז פער־בליבען אין טשיגירין און ווייס נישט פון אומגליק. זי איז

אַוועק מיט'ן געדאַנק די דאָזיגע בייזע שוועל מעהר נישט איבערצוטרעטען.

טויבע האָט זי געבעטען זי זאָל בלייבען ביז איהר פאָטער וועט ווערען בעפרייט. זלאַטע האָט אָבער געזאָגט אז זי קען נישט לאָזען דאָס הויז אליין. זי וועט אָפט קומען אין שטאָדט אריין געוואָהר ווערען וואָס ס'הערט זיך מיט'ן פאָטער. זי האָט זיך צוקושט מיט טויבע'ן און איז ארויס נישט זאָגענדיג קיין וואָרט צו זכריה'ן מיט מאַריאַשע'ן.

די נאַאיווע טויבע האָט זיך געוואונדערט און נישט פערשטאַנען וואָס דאָס בעטייט. זי האָט זיך נאָך מעהר געוואונדערט ווען זי האָט געזעהן שמואל מיט יהודה'ן געהן ארויס, זאָגען איהר א גוטע נאכט און קוקען נישט אויף איהרע עלטערן. ווי צוטומעלט איז זי געוואָרען ווען יהודה האָט איהר געזאָגט אז אויפדערנאכט וועט ער שיקען יעקב'ס משרת נאָך זיינע זאַכען. זכריה מיט מאַריאַשע'ן האָבען פערשטאַנען אז די בחורים האָבען געוואָהר געוואָרען דעם אמת. זכריה'ס פנים איז געוואָרען שווארץ פאר חרטה. מאַריאַשע האָט אָבער א זאָג געטאָן:

— טויבע, זעהסט די הולטייקע! זי שלעפט זיך איצט מיט די יונגען. זיי זענען נישט בעסער פאר איהר.

הארפינא האָט זיך ארויסגע'גנב'עט פון קיך און געלאָפען צו זלאַטע'ן און איהר דאָס איבערגעגעבען. זי האָט איהר אויך געזאָגט, אז אלע רוטענישע קנעכט פון הויף זענען אנטלאָפען, נאָר איהר זאכאר איז פערבליבען, איצט זענען דאָ אין הויף בלויס פּאָליאַקען. דער פאן האָט געבראכט צוואַנציג בעוואפענטע סאָלדאַטען און ס'איז אונמעגליך ארויסצו'גנב'ענען יעקב'ן. גאָט זאָל העלפען זיין הילף זאָל קומען אויף אן אַנדער וועג.

— די הילף וועט קומען! — האָט זלאַטע געזאָגט פעסט.

הארפינא איז גיך צוריקגעלאָפען, מען זאָל זיך נישט באַפּען אז זי איז ערגיץ געוועזען. שמואל מיט יהודה'ן האָבען גענומען זלאַטע'ן און מיט איהר געגאַנגען נאָך סאַבאַטאַווע. איהר אַלטע דינסט האָט אויסגעבראָכען אין א געוויין אז זי האָט יעקב'ן נישט געזעהן, זלאַטע האָט זי געטרייסט אז אינגיכען וועט ער קומען. איהר פּנים איז געוועזען בלאַסער ווי

פריהער, אָבער די אויגען האָבען געשפּריצט פייער און עס איז געווען קענטיג אז זי האָט אָנגענומען א פעסטען בעשלוס.

פאר׳ן שלאָפען געהן האָט זלאַטע זיי בעשוואוירען אז זיי זאָלען נישט פערלאָזען ס׳הויז ביז דער פאָטער וועט זיך אומ־קערען. דער משרת איז אוועק שלאָפען אין דער ברויעריי, יהודה מיט שמואל׳ן האָבען זיך געלייגט אין פאָטערס בעט און זלאַטע איז איועק אין אויבערשטען צימער.

פארטאָג האָבען זיי זיך אויפגעכאַפּט איבער דער אַלטער דינסט געשרייען. די אַלטע האָט געקלאָגט אז זלאַטקע איז אויך פערשוואונדען. זיי זענען אוועקגעלאָפען אין ברויעריי אפשר וויים דער משרת וואו זי איז? איז ער אויך נישט געווען. זיי האָבען זי ארומגעזוכט און נישט געקענט גע־פינען.

---

א גאַנצען טאָג האָבען זיי ווייטער זי געזוכט. די סאַ־באַטאַוו׳ער פויערן האָבען בעדויערט וואָס דער ליאַך האָט פערנומען יעקב׳ן. זיי האָבען אָבער געזאָגט, אז באַלד וועט קומען זייער העטמאַן באַגדאַן און ער וועט זיך שוין אָפּרע־כענען מיט די ליאַכעס. די אידען וועט מען אויך נישט שאַ־טען, האָבען זיי געזאָגט.

ווי מען וואָלט זייער פלייש געשניטען האָבען שמואל מיט יהודה׳ן דערפיהלט, זעהענדיג מיט וואָס פאר א רציחה די פויערן רעדען וועגען אידען.

צומאָרגענס זענען זיי אוועק נאָך טשיגירין. אפשר וויים מען דאָרט וואו זלאַטע איז אהינגעקומען. זיי האָבען דאָרט גאָרנישט געוואָהר געוואָרען. צו זייער פערדרוס האָבען זיי אָבער געזעהן ווי זכריה בעהאַנדעלט שרעקליך די רוטענער. ער האָט זיי נישט געלאָזט היילינגען זייער ברויט אויף פאסכא סיידען זיי האָבען געגעבען אן אָפּצאָהל.

ער האָט אויך אוועקגעשטעלט א טיש לעבען צערקווע, ווי ניסן. טשאַפּלינסקי מיט זיינע סאָלדאַטען זענען געשטאַ־נען לעבען איהם און איינגעטיילט זיך מיט׳ן געלד. דער פּאָפּ איז ארויס פון צערקווע און געבעטען רחמנות פאר די ארימע פויערן, האָט טשאַפּלינסקי איהם דערלאַנגט מיט׳ן שטעקען איבער די פּלייצעס און איהם אויסגעזידעלט ווי א הונט.

יהודה מיט שמואל'ן האָבען אויסגענוצט די געלעגענהייט וואָס זכריה מיט מאַריאַשע'ן זענען געווען פערנומען ביי דער צערקווע און אוועקגעגאנגען זעהן טויבע'ז מיט האַרפינאַ'ן טאָמער ווייסען זיי עפּיס פון זלאַטע'ן.

טויבע איז בלאַס געוואָרען ווי קרייד הערענדיג אז זלאַטע איז פערשוואונדען. זי האָט שוין געוואוסט אז איהרע על־טערן זענען שולדיג אין אומגליק. האַרפינאַ האָט איהר אַלץ דערצעהלט, אז זי האָט געזעהן ווי טויבע איז בייז וואָס זיי זענען אוועקגעגאנגען אָהן זאָגען א גוטע נאַכט צו איהרע עלטערן.

טויבע האָט געוויינט און געקלאָגט, א גאנצען טאָג נישט געוואָלט עסען פאר צער. רעדען בייזע רייד צו איהרע עלטערן האָט זי מורא, זיי זענען דאָך איהרע עלטערן. די מוטער האָט געמיינט אז דאָס קלאָגט זי אזוי ווייל זי איז פער־ליעבט אין שמואל'ן, האָט זי געשאָטען שוועבעל און פעך אויף יעקב'ן מיט זלאַטע'ן.

טויבע האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטען און מיט ביי־טערע טרערען פאָרגעוואָרפען דער מוטער פאַרוואָס זי האָט אומגליקליך געמאַכט יעקב'ן מיט זלאַטע'ן. מאַריאַשע האָט זיך אָנגעצונדען ווי א פייער און וויסענדיג אז האַרפינאַ מוז איהר האָבען דאָס דערצעהלט, האָט זי זי שרעקליך געשלאָגען און אָנגערייצט זכריה'ן ער זאָל זי שלאָגען. ער האָט זי אזוי צובײלט אז זי ליגט צו בעט. ווען נישט וואָס אַלע דינער זענען אָנגעלאָפען וואָלטען זיי זי געטויט.

טויבע האָט געהאַט פון דעם שרעקליכען צער און מען האָט זי קוים דערקענט, אזוי שלעכט האָט זי אויסגעזעהן.

זיי זענען אוועק פון טשיגירין און ווייטער געזוכט זלאַ־טע'ן. די מיה איז אָבער געווען אומזיסט. און זיי האָבען גע־וואַרט אין סאַבאַטאַווא.

אין א וואָך אַרום האָבען זיי זיך דערוואוסט אז אין הויף איז געווען א גרויסער טומעל. א באַנדע איז בעפאַלען די תפיסה און געוואָלט בעפרייען די אַרעסטירטע. דאָס מיליטער האָט זיי אָבער פערטריבען און עטליכע זענען געבליבען טויט אויפ'ן אָרט.

די טויטע זענען געווען אויסגעשמירט מיט סמאָלע און

דזשעגעבץ ווי די זאפאראזשצעס. קיין איינער איז נישט געוואָרען דערקענט. טשאפלינסקי האָט די מעהרסטע ארעס־טירטע אויפגעהאַנגען, ער האָט אויך אויפגעהאנגען דעם אל־טען זאכאר אויפ׳ן חשד, אז ער האָט בייגאכט געעפענט ס׳טויער פאר די אנפאלער.

דערשראָקען זענען זיי געלאָפען אין שטאָדט אריין און צו זייער פרייד געוואָהר געוואָרען אז יעקב לעבט. ס׳איז אָבער פיעל שווערער געוואָרען פאר זיי, וואָס זיי האָבען פערלוירען זאכאר׳ן. זיי זענען אוועק צו טשאפלינסקי׳ן און איהם געבעטען ער זאָל בעפרייען יעקב׳ן, ווייל זלאָטע איז פערשוואונדען. ער האָט אָבער נישט געוואָלט גלויבען אז זיי ווייסען נישט וואו זלאָטע געפינט זיך. ער האָט זיי אָבער צוגעזאָגט אז ער וועט נאָך נישט טויטען יעקב׳ן, אפשר וועט זלאָטע קומען צו איהם זיך איבערגעבען אין זיינע הענד.

---

אין א וואָך ארום זענען זיי ווידער געגאנגען צו טשאפ־לינסקי׳ן. ער האָט זיי אָבער נישט געוואָלט אויפנעמען. ער האָט געברענט ווי א פייער. ס׳איז ענטדעקט געוואָרען אן אונטערגראָבונג פון דרויסען ביז אין זיין שלאָפצימער. די אונטערגראבער זענען אנטלאָפען און קיין איינער פון זיי איז נישט אריינגעפאלען.

זיי האָבען בעשלאָסען צו געהן צו העטמאַן פאטאצקי בעטען יעקב׳ס בעפרייאונג. ווי זיי האָבען זיך געלאָזט אין וועג אריין האָבען זיי געטראָפען א טייל פון העטמאַן׳ס אַרמעע געהן קעגען די בונטאָווטשיקעס. כמעלניצקי איז שוין געגאַנגען מיט זיינע קאָזאקען בעפאלען דאָס לאַנד.

שמואל מיט יהודה׳ן האָבען זיך אומגעקערט. זיי האָבען פערשטאַנען אז איצט וועלען זיי נישט פועל׳ן מען זאָל בעפרייען יעקב׳ן, וואָס האָט געהאָלפען כמעלניצקי׳ן צו אנטלויפען פון געפענגניש.

וואו זאָלען זיי געהן? ס׳איז זיי מיאוס געוואָרען דאָס זי־צען אין סאבאטאוו. שוין צוואנציג טעג ווי זלאָטע איז פער־שוואונדען און זיי הערען פון איהר נישט. צו זכריה׳ן האָבען זיי אויך נישט געוואָלט געהן, כאָטש זיי האָט וועה געטאָן

פאר דער אומשולדיגער טויבע. זיי האָבען בעשלאָסען צו פערלאָזען אוקריינא און אוועק נאָך סאבאטאווא נעמען זייערע זאכען. ערשט ווי זיי קומען צו צום הויז געהט זיי דער משרת אקעגען.

— זלאטע איז אויך דאָ ? — האָבען זיי איהם געפרעגט.

— ניין. זי איז פערבליבען וואו זי איז. נאָר זי האָט אייך געשיקט א בריעף, לייענט וועט איהר אַלץ וויסען.

דער בריעף איז געווען געשריבען עברי־טייטש און זיי האָבען איבערגעלייענט :

"ווי כ'בין ארויף אין צימער שלאָפען האָב איך נישט געקענט צוטאָן מיט אן אויג. ווי אזוי ראטעווע איך מיין גוטען טאטע ? און איך האָב בעשלאָסען געהן צו טימאפיי כמעלניצקי ער זאָל מיר העלפען. כ'האָב געוואוסט אז איהר וועט מיך נישט לאָזען געהן, האָב איך אייך גאָר נישט געזאָגט און מיטגענומען דעם משרת מיט זיך און אוועק צו טימאפיי'ען.

צוויי מאָל האָט ער געפרוּווט בעפרייען מיין אומגליקליכען פאָטער איינמאָל מיט מאכט און א צווייט מאָל אונטערגראָבענדיג זיך. עס איז אָבערביידע מאָל נישט געלונגען. טימאפיי האָט דערוייל דערהערט אז דאָס פוילישע מיליטער געהט אקעגען זיין פאָטער, האָט ער געמוזט אוועק דאָס אָנזאָגען זיין פאָטער.

כ'האָב בעשלאָסען צו פאָהרען נאָך נעמיראָוו צו פירשט טשעטווערטינסקי, וואָס האָט מיר פערשפּראָכען זיין הילף. כ'בין אוועק מיט מיין משרת נאָך נעמיראָוו און האָף דער פאָטער וועט ניצול ווערען פון טויט. וועט כמעלניצקי זיעגען, וועט טימאָש בעפרייען איהם פון תפיסה. וועלען די פּאָליאקען זיעגען, וועט טשעטווערטינסקי העלפען איהם בעפרייען.

איך וואוין איצט ביי אידען און גרייט זיך זעהן דעם פירשט. איך שיק אייך דעם בריעף מיט מיין משרת איהר זאָלט וויסען וואָס איך טו און איך בעט אייך איהר זאָלט דערוויייל אָפּשלעפּען טשאפלינסקי'ן מיט האָפנונגען, ער זאָל מיין פאָטער לאָזען לעבען ביז די הילף וועט קומען".

זיי זענען געווען צופרידען צו בלייבען און העלפען דער

ענערגישע זלאַטע ראַטעווען איהר פאַטער. עס איז אָבער געגאַנגען אַנדערש ווי זיי האָבען געוואָלט.

---

די פוילישע ארמעע האָט זיך געגרייט בעפאַלען די צו־בונטעוועטע קאָזאַקען. ס'איז נישט געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס די ארמעע האָט געדאַרפט אונטערדריקען אן אויפ־שטאַנד אין אוקריינא. פיעל מאָל זענען די בונטען געוואָרען גרינג אונטערדריקט.

העטמאַן ניקאָליי פאָטאָצקי האָט בעשטימט זיין יונגען זוהן סטעפען אלס קאָמאַנדיר פון דער ערשטער ארמעע. ער אליין איז פערבליבען מיט זיינע איבריגע זעלנער אין טשער־קאַסי און העטמאַן קאַלינאָווסקי מיט זיין מיליטער איז גע־שטאַנען אין קאָרסון האַלטען אַן אויג אויף די היידעמאַקעס זיי זאָלען זיך אויך נישט צובונטעווען.

דאָס רוב פון דעם מיליטער איז בעשטאַנען פון היידע־מאַקעס וואָס זענען געווען געטריי דער פוילישער מאַכט. און זיי האָבען אויך געהאַט צוויי היידעמאַקען אלס גע־נעראַלען, וואָס די פוילישע הערשער זענען געווען זיכער אז זיי וועלען בלייבען געטריי.

די ערשטע פוילישע ארמעע איז בעשטאַנען פון צוויי טויזענט רייטער, הוזאַרען און דראַגונער, זעקס טויזענט רע־גיסטרירטע קאָזאַקען און טויזענט פוסגעהער געדונגענע דייטשען.

די רייטער זענען געגאַנגען פאָזע טייך טיאַסמין צום דניעפּר און די רעגיסטרירטע קאָזאַקען מיט די דייטשען זענען געפאָהרען אויף שיפען און געזאָלט זיך צוזאַמענטרע־פען מיט די רייטער אין סיעטש, וואו די זאַפאָראָגער קאָ־זאַקען זענען געשטאַנען. דאָרט האָבען זיי געזאָלט בעפאַלען די בונטאָווטשיקעס.

דער פלאַן איז אָבער געוואָרען קאַליע. די רייטער זענען פערהאַלטען געוואָרען אויפ'ן וועג איבער די גרויסע וואַסערן וואָס האָבען געשטראָמט אין טיאַסמין אריין. און די שיפען זענען געטריבען געוואָרען גיך צום דניעפּר און אָנגעקומען צו פריה.

כמעלניצקי האָט דאָס געוואָהר געוואָרען פון די אנגעלאָ־

פענע היידעמאַקעס וואָס זענען יעדען טאָג געקומען צו איהם. ער איז אַרויס מיט ניין טויזענט זאַפּאָראָגער קאָזאַקען און זעקס טויזענט טאָטערן אנגעפיהרט פון זייער עלטסטען טוהאי בעי. זיי זענען געגאַנגען דורך דער סטעפּע ווייט אָפּגערוקט פון פעסטונג קאַדאַק, די האַרמאַטען זאָלען זיי נישט קענען בעשיסען און זיי זענען אנגעקומען צום דניעפּר.

כמעלניצקי האָט דאָרט בעגעגענט דאָס פּוילישע מיליטער וואָס איז אנגעקומען אויף די שיפען און ער האָט אנגערעדט די קאָזאַצקע עלטסטע פון דער פּוילישער ארמעע זיי זאָלען צושטעהן צו איהם. זיי זענען גלייך צוגעשטאַנען צו איהם און אויסגע׳הרג׳עט די פּוילישע עלטסטע און דאָס דייטשע מיליטער וואָס האָט נישט געוואָלט פערראַטען פּוילען. פעראייניגט האָבען זיי זיך געשטעלט אָפּוואַרטען די פּוילישע רייטער.

דריי און צוואַנציג טאָג אין אייר איז געווען דער ערשטער צוזאַמענשטויס. אין אָנהויב האָבען די רייטער געזיעגט. זיי האָבען העפטיג אַטאַקירט די קאָזאַקען. זיי האָבען אָבער נישט געקענט צוריקשטויסען די קאָזאַקען און טאָטערן וואָס זענען געווען אין א פיעל גרעסערע צאָהל פאַר זיי. צומאָרגענס איז געווען זונטאַג האָבען זיי גערוהט און עס האָט צים אומגליק אָנגעהויבען גיסען אשלאַגס־רעגען. דער רעגען איז געגאַנגען א גאַנצען טאָג און א גאַנצע נאַכט. עס איז געוואָרען גרויסע בלאָטעס. כמעלניצקי איז מאָנטאַג אינדערפריה בעפאַלען די רייטער און זיי האָבען איבער די בלאָטעס נישט געקענט מאַכען אַ קאָנטר־אַטאַקע נאָר בעגנוגענט זיך מיט פערטיידיגען די פּאָזיציע. דערווייל זענען די דראַגונער צוגעשטאַנען צו כמעלניצקי׳ן און די הוזאַרען האָבען געהאַט אַ גרויסע מפּלה. סטעפאַן פּאָטאָצקי איז געפאַלען טויט. זיין געהילף טשאַרניעצקי מיט די פערבליבענע רייטער האָבען די טאָטערן גענומען געפאַנגען צוזאַמען מיט׳ן פּוילישען פאָהן.

כמעלניצקי האָט געהאַט אן אָפּמאַך מיט די טאָטערן אז די געפאַנגענע זאָלען געהערען צו די טאָטערן און דאָס געוועהר מיט׳ן פערמעגען זאָלען נעמען די קאָזאַקען. דריי־

צעהן גרויסע וועגען מיט טייערע זאכען און גאלד מיט זיל־בער האט כמעלניצקי געשיקט נאך טשיגירין און די גאנצע געגענד האט ער געהאט פערנומען. ער האט אויך פערכאפט צוועלף הארמאטען און געוועהר.

די ידיעה איז אנגעקומען נאך טשיגירין אז כמעלניצקי האט בעזיעגט די ערשטע פוילישע ארמעע און ער פערנעמט איין שטאדט נאך דער צווייטער. טשאפלינסקי האט גע־וואוסט אז ער וועט שלעכט אפשניידען און ער האט זיך געאיילט צו פערלאזען טשיגירין און זיך בעזעצען אין א פעסטונג. ער האט זיך געלאזט מיט דער סטעפע נאך טאלטשין, די שטארקסטע פעסטונג פון אוקריינא. מיט איהם זענען מיטגעגאנגען א סך פאליאקען און אידען פון טשי־גירין און אומגעגענד. א טייל איז געפאהרען אדער געריטען און די ארימע זענען געלאפען צופוס.

טשאפלינסקי האט מיטגענומען יעקב׳ן א געשמידטען אין קייטען. שמואל מיט יהודה׳ן זיינען אויך מיטגעלאפען. טויבע האט זיי ארויפגעזעצט אויף איינע פון די וועגען וואס איהר פאטער האט געהאט ארויסצופיהרען זיין האב און גוטס.

אויף דעם זעלבען וואגען איז געזעסען הארפינא וואס איז מיטגעפאהרען אויס מורא פאר טשאפלינסקי׳ן און ווייל זי האט שטארק ליעב געהאט טויבע׳ן. זי האט פערשטיקט אין זיך איהר גרויסען האס צו זכריה׳ן מיט מאריאשע׳ן און שטילערהייט געזאגט צו שמואל׳ן מיט יהודה׳ן אז באלד וועט קומען דער טאג פון נקמה און זי וועט זיך אפרעכענען מיט זכריה׳ן.

ווי זיי זענען נאר ארויס הינטער דער שטאדט האט א שטארקער רויך זיך געצויגען צום הימעל. די היידעמאקעס האבען אונטערגעצונדען טשאפלינסקי׳ס פאלאץ. הארפינא האט אנגעקוואלען. די נקמה האט זיך אנגעהויבען. נאר טשאפלינסקי האט געקריצט מיט די ציינער און געשוואוירען אז ווען ער וועט זיך אומקערען וועט ער רייסען פאסען פון די היידעמאקעס.

ווי זיי זענען צוגעקומען צום וואלד האט טשאפלינסקי געגעבען א בעפעהל זיך אפצושטעלען. ער האט געהייסען

זיינע דינער זיי זאָלען אויפהענגען יעקב׳ן. שמואל מיט יהודה׳ן האָבען איהם געבעטען מיט טרערען אין די אויגען ער זאָל איהם לאָזען לעבען. טויבע האָט געשריגען און גע־וויינט ביז זי איז געבליבען אָהן כחות. זכריה מיט מאריאַ־שע׳ן האָבען געקושט טשאַפּלינסקי׳ס פיס, בעטענדיג ער זאָל יעקב׳ן נישט הענגען.

טשאַפּלינסקי האָט אָבער נישט געוואָלט הערען פון רחמנות. די דינער האָבען פערליינגט א שטריק אויף יעקב׳ס האַלז און איהם אויפגעהאַנגען אויף א בוים. עטליכע מאָל האָט יעקב זיך א צאַפּעל געטאָן און געבליבען הענגען שטיל. די אידען האָבען געוואָלט קובר זיין דעם טויטען האָט טשאַפּ־לינסקי זיי נישט געלאָזט. ער איז געבליבען הענגען און די מחנה האָט ווייטער געצויגען.

טרויריגע וויינענדיגע זענען די אידען געפאָהרען. דאָס שוידערליכע בילד ווי יעקב הענגט איז נישט פערשוואונדען פון זייערע אויגען. וואָס וועט זיין מיט זלאטע׳ן אז זי וועט זיך דערוויסען פון איהר אומגליק?

דערווייל האָבען א סך וואַנדערער אויפגעגעסען דאָס לעצטע שטיקעל ברויט וואָס זיי האָבען מיטגענומען. עס האָט אויסגעפעהלט וואַסער אין דער סטעפּע. די רייכע אידען האָ־בען זיך געטיילט דעם לעצטען ביסען מיט די אָרימע. טויבע האָט אויף איהר וואָגען ארויפגעזעצט קינדער וויפיעל עס איז נור אָרויף און זיי געשפּייזט. זכריה און מאריאַשע האָ־בען אליין נישט געגעסען און אוועקגעגעבען זייער עסענוואַרג צו די הונגעריגע אָרימעלייט.

שפּעטער האָט זיך שוין נישט געפונען א שטיקעל ברויט אין דער גאַנצער מחנה און די וואַנדערער האָבען זיך גע־שפּייזט מיט גרינוואַרג וואָס זיי האָבען אָנגעריסען אין דער סטעפּע. א סך אידען האָבען זיך איינגעשטעלט דאָס לעבען און אוועק זוכען א דאָרף וואו צו קריגען עפּיס עסען. נאָך צעהן טעג וואַנדערן האָבען שמואל און יהודה זיך געזעגענט מיט טויבע׳ן און בעשלאָסען געהן נאָך נעמיראָוו געפינען זלאַטע׳ן און בלייבען מיט איהר ביז די ביטערע צייט וועט אריבער.

די ביטערע צייט האָט אָבער ערשט זיך אָנגעהויבען.

זלאטע׳ן איז געווען זעהר שלעכט, ווען שמואל מיט יהודה׳ן האבען זי געפונען. זי האט שוין נישט געהאט קיין געלד. צום פירשט טשעטווערטינסקי׳ן איז זי נישט געגאנגען, ווייל ער האט איהר נישט געקענט העלפען. די וועגען זענען געווען פערמאכט און עס איז נישט געווען וועך עס זאל געהן מיט זיין בעפעהל. די פירשטין האט געהאסט זלאטע׳ן, ווייל זי האט זי געזעהן פריינדלען זיך מיט טימאפיי כמעלניצקי. איהר יעזואיטישער גלח האט איהר צוגעהאלפען. ער האט נאר געוואלט אפ׳שמד׳ען זלאטע׳ן.

בישלעכווייז האבען זיי איהר אויסגעזאגט וואס עס איז געשעהן מיט איהר פאטער. ווי זי האט דאס דערהערט האט זי זיך געוואלט נעמען ס׳לעבען. זיי האבען זי קוים אפגעהאל־טען. דערנאך האט זי געשוואוירען אז זי וועט נישט רוהען ביז זי וועט נישט נעמען נקמה אן זכריה׳ן מיט מאריאשע׳ן. זיי האבען דאך געבראכט דעם טויט אויף איהר פאטער וואס זיי האבען איהם פער׳מסר׳ט ביי טשאפלינסקי׳ן. זי וועט זיי איבערגעבען צו די קאזאקען! זי האט זיך אבער דער־מאנט אן טויבע׳ן און האט שרעקליך געוויינט, אז זי האט שוין מעהר נישט געהאט קיין כח צו וויינען.

שמואל מיט יהודה׳ן האבען געבראכט זלאטע׳ן צום נע־מיראווער רב. דער רב האט זי געטרייסט. די רעביצין האט זי צוגענומען ווי א שוועסטער און דעם רב׳ס מומער האט זי געהאלטען ווי אן אייגען קינד און עס איז איהר געווארען א ביסעל לייכטער.

אברהם, טויבע׳ס געוועזענער חתן, איז שוין דא נישט געווען. ער איז אוועק נאך קליין־פוילען, די ישיבה איז זיך צו־פאלען און אלע האבען געווארט אין גרויס שרעק פאר די קומענדיגע טעג.

באלד ווי די ידיעה איז אנגעקומען אז די קאזאקען הא־בען בעזיעגט דאס פוילישע מיליטער, האבען די אוקריינער פויערן זיך אויפגעהויבען צו א שרעקליכער מרידה. דער פויער האט פערלאזען דאס פעלד, דער האנדווערקער — זיין ארבייט, די קנעכט — זייערע הערען און אפילו די ווילדע טשאבאנעס האבען איבערגעלאזט זייערע סטאדעס און אלע זענען צוגעשטאנען צו כמעלניצקי׳ן. אין א קורצע צייט איז

זיין אַרמעע אויסגעוואַקסען ביז צוויי הונדערט טויזענט מאַן.

אין גרויסע באַנדעס האָבען זיי זיך אַוועקגעלאָזט איבער'ן לאַנד אויף רויב און מאָרד. דאָס זענען געווען די שרעקליכע מערדערישע באַנדעס — די היידעמאַקעס. זיי האָבען געמאַכט אַ שרעקליכע שחיטה אויף פּאָליאַקען און אידען. זייט די וועלט שטעהט איז נאָך אַזאַ שרעקליכע שחיטה נישט געווען.

בשוף־מאַכער זאָגען, אז דער וואָס רופט אַרויס שדים קען זיי דערנאָך נישט צוטרייבען און זיי געוועלטיגען איבער איהם און טוען וואָס זיי גלוסט. דאָס זעלבע איז געשעהן מיט כמעלניצקי'ן. ער האָט אַרויסגערופען דעם אויפשטאַנד. אָבער דער אויפשטאַנד האָט זיך געטראָגען שוין איבער זיין קאָפּ. דעמאָלט ווען ער האָט געפיהרט פערהאַנדלונגען וועגען פריעדען מיט'ן פּוילישען קעניג האָט קעגען זיין ווילען דער שטורם פון מאָרד און רויב זיך צוגאָסען איבער'ן לאַנד.

עס איז געשטאָרבען דער פּוילישער קעניג וולאַדיסלאַוו און דאָס לאַנד איז געבליבען אָהן אַ הערשער. די רעגירונגס־לייט זענען געווען פערנומען מיט רייסערייען און די קאָזאַקען האָבען דערוויילע געבושעוועט און די היידעמאַקעס האָבען פערשפּרייט טויט און אומגליק אומעטום וואו זיי זענען געקומען.

בעוואַפּענט מיט העק, קאָסעס, הייגאַפּלען און שפּיזען זענען די מערדערישע באַנדעס געגאַנגען פון אָרט צו אָרט, די אָרטיגע רוטענער זענען צוגעשטאַנען צו זיי און זיי האָבען אויסגעקוילעט אַלע אידען און פּאָליאַקען, צוגערויבט זייער האָב און גוטס און פערברענט זייערע הייזער. די רויבערישע מערדערישע היידעמאַקען באַנדעס זענען געגאַנגען אין טייכען בלוט פון זייערע קרבנות. געקוילעטע האָבען זיך געוואַלגערט אויף די גאַסען און הינטער זיך האָבען די מערדער איבערגעלאָזט פייער און פערוויסטונג.

דער הימעל איז געוואָרען שוואַרץ פון רויך פון די פערברענטע שטעדט. די ערד איז געשפּאָלטען געוואָרען פון די געשרייען פון די געקוילעטע. און איבער דעם אַלעם האָט זיך געטראָגען דאָס ווילדע לוסטיגע געשריי פון די שכור'ע היידעמאַקעס. די פעטע אוקריינישע ערד איז פעטער געוואָרען פון

דעם בלוט און טרערן פון די געפייניגטע. אוקריינא איז געוואָרען אַ לאַנד פון רויב און מאָרד.

אין די שטעדט וואָס זענען נישט חרוב געוואָרען אינ־גאַנצען איז אויך געווען שרעקליך. די מענער זענען געלעגען אויסגעקוילעט. די פרויען און מיידלעך געשענדעט פאַר די אויגען פון זייערע מענער און טאַטעס. די אַלטע לייט האָבען די מערדערישע היידעמאַקעס געשליידערט אין פייער. קליינע קינדער האָבען זיי ווי בעלעם געוואָרפען אינדערהויך און זיי זענען געפאַלען אויף די שטעכיגע שפּיזען. די מער־דער האָבען גענומען קליינע קינדער און צוקלאַפּט זייערע קעפּלעך אָן די ווענד פון די הייזער און די שטיינער פון בריק. פיעל קינדער האָבען זיי אריינגעלייגט צווישען ברע־טער און געטרעטען אויף זיי ביז קיין גאַנצער ביין איז נישט איבערגעבליבען אין זיי.

דאָס וואָס איין באַנדע האָט איבערגעלאָזט האָט די צווייטע באַנדע פערענדיגט. און די וואָס זענען געבליבען לע־בען האָבען די טאַטערן געבונדען און אוועקגעפיהרט אויף די טערקישע מערק צו פערקויפען פאַר שקלאַפען. נאָר דער וואָס האָט געשוואוירען אז ער וועט זיך שמד׳ען האָבען די באַנדעס געלאָזט לעבען נאַכדעם ווי ער האָט זיי געגעבען אַ ריכטיגען סימן אז ער וועט האַלטען זיין שבועה. און דער סימן איז געווען אז ער האָט געקוילעט זיין ווייב און קינדער פאַר זייערע אויגען. און ווער האָט דען דאָס געטאָן? זענען אַלע אומגעקומען אָדער גענומען געוואָרען געפאַנגען.

אַנטלאָפענע זיינען אָנגעקומען נאָך נעמיראָוו און מיט זייערע שרעקליכע ערצעהלונגען געוואָרפען אַ פּחד אויף אַלע־מען. זיי האָבען דערצעהלט פון שרעקליכען אומגליק וואָס איז געווען אין זשעבעטאָוו. די גאַנצע שטאָדט איז אוועק מיט׳ן פייער. אַלטע לייט און קליינע קינדער האָבען די היי־דעמאַקעס געוואָרפען אין פייער. די בחורים און מיידלעך האָבען די טאָטערן געפאַנגען.

פירשט טשעטווערטינסקי האָט דאָס דערהערט און ער האָט מורא געהאַט צו בלייבען אין נעמיראָוו, וואָס איז נישט ווייט פון זשעביטאָוו. ער מיט די פּאָליאַקען זענען אוועק נאָך טאַלטשין. געבליבען זענען נאָר די אידען. די פּאָליאַקען

האָבען נישט געוואָלט לאָזען די אידען מיטגעהן נאָך טאל־טשין, עס זאָל נישט ווערען דאָרט א הונגער, אויב די קאָזאַקען וועלען בעלאַגערען די פעסטונג.

איין האָפנונג איז געבליבען פאַר די נעמיראָווער אידען. פירשט ווישנאָוויעצקי איז מיט זיין ארמעע אוועק פון לובלין און געזאָלט אָנקומען אין דער געגענד. ער איז געוועזען א בעריהמטער העלד און געהאַט א גרויסע ארמעע, האָט מען געהאָפט אז ער וועט צוקלאַפּען די ווילדע באַנדעס. די אידען האָבען געקענט פירשט ווישנאָוויעצקי'ן אלס אידען־פריינד און בעשיצער און געלייגט גרויסע האָפנונגען אויף איהם.

דערווייל ביז ער וועט אָנקומען האָבען די נעמיראָווער אידען זיך בעפעסטיגט אין פירשט טשעטווערטינסקי'ס פּאַלאַץ און פערשלאָסען די טויערען פון שטאָדט. זיי האָבען געשטעלט היטער ביי דער מויער און פאַר די רוטענישע איינוואוינער האָבען זיי נישט געהאַט קיין מורא, די אידען זענען געוועזען שטאַרקער פאַר זיי.

עטליכע טעג נאָכדעם ווי שמואל מיט יהודה'ן זענען אָנגעקומען נאָך נעמיראָוו זענען אויך געקומען די איבעריגע אידען וואָס זענען געגאַנגען מיט טשאַפּלינסקי'ן נאָך טאלטשין. די טאַלטשינער פּאָליאקען האָבען זיי נישט אריינגעלאָזט. די פעסטונג איז געוועזען איבערגעפּאַקט מיט מענשען.

צווישען די אנגעקומענע איז אויך געוועזען זכריה מיט זיין הויזגעזינד. מען האָט זיי אָפּגעגעבען עטליכע צימערן אין פירשט'ס פּאַלאַץ לעבען ניסן ארענדאטאר. זלאַטע האָט דערהערט, אז זכריה איז געקומען, האָט זי אויפגעציטערט. זי האָט אָבער נישט געוואָלט זעהן טויבע'ן, איהר ליעבע חבר'טע. דער רב רבי יחיאל מיכל איז געבליבען אין זיין הויז לעבען דער שוהל און אז ער האָט געוואָהר געוואָרען וואָס זכריה האָט געטאָן יעקב'ן האָט ער איהם נישט געוואָלט ארויפלאָזען אויף זיין שוועל און געזאָגט:

— מען טאָר נישט קוקען אין פנים פון א רשע, הלואי זאָלען אנדערע נישט ליידען פאַר זיינע זינד!

---

איינמאָל פאַרנאַכט, ווען שמואל מיט יהודה'ן זענען געגאַנגען פון פּאַלאַץ צום רב, האָבען זיי געטראָפען זלאַטע

מיט הארפינא׳ן אין א ווינקעל שמועסען. זלאטע איז געווען שרעקליך בלאס, נאר איהרע אויגען האבען געברענט. הארפינא איז געווען רויט און די אויגען פערגאסען פון שכרות אדער פון שטארקער פרייד.

אז שמואל מיט יהודה׳ן זענען צוגעגאנגען צו זיי זענען זיי געווארען שטיל און זלאטע האט אראפגעלאזט די אויגען און נישט געקוקט אויף זיי. זיי האבען זיך געוואונדערט. נאכמעהר האבען זיי זיך געוואונדערט ווען זיי זענען ביינאכט געקומען אין פאלאץ און געהערט אז מאריאשע זוכט ארום הארפינא׳ן און קען זי נישט געפינען.

אין עטליכע טעג ארום איז אנגעקומען א ידיעה אז ווישנאוויעצקי האט צוקלאפט קריוואנאס׳ן מיט זיין באנדע. די אידען האבען פרייער אפגעאטעמט און א היבשע טייל האט זיך אומגעקערט צו זייערע געשעפטען.

דעמאלט איז אויסגעפאלען די חתונה פון נעמיראווער חזן רב זרח׳ס טאכטער מיט דעם זוהן פון רב חיים, איינער פון די גרעסטע סוחרים אין שטאדט. און אזוי ווי קריוואנאס האט געהאט א מפלה האבען זיי בעשלאסען צו פראווען די חתונה. שבת פרשת בהעלותך, זיבעצעהן טאג אין סיון, איז געווען דאס אויפרופענס. די גאנצע שטאדט האט זיך בעטייליגט אין דער שמחה. גאנץ פרייטאג־צונאכטס האבען די יונגע ווייבלעך און מיידלעך געטאנצט אין דער כלה׳ס הויז.

צומארגענס, שבת נאכמיטאג איז אין חתן׳ס הויז געווען פרעהליך, אלע בחורים זענען זיך צוזאמען געקומען. שבת צונאכטס איז ווידער געווען פרעהליך אין דער כלה׳ס הויז. נאר זלאטע מיט טויבע׳ן זענען דא נישט געווען. זלאטע איז געזעסען טרויעריג אין רב׳ס הויז און טויבע איז געבליבען אין פירשט׳ס פאלאץ. זכריה מיט מאריאשע׳ן זענען געגאנגען אויף דער חתונה. זיי האבען שטארק געבעטען טויבע׳ן זי זאל מיטגעהן. זי האט אבער נישט געוואלט. זי האט שטארק געטרויערט אויף יעקב׳ס טויט און איהר געליעבטער זלאטע׳ס אומגליק.

שמואל מיט יהודה׳ן האבען זיך אויך נישט בעטייליגט אין דער שמחה, ווייל דער ר׳ב איז געווען זעהר טרויריג. ער האט נישט געגלויבט אז קריוואנאס האט געהאט א מפלה

און אז דערמיט הערט אויף דער אויפשטאַנד מיט זיינע שרעקליכקייטען.

דער רב האָט געהאַלטען א פייערינע דרשה אין שוהל דעם שבת און אויפגעפאָדערט דעם עולם צו שטאַרבען אויף קידוש השם אויב דער פיינד וועט אָנקומען. די קהלה האָט זיך אָבער געוואָלט טרייסטען אז די סכנה איז אריבער און געטאַנצט אויף דער חתונה. די טויערן זענען אָבער געבליבען געשלאָסען און די וועכטער זענען געשטאַנען אויף דער וואַך.

דינסטאג נאכמיטאג ווען די מחותנים און די גאַנצע שטאָדט האָבען זיך געגרייט צו דער חתונה האָבען זיי דער־הערט א געשריי פון די טויער־היטער אז עס טראָגט זיך א גרויסער שטויב.

אַלע זענען ארויס אויף דער מויער און געזעהן א באַנדע אָנקומען. עס איז נישט געווען צו דערקענען צי דאָס איז פויליש מיליטער אָדער היידעמאקעס. און מען האָט נישט געוואוסט וואָס צו טאָן. א טייל האָט געוואָלט מען זאָל פער־שטאַרקען די וואַך און נישט אריינלאָזען די באַנדע. אנדערע האָבען געזאָגט אז מען זאָל יא אריינלאָזען, ווייל דאָס איז פויליש מיליטער, זיי טראָגען דאָך פוילישע פאָהנען.

די רוטענישע איינוואוינער פון נעמיראָוו האָבען אויך געזאָגט אז מען דאַרף זיי אריינלאָזען און מען האָט געעפענט דאָס טויער און מיט פרעהליכע בעגריסונגען אריינגעלאָזט די באַנדע.

ווי זיי זענען נאָר אריין האָבען זיי אוועקגעוואָרפען די פוילישע פעהנער, וואָס זיי האָבען געטראָגען אָפּצונאַרען די נעמיראָווער און גרויזאם בעפאַלען די אידען. די נעמיראָווער רוטענער זענען צוגעשטאַנען צו זיי און אַלע צוזאמען זענען בעפאַלען די אידען מיט א געשריי:

— "נאַ פאָהיבעל!" (צו פערטיליגען!).

זיי האָבען געמאַכט א גרויסע שחיטה און די אידען וואָס זענען נישט געווען צוגעגרייט זענען געפאַלען ווי תבואה אונ־טער דער קאָסע.

מיט שטורם האָבען זיי זיך געוואָרפען אויפ'ן פּאַלאַץ נאָך איידער די אידען האָבען פערשלאָסען דאָס טויער. אין טו־מעלדיגען געלויף זענען שמואל מיט יהודה'ן אויך אריינגע־

שטיפט געווארען אין הויף פון פאלאץ. פלוצלונג האט הארפינא זיי אנגעכאפט און איבערגעגעבען צו איהרע בעקאנט'ע היידעמאקעס און זיי האבען זיי אוועקגעפיהרט אין א ווינקעל פון הויף וואו עס זענען געלעגען א סך געפאנגענע אידען.

צווישען די געפאנגענע זענען געלעגען געבונדענע זכריה און ניסן מיט זייערע פרויען אנגטאן אין די טייערע קליידער צו דער חתונה מיט זייערע אנגעשטעלטע און משרתים. א ציטערדיגע איז דארט געזעסען טויבע און ארומגעהאלטען איהרע קליינע ברידערלעך לייבעלע און הערשעלע. אלע זענען געבליבען שטום און פאר שרעק נישט געקענט ארויסריידען אווארט.

---

נאכדעם ווי די ווילדע היידעמאקעס האבען געשטילט זייער ווילדען צארן אן פיעל געפאנגענע, זענען ארויסגעטראטען עטליכע היידעמאקעס מיט פערקאשערטע הענד און נאקעטע ברוסטען. די אויגען האבען געברענט מיט רציחה און זיי זענען געווען אינגאנצען איינגעטונקט אין בלוט. זיי האבען זיך געוואקעלט ווייל זיי האבען א סך וויין געטרונקען. הארפינא מיט נאך עטליכע גוי'עס, אויך אנגע'שיכור'ט זענען מיטגעגאנגען מיט זיי און זיי זענען געגאנגען צום ווינקעל וואו שמואל מיט יהודה'ן און זכריה מיט ניסן'ען זענען געווען.

שמואל מיט יהודה'ן האבען זיך איינגעקוקט אין דער באנדע און איינעם האבען זיי דערקענט.

— דאס איז אסטאפ, זכריה'ס קנעכט, וואס מיר האבען זיך איינגעשטעלט פאר איהם זכריה זאל איהם נישט שלאגען.

אסטאפ האט זיי אויך דערקענט און הייזעריג פון שכרות א געשריי געטאן צו זיי:

— העי, "זשידאווסקע פאראבקעס" ! איהר געדענקט אסטאפ'ן און די הונדערט שמיץ וואס דער טייוועל האט מיר געוואלט געבען אין פערפלוכטען ליאכ'ס הויף ? איצט וועט איהר זעהן ווי איך וועל איהם בעצאהלען. "נא פאהיבעל

יעמו אי ווסים זשידאם !" (פערטיליגען איהם און אַלע אידען).

— און דו, ניסקא — האָט דער צווייטער גערעדט צו ניסן נעמיראָווער — האָסט אונז נישט געלאָזט טרינקען "האָרילקא", האָסט געוואָלט טייער. איצט וועלען מיר טרינ־קען אייער בלוט אומזיסט !

אַ דריטער איז צוגעגאַנגען און אָנגעהויבען רייסען ניסן'ס באָרד און געשריגען :

— דו הערסט ? ווּעסט שוין מעהר נישט שטעלען קיין טיש מיט אַ קאַסטען לעבען צערקווע. מיר'ן אויסרייניגען ס'לאַנד פון די זשידעס און ליאַכעס ! נאַ פּאָהיבעל וואַס ווסים !" (פערטיליגען אייך אַלעמען).

מיט שטורם האָט די שכור'ע באַנדע זיך געוואָרפען אויף זיי און געוואָלט צעריסען. נאָר אַסטאַפּ מיט זיין חבר האָ־בען געגעבען אַ געשריי :

— "ציט" ! (שמיל) זאָל קיינער נישט וואַגען זיי אָנ־ריהרען. מיר וועלען זיי טאָן זייער רעכט !

עס האָט זיך דערהערט אַ שרעקליכער קוויטש. טויבע איז געפאַלען חלשות און די קינדער האָבען געוויינט דער־שראָקען.

— פייגעלע מיינס, טייבעלע, האַרץ מיינס, נשמה'לע !

— האָט האַרפּינא געשריגען — אַסטאַפּ ! איך וועל זי אָוועקנעמען פון דאַנען. אויך די צוויי "פּאַראַבקעס". זיי זענען גוטע, אַנדערש ווי די זשידעס. כ'וועל זיי אַריינפיהרען אין פּאַלאַץ.

— ביזט גערעכט ! — האָט אַסטאַפּ געזאָגט.

האַרפּינא האָט אויפגעהויבען טויבען און זי אַריינגעטראָ־גען אין פּאַלאַץ. שמואל מיט יהודה'ן האָבען איהר געהאָלפען און קוים וואָס זיי האָבען געקענט שלעפּען די פיס. צוויי היי־דעמאַקעס מיט העק האָבען זיך געשטעלט ביי דער טיר זיי צו היטען.

האַרפּינא האָט געלייגט טויבען אין בעט אריין און אָנגע־זאָגט שמואל'ן מיט יהודה'ן זיי זאָלען זי דערמינטערן. זי איז אַוועק אין הויף העלפען איהרע חברים נעמען נקמה פון די געבונדענע אידען.

טויבע איז געקומען צו זיך און געוואָלט ארויסשפּרינגען פון פענסטער צו איהרע עלטערן און ברידערלעך. זי האָט זיך אָבער נישט געקענט ריהרען פון אָרט. שמואל איז גע־בליבען ליגען איהר און מיט דער פּאַרע פון זיין מויל אָנגע־וואַרימט איהרע דערפרוירענע פינגער וואָס האָבען געציטערט פאַר קעלט אין דעם הייסען זומער טאָג.

די געשרייען אויפ׳ן הויף האָבען זיך געשטאַרקט. די ווילדע קולות פון די שכור׳ע היידעמאַקעס האָבען פערשטיקט די וועהגעשרייען פון די געפּייניגטע אידען און יהודה איז צו־געגאַנגען צום פענסטער זעהן וואָס דאָרטען קומט פאָר.

---

אסטאַפּ און זיינע ווילדע חברים האָבען אָנגעכאַפּט הער־שעלען און לייבעלען פאַר די פיסלעך און צושמעטערט זייע־רע קעפּלעך אָן דער מויער. זכריה מיט מאַריאַשע׳ן האָבען געשריגען מיט אויסטערלישע קולות און געוואָלט בעשיצען די קינדער. די מערדער האָבען זיי געהאַלטען פעסט און נישט געלאָזט ריהרען זיך פון אָרט.

אז די קינדערלעך זענען שטיל געוואָרען און זייער מאַרך האָט בעשפּריצט די מויער זענען די מערדער בעפאַלען זכריה׳ן, ניסן׳ען מיט זייערע פרויען און אַראָפּגעריסען פון זיי די קליידער. הארפינא האָט זיך געוואָרפען אויף מאַריאַ־שע׳ן און איהר אָפּגעשניטען די ברוסטען און מיט אַ שאַרפ מעסער איהר אויפגעשפּאָלטען דעם בויך און ארויסגעשלעפּט די קישקעס. דערנאָך האָט זי איהר אָפּגעהאַקט די פינגער פון די הענד און אריינגעלאָזט אַ לעבעדיגע קאַץ אין איהר אָפענעם בויך. מאַריאַשע האָט געוואָלט מיט די לעצטע כחות ארויסשלעפּען די קאַץ פון בויך, זי האָט זי געדראַפּעט מורא׳־דיג, חאָט זי אָבער נישט געהאַט קיין פינגער.

די אַנדערע גוי׳עס האָבען אָנגעטאָן די זעלבע ש־רעקליכע פּיין צו ניסן׳ס ווייב און די פרויען פון זייערע אנגעשטעלטע.

— צלם׳ט זיי ! — האָבען די מענער געשריגען און צוגע־שפּרונגען צו זכריה׳ן מיט ניסן׳ען און מיט מעסערס געמאַכט צלמים אויף זייערע ברוסטען.

— גיט זיי צו פרעסען זייער פעטס ! — האָבען זיי ווי־

דער געשריגען — זיי זענען פעט געוואָרען פון אונזער פּראַצע!

זיי האָבען אָפּגעשניטען שטיקער פלייש מיט פעטס פון די אידישע ברוסטען און ריפּען, זיי געבראָטען אויפ'ן פייער פאר די אויגען פון די געפּייניגטע און געשטופּט צו די גוסס'ע זייער אייגען פלייש אין מויל אריין צו עסען.

אַנדערע האָבען מיט נעגעל דערווייל אויסגעשטאָכען די אויגען פון די אידישע אָנגעשטעלטע און משרתים. דאָס האָט נאָך נישט געשטילט זייער מערדערישע תאוה און זיי האָבען געשריגען:

— "קאַזאַצקי סוויטשקי"! (קאָזאַצקע ליכט).

זיי האָבען אוועקגעשטעלט צוואַנציג סלופּעס און אָנגעבינדען זכריה'ן, ניסן'ען מיט זייערע אנגעשטעלטע און משרתים וואָס האָבען קוים געזשיפּעט, אויסגעשמירט זיי מיט סמאָלע און בעשאָטען מיט שוועבעל, ארומגעלייגט מיט שטרוי און אָנגעצונדען. דער פלאַם האָט ארומגעכאַפּט די גוסס'ע אידען מיט זייערע ווייבער און קינדער און פערברענט ביז מען האָט מעהר נישט דערקענט אז דאָס זענען געווען מענשליכע בעשעפענישען.

---

דער רויך און דער שווערער ריח פון געבראָטען מענשענפלייש האָט ארויפגעשלאָגען צום פענסטער. יהודה האָט געפיהלט ווי צו חלש'ען. ער האָט גיך פערמאַכט דאָס פענסטער און אפילו קיין זיפץ נישט געטאָן, טויבע זאָל זיך נישט אָנשטויסען וואָס אינטען קומט פאָר.

אַ פרישע באַנדע קאָזאַקען איז אָנגעקומען פון גאַס אין הויף אַריין און בעפוילען די היידעמאַקעס צו־צוואַרפען די ברענענדע סלופּעס און צוזאמען מיט די פערברענטע קערפער אריינשליידערען אין טאָל הינטער דער מויער. עס איז גלייך געשעהן אַזוי און עס האָט זיך בעוויזען אַ הויכער פעסטער קאָזאַק אָנגעטאָן ווי אַ הויפּטמאַן מיט אַ פלאַמענדיג געזיכט און אין האַנד אַ "פּיערנאַטא" — אַן אָפּיצירסקען שטעקען. לעבען איהם איז געשטאַנען אַ בלאַס מיידעל אָנגעטאָן אוקריינייש און איהרע איינגעפאַלענע אויגען האָבען געשפּריצט פייער.

— זלאַטע ! — האָט יהודה געגעבען א ווילדען געשריי.

שמואל מיט טויבע'ן זענען אויפגעשפרונגען און צוגע־לאָפען צום פענסטער. זיי האָבען געהערט ווי דער עלטסטער האָט געשריגען הייזעריג פון שכרות :

— דאָס איז יעקב סאבאטאווער'ס טאָכטער. איהר פאָ־טער האָט דאָך געראַטעוועט אונזער אטאמאן כמעלניצקי, האָט דער ליאָך טשאפּלינסקי איהם דערפאַר אויפגעהאַנגען !

— קוקט נישט וואָס זי איז א זשידאָווקא ! — האָט הארפינא געזאָגט — זי איז אן אונזעריגע. ווען נישט איהר פאָטער וואָלט באגדאן שוין נישט געלעבט און מיר וואָל־טען נאָך אַלץ געליטען פון די ליאכעס און זשידעס טראסצא איך מאַטערי !

— מאקסימקא ! האָסט דיר אויסגעקליבען א שעהנע כלה — האָט געזאָגט די אנגע'שיכור'טע הארפינא – אָבער היט זיך פאר דעם חתן וואָס האָט זי פריהער אויסגעקליבען...

— האַלט ס'פּיסק ! — האָט מאקסים איהר דערלאַנגט מיט דער פויסט.

— איך וועל שווייגען — האָט זי געזאָגט און אָפּגעווישט דאָס בלוט וואָס האָט געזעצט פון איהר געשוואָלענער נאָז — איך ווייס אָבער וואָס איך זאָג, פרעג זלאַטקען וועסטו הערען.

מאקסים האָט ארויפגעלייגט זיין גרויסע לאַפּע אויף זלאַ־טען און זי געפרעגט :

— טייבעלע מיינס, וואָס פּלוידערט זי ?

זלאַטע האָט זיך אָפּגערוקט הינטערווייַלעכטס און איהר פּנים האָט אויסגעדריקט אזוי פיעל עקעל.

— אסטאַפּ איז שוין גאָר א קלוגער — האָט הארפינא ווייטער גערעדט — ער האָט זיך אויסגעקליבען טויבקא'ן. זי איז אויך א שעהנע און א גוטע, כאָטש זי איז א זשי־דאָווקא.

—איך וועל נעמען טויבקא'ן אויך — האָט זיך אָנגערו־פען מאקסים — ווער וועט מיר זאָגען א דעה ?

— איך ! איך וועל דיר זאָגען א דעה ! — איז צוגע־שפּרונגען בייז אסטאַפּ.

— דו ?

— איך ! — האָט אסטאפּ געקריצט מיט די ציינער.

מאַקסים האָט אויפגעהויבן דעם שטעקן. אין א רגע האָבן די צוויי שיכּורים זיך געהאַלטן ארומגענומען און זיך געשלאָגן ווילד. קיינער האָט נישט געוואגט זיך אריינ־צומישן.

טויבע האָט געהערט דעם שמועס און זי איז ארויף אויף א שטול און געוואָלט זיך ארויסוואַרפן אויפ׳ן שטיי־נערנעם בריק. שמואל מיט יהודה׳ן האָבן זי פערכאַפּט און מיט גרויס מיה אוועקגעריסען און געלייגט אין בעט אריין.

און ווער ווייס צי זיי האָבן איהר געטאָן א טובה וואָס זיי האָבן זי נישט געלאָזט נעמען זיך ס׳לעבען ?...

שמואל האָט נישט אָפּגעטראָטען פון איהר. יהודה איז ווייטער צוגעגאנגען צום פענסטער.

---

עטליכע מינוט האָבן אסטאפּ און מאַקסים זיך געוואַל־גערט אויף דער ערד און נישט געקענט בייקומען איינס ס׳אנאנדערע. הארפינא האָט פיינט געהאַט מאַקסים׳ען, האָט זי דערלאַנגט א מעסער אסטאַפּ׳ן און דאָס מעסער האָט גלייך געשטעקט אין מאַקסים׳ס האַרץ. מאַקסים האָט א צאַפּל געטאָן און זיך אויסגעצויגען. עס האָט קיין ווירקונג נישט געהאַט אויף דער באַנדע. א מאָרד איז געווען ביי זיי א שפּילעכיל. אסטאפּ האָט זיך אויפגעשטעלט און געגעבן א בריקע דעם טויטען מיט׳ן פוס און געזאָגט :

— פּייגער ! ווייל דו האָסט געהאַט גרויסע אויגען אויף טויבקא׳ן !

זלאַטע איז צוגעגאנגען צו הארפינא׳ן און זיך גע׳סוד׳עט מיט איהר. דערנאָך האָט הארפינא צוגערופען אסטאַפּ׳ן און זיך גע׳סוד׳עט מיט איהם. אסטאפּ האָט צוגערופען פיער אַלטע היידעמאַקעס און גערעדט מיט זיי ארויפקוקענדיג צום פענסטער וואו טויבע מיט שמואל און יהודה׳ן זענען געווען.

הארפינא מיט זלאַטע׳ן זענען גלייך ארויף אין צימער. זלאַטע איז געבליבען שטעהן צומישט אויף דער שוועל און

הארפינא האָט ארומגעכאפּט טויבע׳ן און זי געקושט.

ווען טויבע וואָלט געוואוסט אז דאָס בלוט וואָס איז אויסגעגאָסען אויף הארפינא׳ס קלייד איז איהר מוטער׳ס בלוט! זי וואָלט זיך דאָך נישט געלאָזט אָנריהרען פון איהר.

יהודה האָט אָבער געשוויגען און גאָר נישט געזאָגט.

— כ׳בעט דיך, הארפינא טייערע — האָט טויבע געבעטען ציטערנדיג — זאָג מיר, לעבט נאָך עמיצער פון מיין פאמיליע? זאָג מיר דעם אמת!

הארפינא האָט געשאָקעלט מיט איהר שיכור׳ען קאָפּ — ניין!

— האָבען די מערדער גע׳הרג׳עט מיין טאַטע־מאַמע?

הארפינא האָט געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ — יא.

— און וואו איז לייבעלע מיט הערשעלען? — האָט טויבע געקלאָגט.

— אלע... אלע... דאָרט!... — האָט הארפינא געוויזען אויף׳ן הימעל און האָט זיך צואויינט. זי האָט די קינדערלעך אויפגעצויגען אויף איהרע הענד און עס האָט איהר וועה געטהאָן פאר זיי.

— גאָט! — האָט טויבע געגעבען א ווילד־געשריי. זי איז אראָפּגעשפרונגען פון בעט, זיך אויסגעצויגען ווי גרויס זי איז און מיט אויסגעשפּרייטע הענד געבליבען שטום, פערגליווערט. איהרע אויגען זענען געוואָרען מאָדנע גרויס און זי האָט געקוקט דערשראָקען פערוואונדערט, ווי זי וואָלט געזעהן עפּעס שרעקליכעס.

— טויבע! טויבע! — איז זלאטע צוגעלאָפען צו איהר און זי ארומגעכאפּט — טויבע, שטעה אויף! מיר זאָל זיין פאר דיר!

הארפינא איז צו צום פענסטער מיט א געשריי:

— היי, גוטע קריסטען! העלפט! ראטעוועט! מיין טייבעלע, מיין הארץ שטארבט!

די היידעמאַקעס האָבען זיך געלאָזט לויפען אויף די שטיגען. זלאטע האָט זיך געשטעלט אין טיר און געהייסען אָסטאפּ׳ן מיט זיין חברה געהן צוריק. זיי האָבען זי געפאָלגט און אוועק.

הארפינא האָט ארויסגענומען א פלאַש בראנפען פון בו־

זים און בעגאָסען טויבע'ן מיט בראַנפען. זי האָט איהר איינ־
געריבען די שלייפען, די הענד און ס'הארץ ביז טויבע איז
געקומען צו זיך. זי האָט דערזעהן זלאַטע'ן און אויסגעשטעלט
פערוואונדערטע אויגען :

— וואו... בין... איך ?... וואָס... איז... געשעהן ?... וואָס...
איז... אונז... צוגעקומען ?...

פלוצלינג האָט זי זיך דערמאָנט. פערלייגט די הענד אויפ'ן
קאָפּ און געיאָמערט :

— אוי, מיין אומגליק !

— מיין אומגליקליכע טויבע ! ביזט א יתומה ווי איך !—
האָט זלאַטע געוויינט — איין אומגליק האָט אונז געטראָפען !
מיר טאָרען אָבער איצט נישט קלאָגען. מיר מוזען געפינען
אן עצה צו ראַטעווען אונזער עהרע פון אייביגען שאנד !

— טרייסט דיך, טייבעלע ! — האָט געזאָגט הארפינא
צו טויבע'ן — קריגסט א חתן וואָס איז מעהר ווערט פון
טויזענט טאַטעס, טראַסצא איך מאַטערי. אסטאַפּ וויל דיך
פאַר א כלה !

— געה איצט ארויס און לאָז אונז אליין — האָט זלאַטע
געזאָגט הארפינא'ן.

הארפינא האָט זי געפאָלגט און איז ארויס. זי האָט זיך
געאיילט ווייל זי האָט געזעהן ווי די באנדע קייקעלט א פאַס
וויין אויפ'ן הויף פון פירשט'ס ווינקעלער.

— טויבע — האָט זלאַטע געזאָגט — אן ערגערער אומ־
גליק ווי דער טויט וואַרט אויף דיר. אסטאַפּ וויל מיט דיר
חתונה האָבען. נאַ־דיר דאָס שפּיזעל וואָס טימאַש במעלניצקי
האָט מיר געשאָנקען. זאָלסט זאָגען אסטאַפּ'ן אז דאָס האָסטו
געקראָגען פון טימאַש'ן א מתנה. איך ווייס אז אלע קאָזאַקען
און היידעמאַקעס האָבען געקראָגען א בעפעהל נישט צו
טשעפּען דאָס מיידעל מיט דער שפּיז. ווען אסטאַפּ וועט
אָבער נישט פאָלגען דעם בעפעהל וועט דיר די שפּיז זיין א
הילף אין דיין נויט...

טויבע האָט מיט עקעל אָפּגעשטופּט די שפּיז און גע־
זאָגט :

— איך וועל נישט אָנריהרען א קאָזאַק'ס געוועהר. ווער
ווייס צי עס קלעפּט נישט אן דעם אידיש בלוט ? אומגליקלי־

בע זלאַטע! וואָס איז מיט דיר געשעהן, יואָס דו געהסט אַרום מיט די היידעמאַקעס!?

— איך ברען פון נקמה! — האָט זלאַטע געזאָגט און איהרע אויגען האָבען געפלאַקערט — איך וויל זיך נוקם זיין אַן מיין פאָטער'ס מערדער!

— האָסט שוין דערלעבט נקמה... גענוג... — האָט טויבע געשווידערט — וואָס זוכסטו נאָך?...

— טשאַפּלינסקי לעבט נאָך! — האָט זלאַטע געזאָגט שרעקליך בייז. זי האָט פערשטאַנען וואָס טויבע האָט געמיינט און עס האָט איהר אַזוי וועה געטאָן און אויפגערעגט — איך מוז לעבען צו זעהן טשאַפּלינסקי'ס טויט!

— אומזיסט דיין האָפנונג. ער איז אין טאַלטשין. וועסט איהם גאָרנישט קענען טאָן.

— אַז גאָט וועט מיר העלפען — האָט זלאַטע געזאָגט — וועל איך יאָ קענען נעמען נקמה אַן איהם. די באַנדע געטרויט מיר און זיי שיקען מיך נאָך טאַלטשין איך זאָל פון אינוויינ־זיי העלפען. זיי ערלויבען מיר מיטצונעמען שמואל'ן מיט יהודה'ן. מען וועט אונז אריינלאָזען אין טאַלטשין און איך וועל שוין דאָרט נעמען נקמה אַן טשאַפּלינסקי'ן.

שמואל מיט יהודה'ן האָבען זיך דערפרעהט אַז זיי וועלען קענען אויעקגעהן פון דאַנען. דאָס האַרץ האָט אָבער גע־וויינט אין זיי: וואָס וועט זיין מיט טויבע'ן?

זיי האָבען זי געבעטען זי זאָל נעמען די שפּיז. טויבע האָט זיך אָבער נישט געוואָלט צוריהרען דערצו.

— זאָרגט נישט פאַר מיר — האָט טויבע געזאָגט — איך האָב אַן עצה ווי צו ראַטעווען זיך. מיין חתן וועט דאָך מיך נישט שענדען!...

שווערע טריט האָבען זיך דערהערט. יהודה האָט בע־האַלטען ביי זיך די שפּיז און אַסטאַפּ מיט האַרפּינאַ'ן און פיער אַלטע היידעמאַקעס זענען אריין אין צימער און קוים וואָס זיי האָבען זיך געהאַלטען אויף די פיס פון שכרות. טויבע האָט זיך אויפגעהויבען און אַנגעשטעלט אַ גוטמוטיג פנים. אַז אַסטאַפּ איז צוגעגאַנגען צו איהר און זי געוואָלט ארומנעמען האָט זי זיך אויסגעדרעהט און איהם געבעטען:

— אַסטאַפּקאַ! אויב איך געפעל דיר, בעט איך דיך, דו

זאָלסט מיך נישט בעליידיגען ! שמד מיך פריהער און האב מיט מיר חתונה, וועל איך דיר זיין א געטריי ווייב און וועסט מיך נישט פערשעמען !

— זי איז גערעכט ! — האָבען די אלטע היידעמאַקעס געשריגען.

— זי איז דאָך אַן ארנטליך קינד, טויבקא ! — האָט הארפינא זיך אָנגערופען — אסטאפקא, טו וואָס זי הייסט דיך. וועכט פערשאָלטען ווערען אויף דיין גאַנץ לעבען אויב דו וועסט זי אָנריהרען איידער דו וועסט זי אָפ׳שמד׳ען און מיט איהר חתונה האָבען אין צערקווע.

— היי, וויסיליא ! וויסיליא ! — האָט הארפינא ארויסגעשריגען דורכ׳ן פענסטער — מיר וועלען האָבען א חתונה !

— וויסיליא ! וויסיליא ! — האָט די באַנדע אונטען אָפגעענטפערט.

— איך וויל נישט די חתונה זאָל זיין אין דער היגער צערקווע — האָט טויבע געזאָגט — עס וועט זיך צוזאמענקומען א גרויסער עולם. עס וועט זיין אַ שרעקליכער טומעל. לאָמיר בעסער אריבערפאָהרען אין צערקווע איבער׳ן טייך, מיר׳ן מיטנעמען הארפינא׳ן מיט די אלטע לייט. דער פאָפ וועט אונז פעראייניגען אויף אייביג. דערנאָך וועלען מיר זיך אומקערען אהער און מען וועט פייערן די חתונה מיט אַ גרויסע מאָלצייט פאר אלעמען.

— זי איז גערעכט, גערעכט ! — האָבען אלע געזאָגט — אָבער מיר מוזען שוין אָנהויבען טאָן, ווייל באַלד וועט ווערען פינסטער און מיר האָבען א סך ארבייט.

טויבע האָט די גאַנצע צייט נישט געקוקט צו זלאָטע׳ן מיט שמואל׳ן און יהודה׳ן. זי האָט געהייסען אלעמען ארויסגעהן, נאָר הארפינא זאָל איבערבלייבען און העלפען איהר זיך אָנטאָן אין ווייסע קליידער ווי א כלה צו דער חופה. אסטאפ האָט געצאַפּעלט פאר פרייד. ער האָט אָבער געמוזט ארויסגעהן אינאיינעם מיט די אַלטע.

זלאָטע האָט אנגעקוקט פערוואונדערט שמואל׳ן מיט יהודה׳ן און זיי האָבען נישט פערשטאַנען וואָס טויבע וויל דאָ טאָן. זלאָטע איז צוגעגאנגען צו אסטאפ׳ן און איהם געזאָגט :

— איידער דו געהסט פראווען די חתונה מיט טויבע'ן היים אָנזאָטלען דריי פלינקע פערד פאר מיר מיט די צוויי בחורים. מיט'ן טאָג צוגלייך מוזען מיר זיין אין טאלטשין.

— ווילסט אויך רייטען? האָסט נישט מורא וועסט אַראָפּפאַלען? — האָט אַן אלטער היידעמאַק זי געפרעגט.

— דו זאָרג זיך נישט פאר איהר! האָט הארפינא זיך אריינגעמישט — זי איז א קאָזאַצקע מויד. פון קינדווייס־אויף איז זי געוועהנט מיט דער סטעפּע און פערד.

איידער טויבע מיט הארפינא'ן זענען אַראָפּגעקומען פון צימער זענען דריי פערד שוין געשטאַנען געזאָטעלט פאר זלאַטע'ן, שמואל'ן און יהודה'ן. זי האָט אויך געקראָגען מאקסים'ס אָפּיצירען־שטעקען אלס שוץ קעגען די היידעמאַקישע באנדעס אויפ'ן וועג. יהודה האָט מיטגענומען עפּיס עסען אויך. זיי האָבען אָבער נישט געריהרט זיך פון אָרט. זיי האָבען געוואָלט וויסען ווי אַזוי די כשר'ע אידישע טאָכטער טויבע וועט זיך ראַטעווען פון שאַנד. זיי האָבען נישט געוואָלט גלויבען אז זי וויל טאַקי זיך שמד'ען און חתונה האָבען מיט דעם מערדערישען קנעכט.

---

באַלד איז אַראָגעקומען טויבע אָנגעטאָן אין ווייסע קליידער און דאָס פנים שרעקליך ווייס. זי האָט נישט קיין טראָפּען בלוט אין פנים. איהרע שווארצע אויגען זענען געוואָרען מורא'דיג גרויס און זייער פלאַם אָפּגעקיהלט און פערלאָשען. זי האָט א קוק געטאָן אויף שמואל'ן, און איין גאַט ווייס וואָס זי האָט דעמאָלט געטראַכט.

די שכור'ע באנדע האָט איהר אקעגען געטאַנצט צופּאַטשענדיג מיט די הענד. שכורים וואס האָבען זיך געוואַלגערט אויף דער ערד אין אידישען בלוט האָבען אויך געפּאַטשט מיט די הענד. אסטאַפּ מיט די אלטע און עטליכע רייטער זענען ארויפגעשפּרונגען אויף פערד און טויבע מיט הארפינא'ן האָבען זיך אריינגעזעצט אין א קאַרעטע וואָס זיי האָבען גענומען אין פּאַלאַץ.

די קאַרעטע איז געפאָהרען פאָראויס, שמואל, יהודה און זלאַטע אַן א זייט. אסטאַפּ מיט די רייטער פון הינטען און נאָך זיי די גאַנצע באַנדע. נאָר די היידעמאַקעס פון

שטאָדט זענען נישט מיטגענאָנגען. זיי זענען געווען פערנר־מען מיט אויסרויבען די אידישע הייזער.

מורא׳דיג האָט אויסגעזעהן די שטאָדט. שרעקליך זענען געווען די אידישע גאסען. טיר און פענסטער צוהאַקט און צובראָכען. די הייזער איינגעוואָרפען. די גאסען זענען פול מיט צושמעטערטע כלים אז דו קענסט נישט דורכגעהן. אַלץ איז בעדעקט מיט פעדערן ווי א גרויסער שניי וואָלט אויסגעפאַלען. פעדערן פון אידישען בעטגעוואַנט.

א ווינט האָט געטאָן א בלאָז און די פעדערן האָבען אָנגע־הויבען צופליהען און מען האט דערזעהן אונטער די פעדערן ליגען מאסען געקוילעטע אידען. טויטע אידען האָבען זיך געוואַלגערט אין איטליכען ווינקעל.

אָט ליגט א טויט מיידעל מיט צוריסענע קליידער. די וויל־דע חיות האבען זי געפייניגט און פערצומרייניגט ביז זי איז געבליבען טויט אונטער זייערע פיין, און זיי האָבען זי אפילו נישט צוגעדעקט, נאָר געלאָזט ליגען אָפגעדעקט אין איהר שאַנד.

נישט ווייט הענגט אן אלטער גרייז מיט א ווייסע באָרד ביז צו די לענדען. ער הענגט איבער דער טיר און ארום זיין האַרץ אויף א שטריק אָנגעצויגען די קעפּ פון זיינע קינדער און אייניקלעך.

א פּאָר טריט ווייטער הענגט א יונגערמאַן נאַקעט און די שקצים כאַפּען זיינע פערגליווערטע פיס און וואַרפען אהין־און־צוריק, אהין־און־צוריק.

כמעט אין יעדען אידישען הויז איז געווען אַזא תליה. וואו מען האָט געוואָרפען א בליק האָט מען געזעהן אידען הענגען.

און דאָרט האָט מען געזעהן א קערפער אָהן א קאָפּ. די מערדער האָבען אָבגעריסען לעבעדיגערהייט דעם קאָפּ פון דעם אידען און מיט דעם קאָפּ געשפּילט באַלעם. דער אָפּגע־נער האָלז האָט געוואָרפען אַזא שרעק און אן אימה. די גאסען זענען געווען פול מיט אָפּגעהאַקטע הענד און פיס, אפּגע־שניטענע ברוסטען און צושפּאָלטענע בייכער אויסגעמישט מיט צוריסענע ספרי־תורות, צוטראָטענע תפילין אין פער־גליווערטע מוחות פון יונגע קינדער׳ס קעפּלעך.

ביים טייך איז געווען אַ ניי אומגליק. אַ סך אידען וואָס זענען אַנטלאָפען פאַר די רוצחים זענען אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער און געוואָלט אַריבערשווימען און זיך ראַטעווען אין וואַלד אויף יענער זייט טייך. די בייזע הײדעמאַקעס האָבען זיך געיאָגט נאָך זיי. אַ טייל האָט געשאָסען מיט ביקסען אויף די שווימענדע אידען. אַנדערע האָבען נאָכגעשוואומען די אידען און דערשטאָכען מיט די פּיקעס און צושמעטערט די קעפּ מיט אייזענעס.

איבער׳ן גאַנצען טייך איז אָנגעגאַנגען דאָס ווילדע געיעג אויף די אַנטלאָפענע אידען. דער טייך איז פול געוואָרען מיט טויטע און דאָס וואַסער איז רויט געוואָרען פון דעם פערגאָסענעם אידישען בלוט.

שמואל, זלאַטע און יהודה האָבען זיך אַרויפגעכאַפּט אויף דער בריק און וואָס גיכער געוואָלט אַוועק פון דעם שרעק־ליכען גיהנם. פּאַראויס איז אָבער גאַר געגאַנגען אַ קאַפּעליע מוזיקאַנטען און אַ סך גוים האָבען אַקעגען געטאַנצט דע־״חתונה״.

ווען זיי זענען געווען אינמיטען בריק האָבען זיי דער־זעהן די חתן־כלה וואָס זייער חתונה האָט היינט געזאָלט זיין מיט גרויס פּאַראַד. רב זרח חזן׳ס טאָכטער און דעם גביר ר׳ חיים׳ס זוהן. חתן־כלה זענען געזעסען אין אַ קליין שיפעל און מיט די לעצטע כחות געאַרבייט אַריבערצושיפען זיך צום צווייטען ברעג.

ביידע זענען געווען אָנגעטאָן אין די חופּה־קליידער. אַנט־לויפענדיג האָבען זיי נישט געהאַט קיין צייט זיך איבערצור־טאָן. אַ באַנדע הײדעמאַקעס האָט זיי נאָכגעיאָגט. דאָס האַרץ האָט זיך געוואָרפען אין גרויס שרעק. אָט כאַפּען זיי די חתן־כלה.

די כלה האָט זיך איינגעבויגען צום חתן און איהם עפּיס געזאָגט. באַלד האָט דער חתן זי אַרומגענומען און אַריינגע־שפּרונגען מיט איהר אין טייך... דער טייך האָט זיי איינגע־שלונגען און מען האָט זיי מעהר נישט געזעהן.

שמואל, יהודה און זלאַטע האָבען געקוקט מיט גרויס וואונדער אויף דעם מוט און העלדישקייט פון חתן־כלה. פּלוצלינג האָבען זיי דערהערט אַ גרויס געשריי. טייבע האָט

זיך אויפגעשטעלט א ווייסע אין די ווייסע קליידער, אויס־געשפרייט די הענד און ווי א ווייסער וואסער פויגעל זיך א רים געטאָן שרייענדיג:

— ש מ ע י ש ר א ל ד׳ אלהינו ד׳ אחד!

און מיט איין שפרונג איז טויבע שוין געלעגען אין טיפען טייך. — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אסטאפ האָט געוואָלט נאָכשפּרינגען און זי ראטעווען. אָבער זיינע חברים האָבען איהם נישט געלאָזט ער זאָל נישט שיבור׳הייט דערטרונקען ווערען. ער האָט זיך געריסען מיט זיי און טויבע איז אראָפּ אהין וואו די הייליגע חתן־כלה...

די היידעמאַקעס האָבען בייז געשאָלטען טויבע׳ן. אסטאפ האָט שרעקליך געשלאָגען הארפינא׳ן. זי האָט ווילד געשריגען. עס איז געוואָרען א מחומה, זלאטע, שמואל מיט יהודה׳ן האָבען אויסגענוצט דעם טומעל און דערלאנגט גוטע שמיץ די פערד און ווי פייל פון בויגען אוועק אויס׳ן וועג נאָך מאלטשין.

---

זיי זיינען געריטען גיך. די הערצער צובראָכען פול וויטאָג און טרייסט פון טויבעס מוטיגען טאַט. עס איז זיי געווען שרעקליך שווער. זיי האָבען אָבער נישט גע־קענט וויינען. ווי די טרערען וואָלטען געוואָרען פער־גליווערט. דער קאָפּ האָט זיי געדרעהט, געקלאפּט אין די שלייפען. און איין ווילען האָט זיי דריי געטראָגען — אנטלויפען פון דעם שרעקליכען גיהנום.

א בלויער הימעל האָט זיך אויסגעשפרייט איבער זיי־ערע קעפּ. א גרינע ערד הינטער זיי. די זון א גרויסע, א רויטע האָט אראָפּגענידערט אויף מערב. זייט און בע־גאָסען מיט רויטקייט די שטילע סטעפּע. זיי האָבען אָפּגעשטעלט די פערד און אראָפּ אָפּרוהען זיך.

זיי האָבען זיך געזעצט אויף א בערגיל און דערזעהן דעם טייך וואָס האָט געגלאנצט רויט. איז דאָס געווען די רויטקייט פון דער אונטערגעהענדיגער זון אָדער רויט פון אידישען בלוט?

פּלוצלונג האָט זיך דערהערט א פורכטבארער יאָמער,

א דינע קלאַג וואָס האָט איינגעשניטעו דאָס האַרץ. זלאטע איז געלעגען אויף דער ערד האלב צומישט, געריסען די האָר פון קאָפ, געקלאפט זיך אין האַרצען און געיאָמערט.

שמואל מיט יהודה׳ן האָבען דערפיהלט ווי עפּיס צו־געהט זיי אונטער האַרצען. דער טרערען קוואל האָט זיך געעפענט און זיי האָבען אָנגעהויבען וויינען. אין דער שטילער סטעפּע זיינען זיי דריי געזעסען און בעוויינט דאָס גרויסע אומגליק.

—איצט וויים איך פאַרוואָס טויבע איז געווען אזוי זיכער אז זי וועט געפינען אן אויסלייזער — האָט שמואל זיך אָנגערופען מיט ביטערע טרערען — דער טייך. אויפ׳ן טייך האָט זי געקוקט ווי אויף איהר אויסלייזער. זי האָט נישט געוואָלט געהן אויף דער חתונה פון חתן־כלה און זי איז געווען זייער איינציגע אונטערפיהרערין אין טיפען תהום אריין...

— זי איז נישט די איינציגע — האָט יהודה געיאָ־מערט — אַ סך אידען זענען היינט אראָפּ צום תהום. איבער זעקס טויזענד נפשות האָט געצעהלט די נעמיראָ־ווער קהלה חוץ די אַנגעלאָפענע. ווער וויים ווי פיעל עס זענען אומגעקומען.

— מיין איינציגע טרייסט איז וואָס איך האָב מציל געווען דעם רב מיט זיין פרומע מוטער — האָט געזאָגט זלאטע — מאַקסים האָט זיי געוואָלט הרג׳ענען, האָב איך איהם געבעטען ער זאָל צונעמען זייער פערמעגען און זיי לאָזען לעבען.

— און די רעביצין מיט די קינדערלעך?

— זיי האָבען זיך בעהאַלטען אין א זיכער אָרט.

נאכדעם ווי זיי האָבען זיך גוט אויסגעוויינט איז זיי געוואָרען גרינגער. זיי זענען ארויף אויף די פערד און געריטען ווייטער. ארום האלבע נאַכט זענען זיי צוגעקומען צום בוג לעבען פעטשארא. א באַנדע היידע־מאַקעס האָט זיי פערהאלטען. זלאטע האָט זיי געוויזען מאַקסים׳ס שטעקען און מען האָט זיי דורכגעלאָזען. מיט׳ן טאָג צעגלייך זענען זיי אָנגעקומען נאָך טאלטשין. די וועכטער האָבען זיי דערזעהן און גלייך אריינגעלאָזט.

אין טאָלטשין האָבען זיי צו זייער טרויער זיך דער־וואוסט פון עטליכע אידען וואָס זענען אנטלאָפען פון נע־מיראָוו אז זיי האָבען זיך אומזיסט געפרייט גלויבענדיג אז דער רב איז געבליבען לעבען.

מאַקסים האָט צוליעב זלאטעס געבעט איהם געלאָזט לעבען נאָר צו מאָרגענס איז דער הייליגער נעמיראָווער רב רבי יחיאל מיכל מיט זיין מוטער אומגעקומען. דעם רב'ס שכן א שכור'ער שוסטער איז אריינגעקומען צום רב אין הויז און געזוכט די רביצין. ער האָט געפאָדערט פון רב ער זאָל איהם זאָגען וואו די יונגע שעהנע רעביצין איז בעהאַלטען.

דער רב האָט געשוואוירען אז ער וויים נישט וואו זי איז. איז דער היידעמאַק איהם בעפאלען און געשלאָגען מערדערליך. דער רב האָט איהם אוועקגעגעבען אלץ וואָס מאַקסים האָט איבערגעלאָזט און איהם געבעטען ער זאָל איהם איבערלאָזען בלוים די נשמה. דער היידעמאַק האָט אלץ צוגענומען און איהם ווייטער געשלאָגען מיט א שטיק אייזען.

דער רב האָט זיך געוואָלט ראַטעווען און איהם געגע־בען דעם שליסעל פון קעלער ער זאָל געהן זוכען די רעבי־צין. ווי דער היידעמאַק איז אראָפּ אין קעלער האָט דער רב געכאַפּט זיין אלטע מאַמע און אנטלאָפען מיט איהר אויפ'ן בית עלמין, זיך צו בעהאַלטען צווישען די קברים.

אז דער היידעמאַק האָט נישט געפונען די רעביצין אין קעלער איז ער ארויסגעלאָפען און מיט חיה'שען צאָרן גע־נומען זוכען דעם רב. ער איז נאָכגעגאנגען זייערע טריט וואָס זענען געווען צו דערקענען אין די צעשפּרייטע פע־דערען און צוגעקומען צום בית עלמין. דעם רב'ס אלטע מאַמע האָט שוין נישט געהאַט קיין כח צו געהן האָט ער זי דערזעהן פריהער. ווי א ווילדע חיה האָט ער זיך אויף זיי געוואָרפען און מיט'ן שטיק אייזען גענומען אָפּ־האַקען דעם רב'ס הענד.

די אלטע פערביטערטע מוטער האָט געוויינט פאַר איהם ער זאָל פריהער זי דער'הרג'ענען, זי וויל נישט צו־זעהען ווי ער טויט איהר קינד. ער האָט זי אָבער נישט

געוואָלט הערען און אזוי לאנג געשלאָגען דעם רב מיט׳ן אייזען ביז ער האָט קיין גאנצען ביין נישט געלאָזט אין איהם. דערנאָך האָט ער דער אלטער דערלאנגט א טויט קלאפּ און איז אוועק.

אז ס׳איז א טאָג שפּעטער געוואָרען שטיל און די רעבי־צין איז ארויס פון בעהעלטעניש האָט זי אויפגעזוכט דעם צושמעטערטען גוף פון רב און לעבען איהם איז געלעגען די אלטע מאמע און האָט נאָך געאָטעמט. זי האָט בע־וויזען צו דערצעהלען ווער ס׳האָט זיי דער׳הרג׳עט און איז אויך אויסגעגאנגען. די בעטריבטע רעביצין האָט געבראכט ביידע צו קבורה.

טאלטשין איז געווען א מעכטיגע פעסטונג. זי איז לעבען וואסער און ארומגערינגעלט מיט קאנאלען, שאנצען, וואלען און א פעסטע מויער מיט שטארקע טורעמס וואָס זענען בע־פעכטיגט מיט הארמאטען וואָס שפּייען טויט אויף יעדען פיינט וואָס וויל זיך דערנעהנטערן.

טאלטשין איז געווען דאָס אייגענטום פון העטמאַן קאַ־לינאווסקי, וואָס איז צוזאמען מיט דעם אלטען העטמאַן פּאָ־טאצקי גענומען געוואָרען געפאנגען פון די טאטערן און אוועקגעפיהרט געוואָרען נאָך קרים. פירשט טשעטווערטינ־סקי איז געווען קאלינאווסקי׳ס אן אייגענער, איז ער געוואָ־רען דער הויפּט פון דער שטאָדט.

שמואל מיט יהודה׳ן זענען אריינגענומען געוואָרען אין דער אידישער וואך וואָס איז געשטאנען לעבען דער מויער און זלאטע איז אוועק אין פירשט׳ס פּאלאץ. איידער זי איז אוועקגעגאנגען האָט יהודה איהר דערלאנגט טימאש׳ס שפּי־זעל וואָס טויבע האָט נישט געוואָלט נעמען און ער האָט איהר געזאָגט:

— דו געהסט דאָך בעגעגענען טשאפּלינסקי׳ן. ווילסט נעמען נקמה פאר דיין טאטע. נעם דאָס, עס וועט דיר קומען צונוץ.

אז זלאטע איז אריינגעקומען אין פּאלאץ האָט דער פירשט זיך דערפרעהט מיט איהר. די פירשטין האָט געמאכט א קרומע מינע און דערזעהענדיג ביי איהר מאקסים׳ס שטע־

קען האָט זי געזאָגט, אז זלאַטע איז געקומען אלס קאָזאצקע שפּיאָנקע.

אָבער דער יעזואיטישער גלח האָט זיך איינגעשטעלט פאר איהר זאָגענדיג אז א אידיש מיידעל וועט נישט דינען די כלאפּעס וואָס האבען פערגאָסען אזויפיעל אידיש בלוט.

— ווי קומט דאס וואָס די כלאפּעס האָבען זי געלאָזט לעבען? — האָט די פירשטין געפרעגט — זי קומט דאָך פון נעמיראָוו. די כלאָפּעס האָבען קיין איין אידיש נפש נישט געלאָזט לעבען. ווי אזוי האָט זי זיך געראַטעוועט? זי מוז זיין א מכשפה! אלע אידישקעס זענען מכשפות.

— נישט קיין מכשפה, נאָר א צויבערין — האָט דער פירשט געשמייכעלט — מיט איהרע וואונדערליכע אויגען און קלוגע רייד בעצויבערט זי די גרעסטע מערדער.

— וואָס טוט זיך מיט דיר? — האָט די פירשטין זיך געקרימט — ווען דו דערזעהסט די דאָזיגע זשידאָווקא צינדסטו זיך אָן ווי דו וואָלסט געוועזן א יונגער יונג!

— ווען אידישע טעכטער וואָלטען געווען מכשפות וואָל־טען דאָך זייערע שונאים זיי נישט פערטיליגט — האָט זלאַ־טע זיך אָנגערופען.

— איך זעה אין דעם א נס — האָט דער גלח געזאָגט — גאָט'ס ווילען איז זי זאָל ווערען א קאַטאָלישע. פאָלג מיך, שמד זיך, כ'וועל דיך מאַכען פאר די אויפזעהערין פון מיין הויז. אונזער גלויבען גיט עולם הזה און עולם הבא.

די פירשטין האָט געקוקט פערוואונדערט אויפ'ן גלח וואָס האָט געגלאָצט מיט די אויגען צום הימעל.

זלאַטע האָט איהם געענטפערט שארף:

— פון עולם הבא וואָס איהר זאָגט צו, ווייס איך נישט. אָבער אייער עולם הזה האָב איך געזעהן. אייער קירכע אין נעמיראָוו איז פונקט אזוי צושמעטערט ווי די אידישע שוהל. און דער אלטער מאַנאך וואָס האָט נישט געוואָלט ארויסגעהן פון קירכע הענגט אויף דער קירכע־טיר פונקט ווי עס הענגט דער שמש איבער דער טיר פון שוהל. דאָס זעלבע אומגליק האָט געטראָפען אייך און אונז. טאָ פאַרוואָס זאָל איך זיך שמד'ען?

דער גלח האָט געפּרובט זי איבעררעדען צו שמד און זי

האָט איהם זעהר קלוג אָפּגעענטפערט. דער פירשט האָט גע־לאַכט און געזאָגט:

— נו, אַניעלקאַ, וואָס איז זי, אַ מכשפה אָדער אַ זיסע צויבערין?

---

אין דעם איז אריינגעקומען טשאַפּלינסקי. ער האָט דער־זעהן זלאַטע׳ן האָט ער זיך אָפּגערוקט הינטערוויילעכטס. ער האָט זיך אָבער גלייך בעהערשט. געבליבען שטעהן און זי דורכגענומען מיט זיינע בליקען: ווייס זי אַז ער האָט אויפ־געהאַנגען איהר פאָטער אָדער נישט?

— קענסט דאָס מיידעל? — האָט די פירשטין איהם געפרעגט.

— כ׳קען זי — האָט ער געשטאַמעלט — זי איז יעקב סאַבאַטאַווער׳ס טאָכטער, וואָס... —

— וואָס דו האָסט אויפגעהאַנגען — האָט די פירשטין פערכאַפּט — ווייל ער האָט אונז פערראַטען און געווען גע־טריי די כלאָפּעס.

זלאַטע האָט אַ ציטער געטאָן און טשאַפּלינסקי האָט זיך אָנגערופען:

— יאַ, גנעדיגע פירשטין. אויף איהר איז אויך דאָ אַ פערדאַכט אַז זי ליעבט זיך מיט אונזער שונא כמעלניצקי׳ס זוהן.

— איהר האָט געהערט? — האָט טריאומפירט די פירשטין — פירשט מיינער, הערר גלח! איך האָב דאָס שוין לאַנג געזאָגט. איך האָב דאָך געזעהן ביים וואַלד ווי זי האָט זיך ארומגעשלעפּט מיט אַ יונגען כלאָפּ. איצט האָט זי אַ קאָזאַצקע פּיערנאַטע. זי האַלט מיט די כלאָפּעס, זי איז גע־קומען שפּיאָנירען.

— איך בעט אייך — האָט זלאַטע געזאָגט — גלויבט נישט די בלבולים פון דעם בייזען מענשען. ער זוכט מיך אריינצוקריגען אַנשטאָט זיין ווייב וואָס האָט איהם אַוועק־געוואָרפען, ווייל ער איז אַ מיאוס׳ער מענש. די פירשטין איז אַ פירשטין און איך בין נאָר אַן ארים אידיש מיידעל. אָבער זאָל די פירשטין געדענקען אַז איך בין אַ פרוי און מיך נישט בעליידיגען. איך האָב געהאָפּט צו געפינען הילף ביי

דער פירשטין. דאָס ערשטע מאָל בין איך געקומען אהער צו ראַטעווען מיין פאָטער פון טויט און איצט בין איך געקומען צו אייך בעטען גערעכטיגקייט פאר מיין געטויטעטען פאָטער. אנשטאַט הילף בעליידיגט איהר מיך! ווי קען איך ליעב האָבען א קאַזאַק וואָס זיין פאָלק וויל פערטיליגען מיין פאָלק? איך וועל דאָך נישט קומען אהער שפּאַצירען און איבערגעבען מיינע ברידער אין די הענד פון זייערע ביטערע פיינד.

—דאָס מיידעל איז גערעכט! לאָזט זי צורוה! — האָט דער פירשט געזאָגט — איך וועל איהר העלפען!

— ווערטא! איך בעשטעה נישט! — האָט טשאַפּלינסקי זיך אָנגערופען און די פירשטין מיט'ן גלח האָבען מיטגעהאַלטען מיט איהם.

— כ'האָב צוויי עדות — האָט זלאַטע געזאָגט — צוויי יונגע לייט וואָס זענען מיט מיר מיטגעקומען. זיי זענען איצט אין דער אידישער וואך. פרעגט זיי, וועט איהר הערען צי איך זאָג אמת.

— גוט — האָט דער פירשט געזאָגט און געהייסען אויפזוכען שמואל'ן און יהודה'ן.

ווי מען האָט געבראַכט שמואל'ן מיט יהודה'ן אין פּאַלאַץ, האָט די פירשטין גלייך דערקענט שמואל'ן און זי האָט געזאָגט:

— איהם האָבען מיר דאָך געזעהן ווען זי האָט פערבראַכט מיט איהר געליעבטען קאַזאַק ביים וואַלד!

טשאַפּלינסקי האָט זיך איינגעקוקט אין זיי און געזאָגט:

— די צוויי יונגען פאָהרען ארום איבער'ן גאַנצען לאַנד. נישט לאַנג צוריק זענען זיי געווען אין בראַד ביי קאָנעצפּאָלסקי'ן. זיי האָבען מיר אויך געבראַכט א גרוס פון אייך.

— דאָס איז א ליגען! — האָט די פירשטין געזאָגט.

דער פירשט האָט געקוקט צוטומעלט אויף יהודה'ן און געזאָגט:

— דעם יונגענמאַן זעה איך ס'ערשטע מאָל.

— איצט איז קלאָר, זיי זענען שפּיאָנען ווי זי. מען דאַרף זיי טויטען! — האָט טשאַפּלינסקי געשריגען.

— אייל זיך נישט! — האָט דער פירשט געזאָגט —

מען טאר נישט אויפרייצען די היגע אידען. מען וועט זיי פערשפארען ביז די סכנה וועט אריבער און דערנאך וועלען מיר זעהן וואס צו טאן מיט זיי.

און אזוי איז געבליבען.

— גנעדיגער הערר! — האט זלאטע געזאגט צום פירשט — אויב איהר פערשפארט אונז, זאל איך זיצען איינ־איינעם מיט מיינע חברים. זיי זאלען מיך קענען בעשיצען פאר שלעכטע מענשען וואס וועלען קומען מיך פייניגען.

די פירשטין האט זיך צולאכט:

— זעהט נאר די צנועה! זי קלייבט זיך אויס צוויי גע־זונטע בחורים וואס זאלען זי היטען פאר שלעכטע מענשען! ווער וועט זי היטען פאר זיי?

זיי האבען אנגעהויבען שמועסען אויף פראנצויזיש, פער־געסענדיג אז שמואל קען גוט פראנצויזיש. זיי האבען בעשלאָ־סען איינצוזעצען זלאטע'ן אין קעלער פון פאלאץ און שמואל'ן מיט יהודה'ן אין א טורעם פון פעסטונג.

שמואל מיט יהודה'ן זענען איינגעזעצט געווארען אין א פינסטער צימער, וואס נאר א קליין פענסטעריל, פינף איילען הויך, איבער זייערע קעפ האט זיי אריינגעבראכט א ביסעל טאג־ליכט. צוויי מאל אין טאג האט מען זיי אריינגעלאנגט דורכ'ן שפאלט אין דער אייזענער טיר ברויט מיט וואסער. צעהן טעג זענען זיי געזעסען און געהערט די שטורמען וואס האבען זיך געטראגען אין דרויסען.

---

* דער גרויזאמער קאזאקען אטאמאן גאנזשא האט געמאכט א שטארקע אטאקע אויף טאלטשין. די אידען מיט די פאָ־ליאקען האבען אין אנפאנג איהם אפגעשטויסען. דערנאך האָ־בען זיך צוזאמענגעקליבען מחנות היידעמאקעס פון די אַרו־מיגע שטעדט. זיי האבען געבראכט הארמאטען [illegible] האבען צוגעגאנגען פון די פאליאקען און באמבארדירט די פעס־טונג.

זיי האבען געמאכט א סך שפאלטען אין דער מויער און די מויער־וואך האט געליטען גרויסע פערלוסטען. די פאליא־קען האבען זיך דערשראקען און געשיקט זאגען גאנזשא'ן, אז זיי זענען גרייט איהם צו געבען א גרויסע סומע געלד, עס

זאל אוועקגעהן פון פעסטונג. גאנזשא האט זיי געגעבען דעם דאזיגען ענטפער :

— מיט אייך, פאליאקען, וועלען מיר שליסען פרידען, אויב איהר וועט מיר געבען א גרויסע סומע געלד אויסלייז־געלד. די אידען קענען אבער נישט קריגען קיין פרידען פאר קיין געלד אין דער וועלט. זיי האבען געלעסטערט אונזער גלויבען און מיר האבען געשוואוירען זיי צו פערטיליגען. טרייבט ארויס די אידען צו אונז !

די פוילישע שליאכטשיטשעס האבען בעשלאסען אפצו־נארען די אידען. זיי האבען די אידען אנגעזאגט א בשורה, אז דער פיינד איז גרייט אפצוטרעטען פאר א גרויסע סומע געלד. און זיי האבען אויפגעפאדערט די אידען זאלען ברענ־גען זייער געלד אין פאלאץ און אז מען וועט בעפרידיגען די היידעמאקעס וועט ווערען פרידען.

איינציגוויים זענען די אידען געקומען מיט געלד אין פאלאץ אריין. די פאליאקען האבען דערווייל צוגענומען פון די אידען זייער געוועהר. די אידען האבען אנגעהויבען פער־שטעהן אז די פאליאקען האבען זיי אפגענארט און ווילען זיי איבערגעבען אין די הענד פון די היידעמאקעס.

די אידען זענען געווען אין א גרעסערע צאהל ווי די פא־ליאקען און זיי האבען געוואלט בעפאלען די פערדעטערישע פאליאקען, זיי אויס׳הרג׳ענען און דערנאך ווייטער קעמפען קעגען די היידעמאקעס. נאר דער טאלטשינער רב דער גאון רבי אהרן האט דאס נישט דערלאזט.

— איהר טארט דאס נישט טאן ! — האט דער רב גע־טענה׳ט — די גוים פון אלע לענדער וועלען דאס געוואהר ווערען און אויסראטען אלע אידען. אויב ס׳איז א גזרה פון הימעל מיר זאלען אומקומען, לאמיר מיט פרייד נעמען אויף זיך דעם גזר־דין. וואס זענען מיר בעסער פון די נעמיראווער אידען ? דער אויבערשטער וועט העלפען און דער שונא וועט צונעמען אונזערע פערמעגענס און אונז לאזען לעבען.

די קהלה האט געפאלגט דעם רב און די פאליאקען האבען געהאלטען פערשפארט די אידען אין פעסטונג צוויי טעג אהן עסען. אפילו פרויען און קינדער האבען געהונגערט. און די

פאָליאַקען האָבען דערווייל זיך בעראַטען וואָס צו טאָן מיט די אידען.

די אידען האָבען געזעהן אז דער סוף איז נאָהנט און זיי האָבען זיך געגרייט צום טויט אויף קידוש השם. דער רב רבי אהרן מיט זיינע חברים רבנים, דער גאון רבי שלמה פון שאַרעגראָד און די גאונים רבי אליעזר און רבי חיים האָבען מיט זייערע פייערינע רייד געשטאַרקט דעם מוט פון די אידען. רבי אליעזר האָט געהאַלטען א דרשה שבת וועגען די עשרת הדברות און געמאַכט א הספד איבער די נעמיראָווער קדושים און געהייסען אַלעמען זיין גרייט אויף קידוש־השם ווי די נעמיראָווער קהלה.

אויפ׳ן דריטען טאָג באַלד אינדערפריה האָבען די פּויליש עלטסטע מיט זייערע סאָלדאַטען אָנגעהויבען ארויסטרייבען די אידען פון פעסטונג ארויס צו די הוידעמאַקעס. די מענער האָבען זיך אָנגענומען מיט מוטה און געבעטען מחילה איינער פון אנדערן, געקושט און געהאַלזט זיך און געגאַנגען פעסט אומדערשראָקען אקעגען צום טויט. נאָר די פרויען האָבען נישט אויסגעהאַלטען. מיט זייערע זויג־קינדער אויף די הענד האָבען זיי זיך געוואָרפען צו די פיס פון די פוילישע עלטסטע און מיט ביטערע טרערען זיי געבעטען :

— געדענקט אין גאָט אין הימעל ! אויב איהר ברעכט אייער צוזאָג צו אונז, וועט דער פיינד ברעכען זיין צוזאָג צו אייך ! האָט רחמנות אויף אונזערע קינדער ! שיקט אונז נישט צום טויט. שפּעטער וועט אייך באַנג טאָן און ס׳וועט שוין זיין צו שפּעט !

די פּאָליאַקען האָבען אָבער נישט געוואָלט הערען זייערע געוויינען און געבעט און מיט זייערע בייטשעז געטריבען די אידישע פרויען און קינדער צו די הוידעמאַקעס. ווי די אידען זענען ארויס פון פעסטונג האָבען די פּאָליאַקען געעפענט די טויערן און די הוידעמאַקעס האָבען זיך אריינגעריסען און ווי ווילדע חיות בעפאַלען די הילפלאָזע אידען.

די אידען האָבען זיך געוועהרט. זיי האָבען געבאָפט שטיקער העלצער און שטיינער און געקעמפט קעגען ווילדען שונא. די אידישע מאַמעס האָבען ווי פערביטערטע לייבען בעשיצט זייערע קינדער. דריי טעג און דריי נעכט האָט געדויערט די

מורא'דיגע שלאכט ביז אלע אידען זענען אויסגעראָט געוואָרען ביי א ווילדען גרויזאמען טויט.

ווען אלע אידען זענען שוין געלעגען טויט האָט גאנזשא גענומען א גרויסע סומע אויסלייז־געלד פון די פּאָליאַקען און אוועק פון שטאָדט. די פּאָליאַקען האָבען זיך געפרעהט וואס זיי האָבען געראַטעוועט זייער לעבען אפּגעבענדיג די אידען אלס זייער אָפּלייזער. דער פירשט טשעטשערטינסקי האָט געמאַכט א גרויסען באַל און זיי האָבען געהוליעט און געשיכורט.

זלאַטע איז די גאַנצע צייט געזעסען פערשפּאַרט אין קעלער פון פּאַלאַץ. זי האָט געוואוסט אלץ וואָס קומט פאָר. דער פירשטינ'ס דינסט האָט איהר אלץ דערצעהלט ווען זי האָט איהר געבראַכט עסען. מעהר ווי טרוקען ברויט מיט וואסער האָט זלאַטע נישט גענומען. עטליכע מאָל איז דער גלח געקומען צו איהר און איינגע'טענה'ט מיט איהר זי זאָל זיך שמד'ען און ווערען זיין הויז־אויפזעהערין. ער האָט אזוי לאַנג גערעדט ביז זי האָט איהם מיט כעס ארויסגעטריבען, און זי האָט געקלאָגט און געוויינט אויף דעם פרישען אומגליק.

פּלוצלינג האָט זיך געעפענט די טיר. טשאַפּלינסקי איז אריינגעקומען און פערשלאָסען די טיר פון אינווייניג. ער איז געווען שכור, די אויגען פערגאָסען מיט בלוט. טריאומפירענדיג איז ער צוגעגאַנגען צו איהר און געזאָגט:

— איך קום נישט בעטען ביי דיר ליעבע. איך בין א שלאַכטשיץ און דו א מיאוס'ע זשידאָווקע וואָס וועט ווערען געטויטעט אזוי ווי דיין פעררעטערישער פאָטער. נאָר אויב דו וועסט זיך איצט מיר אונטערגעבען וועל איך דערנידריגען מיין עהרע און דיך בעשיצען. און אפשר וועל איך דיך אויך נעמען פאר מיין קעפּס־ווייב. וועסטו מיך אָבער נישט פּאָלגען וועל איך דיר צוברעכען דיינע ביינער. איך בין שטאַרקער פאר דיר. איך מוז קריגען וואָס איך וויל!

זלאַטע האָט אויפגעציטערט. איהר בייזער צאָרן פאר דער גאַנצער צייט האָט זיך אָנגעצונדען. אָבער וואָס האָט זי, דאָס אָרימע, שוואַכע מיידעל, געקענט טאָן מיט איהר גאַנצען צאָרן? דער נידערטרעכטיגער טשאַפּלינסקי איז דאָך א

סך שטארקער פאר איהר. און איהרע ליפּען האָבען שטיל געמורמעלט:

— גאָט! דו האָסט נישט קיין רחמנות אויף דיין פאָלק, האָב רחמנות אויף מיר, אומגליקליכע, העלף מיר!

אין דער רגע האָט זי זיך דערמאָנט אָן שפּיזעל וואָס יהודה האָט איהר דערלאַנגט. זי האָט עס אַ כאַפּ געטאָן און צוגעשפּרונגען צו איהם מיט א געשריי:

— שטארב, דו געמיינער באַנדיט! אָט האָסטו דיר פאַר מיין טאַטעס טויט!

זי האָט אריינגעזעצט אין איהם די שפּיז. זי האָט אָבער נישט געטראָפען אין זיין הארצען, נאָר אין זיין רעכטען עלענבויגען און האָט איהם פערוואונדעט.

אַ רגע האָט ער זיך דערשראָקען. באַלד האָט ער בייז אָנגעכאַפּט איהר האנד און אזוי געקוועטשט ביז זי האָט ארויסגעלאָזט די שפּיז. זי האָט לאַנג געקעמפּט מיט איהם, ווייל נאָר די לינקע האנד האָט איהם געדינט. ער האָט זי נישט געקענט בעזיעגען ביז ער האָט אָנגעהויבען ווילד קלאַפּען מיט דער פויסט איבער איהר מוח און זי איז געפאַלען האַלב־בעוואוסטלאָז. דער שכור האָט געגעבען א ווילדען ברום פאַר פרייד און ווי א חיה זיך געוואָרפען צו איהר — — —

אין דעם אויגענבליק האָט זיך דערהערט א שרעקליכער קראַך ווי פון טויזענט דונערן אויף אמאָל, ווי די הימלען וואָלטען זיך געשפּאָלטען אָדער פון א מורא׳דיגע ערד־ציטערניש. נאָך דעם קראַך האָט זיך אויפגעהויבען אָן אימה׳דיג געשריי און דער שכור האָט זיך דערשראָקען און געוואָרען צומישט.

זלאַטע האָט זיך אָנגענומען מיט קוראַזש און מיט איהרע לעצטע כחות איהם געגעבען א העפטיגען שטויס און ער האָט זיך איבערגעקייקעלט. און איידער ער האָט זיך אומגעקוקט איז זי צוגעלאָפען צו דער טיר, אויפגעשלאָסען, ארויסגעכאַפּט דעם שליסעל און ארויס און פערשלאָסען די טיר לאָזענדיג טשאַפּלינסקי׳ן אינוויינ.

זי האָט פריי אָפּגעאָטעמט, אויפגעהויבען די הענד צום הימעל און געלויבט דעם אויבערשטען וואָס ער האָט איהר

געהאָלפען זיך מציל זיין פון שאנד. און זי איז ארויסגעגאַנ־
גען אין דער הויך זעהן וואָס דאָ איז געשעהן.

---

די פרייד פון די פּאָליאקען אז זיי האָבען זיך געראַטע־
וועט האָט געדויערט נישט לאַנג. ווי גאנזשא איז אוועק פון
טאַלטשין האָט ער אהער געשיקט אסטאַפ'ן מיט זיין באַנדע.
די פּאָליאקען האָבען שוין נישט געהיט די פעסטונג און אס־
טאַפ האָט קיין שוועריגקייטען נישט געהאַט איינצונעמען די
פעסטונג. ער האָט אונטערגעצונדען דעם טורעם, וואו דאָס
פולווער איז געלעגען. עס האָט אויפגעריסען. די מויער איז
איינגעפאַלען און מען האָט געמיינט אז די גאנצע שטאָדט
וועט איינזינקען.

די פּאָליאקען האָבען נישט געוואוסט וואָס צו טאָן פאַר
שרעק. און די היידעמאַקעס זענען זיי בעפאַלען ווי ווילדע
חיות. די פּאָליאקען האָבען זיך נישט קעגענגעשטעלט, נאָר
געוואָרפען זיך צו די פיס פון די היידעמאַקעס מיט געבעט.
די היידעמאַקעס האָבען געלאַכט און געשפעט:

— איהר האָט נישט געהאַט קיין רחמנות אויף אייערע
אידען וואָס איהר האָט געהאַט אַ בונד מיט זיי, פאַרוואָס
זאָלען מיר האָבען רחמנות מיט אייך?

די פירשטין האָט געזעהן ס'איז שלעכט, האָט זי גענומען
די "פיערנאַטא" אין האַנד און זיך אוועקגעשטעלט מיט'ן
פירשט און זיינע צוויי טעכטער פון דער ערשטער פרוי און
גלח, וויסענדיג אז די פיערנאַטא וועט זיי בעשיצען.

פאַר אַ ווייל'ע איז דאָס גוט געווען. ווען אסטאַפ האָט
אויסגעקוילעט די פּאָליאקען וואָס זענען איהם געשטאַנען
אין וועג האָט ער זיך געלאָזט צום פּאַלאַץ. און ווי ער האָט
דערזעהן די פיערנאַטא האָט ער זיך אָפּגערוקט און געבליבען
שטעהן פון ווייטענס.

— העטמאַן גאנזשא האָט אונז געגעבען דעם שטעקען
אלס פרידענס־צייכען — האָט די פירשטין געזאָגט.

— דאָס איז הייליג! — האָט געזאָגט אסטאַפ און גע־
וואָלט אוועקגעהן.

— ס'איז אַ ליגען! — האָט געשריגען הארפינא — דאָס
איז מאַקסימ'ס שטעקען, וואָס דאָס סאבאטאווער מיידעל

האָט געקראָגען פון אונז אין נעמיראוו. וואו איז זלאַטקע ? און וואו זענען די צוויי בחורים ? — האָט זי געפרעגט דער פירשטין.

—מיר האָבען זי נישט געזעהן און איך ווייס גאָר נישט פון די זשידאָווסקע בחורים — האָט די פירשטין געזאָגט אַ ליגען.

פּלוצלינג איז אָנגעקומען זלאַטע. די פירשטין איז שיער אומגעפאַלען פאר שרעק. זי איז דאָך געווען פערשלאָסען אין קעלער. ווי אזוי איז זי אַרויס ?

— אוי, דו מכשפה ! — האָט זי אויסגעשריגען דער־זעהענדיג זלאַטע׳ן.

— יאָ, ביזט גערעכט — האָט זלאַטע געזאָגט צו דער פירשטין — איך בין אַ מכשפה און דו אַן עהרליכע פּ״ני, דו קענסט גאָרנישט זאָגען אַ ליגען. אסטאַפּ, שיק עטליכע מענ־שען צו בעפרייען מיינע צוויי חברים.

— ווער וועט זיי ווייזען, וואו זיי זענען ? — האָט אס־טאַפּ געפרעגט.

— דער גלח. ער ווייס וואו זיי זיצען. מען האָט זיי פער־שפּאַרט אויפ׳ן חשד אז זיי זענען אייערע שפּיאָנען.

עטליכע היידעמאַקעס האָבען געכאַפּט דעם גלח פאַר׳ן קאַרק און איהם מיטגעשלעפּט ער זאָל זיי ווייזען וואו שמואל מיט יהודה׳ן זענען פערשפּאַרט. און אסטאַפּ האָט זיך גע־וואָרפען אויפ׳ן פירשט און איהם געוואָלט הרג׳ענען. זלאַטע האָט איהם פערשטעלט דעם וועג און געזאָגט :

— איך האָב פאר דיר אַ מאַן, אונזער ערגסטען פיינט. ער וועט דיר זיין ליעבער ווי טויזענט אַנדערע. איך וועל איהם איבערגעבען אין דיינע הענד. מוזט מיר אבער צוזאָגען אז דו וועסט לאָזען לעבען דעם פירשט מיט זיין פאַמיליע, וויי״ל איך בין ביי זיי געווען אַ שטיקעל צייט. און דו מוזט מיר אויך צוזאָגען צו הייסען בעגראָבען די געטויטעטע אידען. און אויב מען וועט געפינען פערוואונדעטע זאָל מען זיי ברענגען אין שטאָדט אריין און אריינלייגען אין די הייזער אפשר ווע־לען זיי בלייבען לעבען...

— מיר פאָדערן ווידער פון דיר, זלאַטקע — האָט זיך אָנגערופען האַרפּינאַ — דו זאָלסט גליקליך מאַכען אונזער

טייערן טימאַש. ער געהט אַרום ווי אַ שאָטען בענקענדיג נאָך דיר. ער געהט איצט מיט קריוואַנאָס'ן אויף בראַצלאַוו. פון דאָרט וועט ער קומען אַהער. ער האָט אונז געשיקט דיך אויפזוכען.

זלאָטע איז פינסטער געוואָרען אין די אויגען. די פירשטין האָט זי אָנגעקוקט מיט גיפטיגען האַס. דער פירשט מיט'ן גלח האָבען זיך איבערגעקוקט ווי זיי וואָלטען געזאָגט אַז די פירשטין איז גערעכט געווען וואָס זי האָט געזאָגט אַז זלאָטע איז "יד אחת" מיט די כלאָפּעס.

---

מען האָט געבראַכט צופיהרען שמואל'ן מיט יהודה'ן. דריי טעג האָבען זיי גאָרנישט געהאַט אין מויל און זיי האָבען זיך קוים געשלעפּט אָנגעשפּאַרט אויף די היידעמאַקעס.

דער פירשט האָט זיך געוואָלט צו'חנפ'ענען צו דער באַנ־דע, האָט ער געהייסען זיינע צוויי טעכטער ברענגען בראַנ־פען, ביער, ברויט און אייער פאַר שמואל'ן, יהודה'ן מיט זלאָטע'ן, און פליישׁ מיט ווייז פאַר אַסטאַפּ'ן מיט זיינע חברים. די היידעמאַקעס האָבען געפרעסען און גע'שכור'ט און די פירשטין מיט די צוויי טעכטער זענען געזעסען מיט זיי. שמואל מיט יהודה'ן און זלאָטע האָבען גענומען אַ שטיקעל ברויט צו שטילען זייער הונגער.

פּלוצלינג איז געקומען צולויפען אַן אָפּטיילונג זאַפּאָראָ־גער קאָזאַקען אויף זייערע פלינקע פערד. דער רייטער וואָס איז געריטען פאָראויס איז אַראָפּגעשפּרונגען דער ערשטער און אַריין אין פּאַלאַץ. דאָס איז געווען דער יונגער טימאָפיי כמעלניצקי.

ער האָט אויסגעזעהן זעהר העלדיש אין קאָזאַקען אוני־פאָרם. אַ בלויע טוזשורקע געפּאַסט צום לייב מיט זילבערנע קנעפּ און אַ רויטען גאַרטעל אויף די לענדען. אויפ'ן גאַרטעל האָט געהאַנגען אַ לאַנגע שווערד און קליינע ביקס. אויף דער ברוסט האָט ער געטראָגען אַ סך שיידלעך פול גרויסע און קליינע מעסערס. ברייטע, רויטע הויזען און הויכע גלאַנציגע שטיוועל מיט קופערנע שפּאָרען. אַ טייערע פּאַפּאַכע מיט אַ בלויען קוטאַס.

ער איז נאָך נישט געווען פולע אכצעהן יאָהר. זיין קאָפּ

האָר און אויגען זענען געווען שווארץ ווי פּעך. ער איז נישט געווען שעהן, נאָר געבויט ריזיג.

מיט א שמייכעל איז ער צוגעלאָפען צו זלאטע׳ן און איהר דערלאַנגט די האַנד. דערנאָך האָט ער א קוק געטאָן מיט פעראכטונג אויף דער פירשטין און זיך אָפּגעקערט פון איהר. ער האָט בעמערקט שמואל׳ן און געוואָרען שטארק רויט. הארפינא האָט איהם גענומען אן א זייט און גע׳סוד׳עט זיך מיט איהם. דערנאָך האָט הארפינא אויסגעדרעהט זיך צו זלאטע׳ן און געפרעגט:

— ווער איז דער שונא וואָס דו ווילסט אונז איבערגעבען?

— דער געמיינער נידערטרעכטיגער שונא וואָס האָט געבראכט דאָס גאַנצע אומגליק — האָט זלאטע געזאָגט הויך — טשאַפּלינסקי!

— טשאַפּלינסקי! — האָט טימאש אויפגעשפרונגען און נאָך איהם אסטאַפּ — ער איז בעסער פון טויזענטער פּאָליאקען!

— גיט איהם אהער! — האָט טימאש געזאָגט צום פירשט — א נישט וועט זיין וועה צו אייך!

דער פירשט מיט דער פירשטין זענען געשטאַנען אין איין שרעק. זיי האָבען נישט געוואוסט וואו ער איז.

— זיי ווייסען נישט וואו ער איז — האָט זלאטע זאָגט — איך האָב איהם פערשלאָסען אין קעלער.

זי האָט זיי דערלאַנגט דעם שליסעל און די פירשטין האָט ציטערנדיג געמורמעלט:

— זי איז א מכשפה!

— איך הויב אָן גלויבען, אז דו קענסט טאָן כשוף — האָט הארפינא זיך אָנגערופען — אז דו האָסט איינגעשלאָפען טשאַפּלינסקי׳ן.

— נאָר מיט כשוף האָט זי דאָס געטאָן — האָבען געזאָגט אסטאַפּ און די איבריגע היידעמאַקעס — אזא איידעל מיידעל האָט איינגעשפּאַרט אזא ריעז ווי טשאַפּלינסקי!

מיט א טרויעריגען שמייכעל האָט געזאָגט זלאטע:

— איך לייקען נישט אז דאָס האָב איך געטאָן מיט כשוף... אונזער אלטע דינסט האָט מיך אויסגעלערנט טאָן

בשוף. אין די פינסטערע נעכט איז זי מיט מיר גערימען אויף א בעזים און א פלעדערוויש. מיר זענען געפלויגען איבער טיי־כען און ים׳ען, ביז צו די הרי חושך. מיר האָבען פע־בראכט דאָרט מיט שדים און טייוואָלים ביז דער האָהן האָט גע־קרעהט. מיר איז אָנגעקומען גרינג צו פערשפּארען טשאַפּ־לינסקי׳ן. כ׳האָב בעפוילען מיינע טייוואָלים זיי זאָלען איהם אראָפּשלעפּען אין קעלער אריין צו מיר. מיך האָבען זיי ארויסגענומען און מיר געגעבען דעם שליסעל.

די האָר האָבען זיך ביי אלעמען געשטעלט קאַפּויער פאר גרויס שרעק. טימאש האָט אויך געציטערט. און שמואל מיט יהודה׳ן האָבען זיך איבערגעקוקט פערוואונדערט נישט ווי־סענדיג צו וואָס זי ציעלט מיט די דאָזיגע רייד.

— זיי געבענטשט, מיין ליעבע זלאָטקע! — האָט גע־זאָגט טימאש, ווען ער האָט זיך בעהערשט — געבענטשט זאָל זיין דיין כשוף. דורך דיר וועלען מיר קענען נעמען נקמה אן אונזער ערגסטען פיינד. פיהר מיך צו איהם!

זלאָטע איז געגאַנגען פאָראויס. עס זענען נאכגעגאנגען טימאש, אסטאַפּ, הארפינא און עטליכע עלטסטע און שמואל מיט יהודה׳ן. זלאָטע האָט אויפגעשלאָסען די טיר און זיי זענען אראָפּ אין קעלער.

טשאַפּלינסקי איז געלעגען אויפ׳ן בעט און געכראָפּעט. שמואל האָט דערזעהן אויף דער פּאדלאָגע דאָס שפּיזעל האָט ער עס גיך אויפגעהויבען און בעהאַלטען אין בוזים. די היי־דעמאקעס האָבען אָנגעכאַפּט טשאַפּלינסקי׳ן פאר הענד און פיס, פאר די האָר פון קאָפּ און פאר די וואָנסעס און איהם ארויסגעשלעפּט אין הויף אריין.

טימאש האָט איהם אויסגעשטאָכען די אויגען. האָבען איהם אויסגעטאָן נאקעט און צוהאַקט און צו־ביילט אז זיי האָבען נישט איבערגעלאָזט קיין גאנצען ביין און זיי האָבען געמאַכט פון איהם האַק־פלייש. דערנאָך האָ־בען זיי אָפּגעהאַקט זיין קאָפּ און אויפגעהאַנגען אויף א בוים.

---

זלאָטע איז געשטאַנען די גאַנצע צייט און נישט געריהרט זיך פון אָרט. עס האָט אויסגעזעהן אז זי האָט דעם גרעסטען

תענוג זעהענדיג די פיין פון מערדער פון איהר פאטער. אז זיי זענען געוואָרען פארטיג מיט איהם, האָט הארפינא זיך אָנגערופען:

— לאָמיר טרינקען! מיר האָבען היינט א טאָפּעלטע פרייד. מיר האָבען גענומען נקמה אן אונזער ערגסטען פיינד און מיר וועלען פראווען די חתונה פון אונזער טימאש מיט זיין געליעבטע זלאטקע. מיר'ן שוין אָבער נישט פאָהרען מיט איהר איבער'ן טייך צום גלח אזוי ווי מיט טויבקא'ן. מיר האָבען נישט קיין מזל צו טייכען. לאָמיר שיקען נאָך דעם פאפ און די חתונה וועט זיין דאָ.

זלאטע איז געוואָרען בלאס. איהרע אויגען האָבען אָבער געבליצט מיט מאָדנעם מוטה און זי האָט געזאָגט:

— איך וועל חתונה האָבען מיט טימאש'ן. מוזט מיר אָבער דאָ צושווערען ביי אלע הייליגע אז דו וועסט האלטען אסטאפ'ס צוזאָג צו בעגראָבען די דערמאָרדעטע אידען, און אויפקלייבען די פערוואונדעטע אין זייערע הייזער און מיינע צוויי יונגע פריינד זאָלען אומגעהן ארום זיי און זיי ראטעווען פון טויט.

— איך שווער! — האָט טימאש געזאָגט אויפהויבענדיג די הענד און געשוואוירען ביי אלע הייליגע.

— איצט געהער איך צו דיר! — האָט זלאטע געזאָגט ארויפלייגענדיג איהר האנד אויף טימאש'ס אקסעל — קענסט שיקען נאָכ'ן פאפ. אָבער ביז דער פאפ וועט קומען זאָלען דיינע מענשען נעמען רידלען און געהן בעגראָבען די גע'הרג'עטע און אויפקלייבען די פערוואונדעטע. זעהר ווייניג זענען דאָך פערבליבען לעבען. וועסט שיקען צוויי הונדערט מאן, וועט זיין גענוג.

— דיר צוליעב וועל איך שיקען מיין גאנצע ארמעע — האָט טימאש געזאָגט און אוועקגעשיקט עטליכע רייטער נאָכ'ן פאפ און צוויי הונדערט מענשען מיט רידלען און טראָגבעטען צו די טויטע און פערוואונדעטע.

טימאש, זלאטע, שמואל און יהודה זענען מיטגעגאנגען צום מאָרד־פלאץ.

עס איז געווען שרעקליך צו שטעהן אויפ'ן מאָרד־פלאץ. א סך טויטע קערפּער זענען שוין געלעגען דאָרט דריי טעג און

זיי האָבען זיך געבראָטען אויף דער הייסער זון. עס האָבען זיך געוואַלגערט פרישע פערוואונדעטע וואָס זענען אויסגע־גאַנגען פון דעם שרעקליכען ריח, פון הונגער און דורשט און בלוט־פערלוסט. יונגע זויג־קינדער זענען געקראָכען אויף אַלע פיער ארום זייערע טויטע מאַמעס, וואָס זענען געלעגען אין מיסט און בלאָטע און געזויגען די טויטע בריסט...

צווישען די מאַסען גע׳הרג׳עטע אידען זענען געלעגען טויטע היידעמאַקעס. אין קאַמף האָבען אידען ארויסגעכאַפט ביי זיי די שווערדען און היַנק און זיי דער׳הרג׳עט. זעהר וועַ־ניג געזונדע אידען זענען געלעגען צווישען די טוידטע און גע־מאַכט זיך טויט, זיי זאָלען שפּעטער זיך קענען ראַטעווען.

ארום דריי הונדערט לעבעדיגע אידען האָבען זיי אויפ־געקליבען צווישען די טויזענטער טויטע. צווישען זיי איז געווען דער רב רבי אהרן וואָס האָט קוים געאָטעמט ליגענדיג דאָ דריי טעג.

— זאָלען די געזונטע אַכטונג געבען אויף די פּערוואונ־דעטע — האָט טימאַש געזאָגט זלאָטע׳ן — לאָמיר געהן אין פּאַלאַץ. באַלד וועט קומען דער פּאַפּ.

זלאָטע האָט מיטגערופען שמואל׳ן מיט יהודה׳ן און זיי זענען אוועק אין פּאַלאַץ.

---

אַז זיי זענען שוין געווען אין פּאַלאַץ האָט זלאָטע גע־זאָגט טימאַש׳ן:

— כ׳האָב מורא אַז איצט, אין קריעגס־צייט, זאָלסטו נישט אומקומען און איך וועל בלייבען אַ וויסטע אַלמנה. וויל איך דערפאַר איידער מיר וועלען חתונה האָבען טאָן כשוף, אַז דו זאָלסט אייביג זיין געשיצט פון אומגליק. קיין קויל וועט דיך נישט טויטען און קיין געוועהר וועט דיר נישט שאַדען. איך וועל דורך דעם כשוף ווערען אוים כשוף־מאַכע־רין. אָבער דו וועסט דאַך זיין דערמיט צופרידען. ס׳איז בע־סער אַ גוטע געטרייע פרוי איידער אַ כשוף־מאַכערין וואָס טאַנצט מיט טייוואָלים.

— ברענגט ריין וואַסער אין אַן ערדענע כלי, וועל איך אָפּוואַשען מיינע הענד און זיך אויסטאָן פון כשוף וואָס כ׳האָב געטאָן מיט טשאַפּלינסקי׳ן — האָט זלאָטע געזאָגט —

ברענגט מיר אויך אויסגעלאָשענע קוילען, כ׳זאָל זיך ארומ־רינגלען מיט זיי, די שדים זאָלען מיך נישט שעדיגען וואָס איך וויל זיך דערוויטערן פון זיי. דערנאָך וועל איך טאָן דאָס כשוף פאר אייערע אויגען. איך וועל ווערען זיבער פון טויט. וועל איך איבערגעבען טימאש׳ן מיין מאכט. איך וועל ווערען אומבעשיצט דערפאר וועט טימאש זיין זיכער פון טויט.

הארפינא האָט אלץ געטאָן וואָס זלאַטע האָט זי געהייסען. אין הויף איז געוואָרען א גרויסער טומעל. אלע זענען זיך אָנגעלאָפען זעהן דאָס כשוף. אויך דער פירשט מיט דער פירשטין און די טעכטער מיט׳ן גלח האָבען זיך געשטעלט אויף די שטיגען זעהן דאָס וואונדער וואָס די אידישע מכשפה געהט בעווייזען.

זלאַטע האָט געקוקט אויף שמואל׳ן מיט יהודה׳ן און זיי דורכגענומען מיט איהרע ווארימע בליקען. זי האָט געגרמען א קויל און געגעבען א ווינק, מען זאָל מאכען א געררימען פלאַץ. די צושויער האָבען זיך אָפּגערוקט און זי האָט מיט דער קויל געמאכט א גרויס ראָד, אריינגעשטעלט זיך אינמיטען ראָד, געוואשען די הענד און אויפהויבענדיג די אויגען צום הימעל האָט זי געזאָגט הויך:

בידך אפקיד רוחי... פדית אותי... ד׳, אל אמת!...

— איצט מיין ליעבער טימאש — האָט זי געזאָגט מיט א שמייכעל — נעם דיין ביקס און ציעל גלייך אין מיין הארצען. מאך עס גיך... טאָרסט נישט פערשפּעטיגען!...

שמואל מיט יהודה׳ן האָבען נישט געקענט איינשטעהן פאר שרעק. אלע האָבען זיך דערשראָקען און טימאש האָט זיך געקווענקעלט, נאָר הארפינא האָט איהם אונטערגעטריבען, זי איז געווען זיכער, אז זלאַטען וועט גאָר נישט שאַדען.

— שיס, גיכער! — האָט הארפינא געשריגען — ווערסט ווארטען וועט אוועק פון איהר דער כשוף און ס׳וועט נאָך געשעהן אן אומגליק!

טימאש האָט גענומען די ביקס, אריין אין ראָד און געשטעלט זיך פינף טריט פון זלאַטען. ער האָט געציעלט

גלייך אין איהר הארצען און געקוקט אויף איהר. זלאטע האט רוהיג און פעסט געקוקט אויף איהם. האט ער דאס אנגענומען, אז זי איז זיכער אז עס וועט איהר נישט שא־דען און ער האט א ציה געטאן דאס צינגעל... — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

עס האט זיך דערהערט א קנאל. דאס גאנצע ־אד איז געווארען פול רויך און זלאטע איז אומגעפאלען און פון איהר הארץ האט געזעצט בלוט...

מיט א ווילד געשריי איז טימאש צוגעשפרונגען צו איהר, זי אויפגעהויבען און געטרייסעלט זי, ער האט זי געוואלט דערמינטערען. עס איז אבער געווען אומזיסט.

טימאש האט גוט געציעלט און געטראפען. זלאטע איז געווען טויט.

ער האט ארויסגעצויגען די שווערד און מיט א ווילדען כעס זיך געווארפען אויף הארפינא'ן מיט א געשריי:

— פאסקודסטווא! דורך דיר האב איך זי געטויט! און מיט איין קלאפ האט ער זי אהועקגעלעגט טויט.

טימאש איז אבער נישט געווען בערוהיגט. ער האט געפאכעט מיט דער שווערד און געזוכט אויף וועמען זי אראפ־צולאזען. שמואל מיט יהודה'ן האבען מורא געהאט ער זאל נישט אויסלאזען זיין בייזען כעס צו זיי, איז יהודה צוגעגאנגען צו איהם און אנגענומען פאר דער האנד, זא־גענדיג:

— דו ביזט שולדיג אין זלאטעס טויט. האסט אומזיסט גע'הרג'עט דיין פריינדין הארפינא. ווען דו ווארטסט נישט אזוי לאנג וואלט דער כשוף געווירקט און מיר וואלטען נישט געהאט דאס אומגליק.

—און איך דענק — האט זיך אנגערופען אסטאפ — אז ווייל זי האט צוויי מאל אין איין טאג געטאן כשוף, האט דער כשוף נישט געווירקט. ווען די טייוואלים האבען געזעהן אז צוליעב דיר וויל זי זיי פערלאזען האבען זיי זי געטויט.

טימאש האט זיך א ביסעל בערוהיגט און געפרעגט:

— וואס איז געווען איהר ערשטער כשוף היינט?

— האסט דאך געהערט. זי האט פערנארט דעם פער־

פלוכטען טשאפלינסקי׳ן אין קעלער און פערשלאָסען, מיר זאָלען איהם קריגען.

— האָט מיר דער פערשאָלטענער ליאך געטאָן שלעכטס

אויך מיט זיין טויט — האָט טימאש געקריצט מיט די ציינער— איבער איהם איז מיין געליעבטע טויט. און איך האב זי דערמאָרדעט. פערשאָלטען זאָלען זיין אלע ליאכעס! איך וועל זיך שוין נוקם זיין דערפאר! וואס שטעהען נאָך די ליאכעס און קוקען צו מיין אומגליק?—האט ער געשריגען קוקענדיג אויף דער פירשטליכער פאמיליע וואס איז געשטאַנען אויף די שטיגען.

מיט איין שפרונג איז ער געוועזן אויף די שטיגען און געוואָלט זיי צוהאקען אויף שטיקער.

— איין מינוט! מיר וועלען נעמען נקמה! — האָט זיך אנגערופען אן אלטער דינער פון פירשט׳ס הויף—ביז איצט האבען מיר געשוויגען וויל גאנזשא האט זיי געשאָנקען ס׳לעבען און אסטאפ האָט צוגעשוואוירען דער כשוף־מאכערין זיי צו לאָזען לעבען. נאָר דו גיסט אונז די ערלויבנים צו נעמען נקמה, וועלען מיר נעמען. היי, קומט, לאָמיר זיך אפרעכענען מיט אונזער הערר!

א פופצעהן מאן האבען זיך צוזאמענגעקליבען און געוואָלט ווארפען זיך אויף דער פירשטליכער פאמיליע. נאָר טימאש האָט געגעבען א בעפעהל:

— ברענגט זיי אראָפּ אהער צו אונז. אויפ׳ן אָרט וואו מיין טייערער זלאטקע׳ס בלוט איז פערגאָסען, זאָלט איהר פערגיסען זייער בלוט!

די פירשטליכע פאמיליע איז אריינגעלאָפען אין פאלאַץ און פערשלאָסען די טירען. די היידעמאקעס האָבען אויפגעבראָכען די טירען און אריין אין די צימערן אויפזוכען זייערע קרבנות.

זיי האבען געבראכט צו שלעפען דעם פירשט מיט דער פירשטין און דעם גלח און זיי אוועקגעלייגט אין דעם בלוט פון זלאטען. דאס ערשטע האבען די קנעכט זיך גענומען צום גלח. זיי האבען אויסגעשטאָכען זיינע אויגען און אויסגעטאָן נאקעט און מיט מעסערם אפגעשונדען זיין הויט. דערנאָך האבען זיי איהם אויפגעהאנגען אויפ׳ן טויער.

דעם פירשט האבען זיי געכאפּט און אוועקגעזעצט אויף א טייערן שטוהל. פאר שרעק האָט דער פירשט פערלוירען ס'לשון און געזעסען ווי א שטומער. אן אלטער קנעכט איז צוגעגאנגען צו איהם, שפּאָטיש זיך געבוקט און איהם דער־מאָנט ווי ער האט איהם געפּייניגט, וויפיעל שמיץ ער האט איהם געגעבען און ווי ער האט געשמיסען אלע קנעכט. דער־נאָך האט ער אוועקגעלייגט זיין קאָפּ אויף א קלאָץ און מיט א זעג אפּגעזעגט זיין אלטען קאָפּ.

— וואו זענען זיינע צוויי טעכטער?—האט אסטאפּ גע־פרעגט.

— אונזערע לייט שפּילען זיך מיט זיי — האָט אן אל־טער דינער זיך אנגערופען—זאָלען זיי הוליען!

דערווייל איז אָנגעקומען דער פּאָפּ פּראַוועו̈ן די חתונה. אז ער האט דערהערט אז די כלה איז טויט האט ער שוין גע־וואָלט אוועקגעהן, איז די שטאָלצע פירשטין אניעלא טשעט־ווערטינסקי ארויסגעלאָפען פון ראד און אנידערגעקניהט פאר דעם פּאָפּ מיט געבעט:

— איך וויל ווערען א פּראוואָסלאוונא, הייליג מיך אנ־שטאט די טויטע זשידאָווקא!

דער פּאָפּ האט איהר צוליעב געטאָן און זי אפּגע'שמד'ט. דעמאָלט איז זי צוגעגאנגען צו טימאש'ן און מיט אויסגע־שטרעקטע הענד געבעטען:

— לאָמיך זיין דיין דיענסט, איך וועל וואשען דיינע פיס!

— נישט איך! נישט איך! רעד זיך דורך מיט מיינע לייט, אפשר וועט עמיצער פון זיי דיך וועלען.

און אסטאפּ האָט גענומען די שעהנע פירשטין פאר א דיענסט און קעפּס ווייב.

---

דערווייל האבען די ווילדע היידעמאקעס געבראכט צו שלעפּען דעם פירשט'ס צוויי טעכטער. זיי זיינען פערפּייניגט געוואָרען צום טויט און אוועקגעלייגט לעבען טויטען פירשט, און איצט האבען די מערדער זיך גענומען פרעסען און זויפען. די פירשטין איז געוועזן אינדערמיט און זיי האבען געזונ־

גען און געטאַנצט שכור. נאָר טימאַש האָט זיך נישט בעטייליגט אין דער הוליאַנקע. ער האט זיך נישט געקענט בערוהיגען, וואס זלאַטע איז טויט. ער האט ארומגענומען שמואל׳ן און געוויינט.

—דו האָסט דאָך זי געקענט!—האָט ער געוואָיעט—אַזא גוטע נשמה!

שמואל מיט יהודה׳ן האבען מיט איהם מיטגעוויינט. זיי האבען דאָך געוואוסט ווי עהרליך זי איז געווען ביים לעבען און ביים טויט. וואס פאר א צנועה זי איז געוועזען. זיי האבען זיך דערמאָנט אויך אָן טויבען וואס האט זיך געוואָרפען אין וואסער אריין נישט געשענדעט צו ווערען פון א היידעמאַק, און זיי האבען בעוויינט און בעקלאגט די צוויי אידישע צניעות׳דיגע טעכטער וואָס זענען געשטאָרבען אויף קידוש השם.

פיעל אידישע טעכטער האָבען אויסגעקליבען דעם טויט איידער צו ווערען פעראומריינינגט. אין טיבעראָוו, נישט ווייט פון נעמיראָוו, זענען געקומען די טאָטערן און געמאָרדעט און גערויבט. זיי זענען בעפאַלען א רייכען אידען, פון די נכבדים פון שטאָדט און אויסגעקוילעט די גאנצע פאמיליע, נאָר זיין יונגע שעהנע טאָכטער האבען זיי געלאָזט לעבען.

זי איז געווען א וואונדערבארע שעהנהייט, האבען זיי זי אוועקגעפיהרט צו זייער עלטסטען. ביינאכט האט דער עלטסטער זי געוואָלט פייניגען האט זי זיך לאנג געראנגעלט מיט איהם ביז זי האט שוין נישט געהאט קיין קרעפטען.

מיט די לעצטע כחות האָט זי גענומען דאס ברענענדיגע ליכט פון טיש און אָנגעצונדען די פאָרהאנגען פון געצעלט. דאס פייער האט ארומגעכאפט דאס געצעלט און פון אלץ איז געוואָרען א בארג אש. אויך דער עלטסטער איז פערברענט געוואָרען אויף קויל

די טאָטערן האבען געמיינט אז דאס מיידעל איז אויך געוואָרען פערברענט און זיי האבען זי מעהר נישט געזוכט.

ווען די טאָטערן האָבען פערלאָזט די חרוב׳ע שטאָדט זענען די איבערגעבליבענע אידען ארויס פון די בעהעלטעניישען צו בעגראָבען די הרוגים, האבען זיי געפונען דאס מיידעל ליגען צווישען די קברים איינגאנצען צובראָכען. אין עטליכע שעה ארום איז זי אויסגעגאנגען.

אזוי זענען א סך שעהנע, עהרליכע, טייערע צנועות גע־גאנגען בעסער צום טויט איידער צו ווערען פעראומרייניגט.

---

שמואל מיט יהודה'ן האבען אוועקגעטראגען זלאטען אויפ'ן בית עלמין און זי קובר געווען און שטארק בעווייגט.

די זעלבע נאכט איז אנגעקומען א ידיעה נאך טאלטשין אז פירשט ווישנאוויעצקי איז בעפאלען נעמיראוו און אויס־געקוילעט אלע היידעמאקעס און אז קריוואנאס געהט מיט זיין באנדע אויף ווישנאוויעצקי'ן. טימאש און אסטאפ מיט זייערע באנדעס האבען גלייך פערלאזט טאלטשין.

קריוואנאס האט געהאט א מפלה. איז דעמאלט כמעל־ניצקי געגאנגען פיהרען די שלאכט מיט פירשט וויש־נאוויעצקי'ן. דער פירשט האט געווארט אז דאס פוילישע רע־גירונגס מיליטער זאל איהם קומען צו הילף. די פוילישע גע־נעראלען האבען איהם אבער נישט פערגונען דעם כבוד צו ווערען געקרוינט אלס זיעגער און זיי זענען נישט געקומען איהם צו הילף. דער פירשט איז געצוואונגען אפצו־טרעטען און די היידעמאקעס האבען זיך צושפרייט איבער'ן גאנצען לאנד און ארייגעדרונגען אויך אין וואלין און פא־ליעסיע.

און וואו די ווילדע מערדערישע היידעמאקעס באנדעס זענען געקומען האבען זיי אנגעמאכט א חורבן. זיי האבען אויסגעראט די פאליאקען און די אידען. די מענער האבען זיי געטויט מיט ווילדע מיתות משונות און פרויען און מייד־לאך האבען זיי פערגוואלטיגט און איבערגעגעבען צו די טא־טערן וואס האבען זיי אוועקגעפיהרט נאך טערקיי און פער־קויפט צו שקלאפעריי.

קיין פעסטונג האט נישט געקענטביישטעהן געגען זיי, ווייל די רוטענישע איינוואוינער האבען איבערגעגעבען די שטעדט צו די היידעמאקעס. אזוי איז אויך געפאלען די בע־ריהמטע פעסטונג שטאדט פולנאה. די פוילישע פיהרער הא־בען אוועקגעשטעלט זייערע רוטענישע קנעכט צו היטען דעם אריינגאנג אין שטאדט און זיי האבען געעפענט די טויערן פאר'ן שונא.

אין פולנאה זענען געווען צוועלף טויזענד אידען און זיי

זענען אלע אומגעקומען מיט א גרויזאמען טויט אין איין טאג, דער קדוש רבי שמשון פון אסטראפאליע, האט געזעהן אז דער סוף איז נאהנט, האט ער צוזאמען צרופען דריי הונ־דערט אידען, די תלמידי חכמים און ד ..בים פון שטאדט. זיי האבען זיך אנגעטאן אין תכריכים און טליתים גרייט צום טויט און זיך אוועקגעשטעלט אין שוהל ווארטען אויף די רוצחים.

זיי האבען זיך געשטעלט תפלה טאן און די וויל־ע היי־דעמאקעס האבען זיך אריינגעריסען אין שוהל און מיט די שארפע שווערדען זיך געווארפען אויף די קדושים. די היי־ליגע אידען האבען זיך נישט קעגענגעשטעלט און אויסגע־שטרעקט די העלזער פאר די מערדער. טוענדיג תפלה און זינגענדיג זמירות זענען די קדושים געפאלען אין שוהל.

בלויז אין סטאראדוב, קיעוו און טשערניגאוו זענען געפא־לען פערציג טויזענד אידען. די שפראך איז צו ארים צו קע־נען מאלען זייערע יסורים און פיין. אזעלכע גרויזאמע שחיטות זענען געווען אין אלע אידישע קהלות פון אוקריינא.

---

דאס וואס די קאזאקען האבען איבערגעלאזט האבען די היידעמאקעס פערטיליגט און דאס וואס די היידעמאקעס הא־בען איבערגעלאזט האבען שפעטער די טאטערן צושטערט.

ווען שמואל מיט יהודה'ן און די איבערגעבליבענע געזונ־טע אידען אין טאלטשין זענען ארומגעגאנגען ארום די פער־וואונדעטע, איז אנגעקומען א מחנה טאטערן מיט זייער עלטס־טען כוועדער בעי און אלעמען געשלאסען אין קייטען און אוועקגעפיהרט נאך קרים.

צווישען די געפאנגענע זענען געווען שמואל, יהו־ה, דעם נעמיראווער רב'סביידע קינדער, א צעהן יעהריגער אינגעל און א מיידעל זיבען יאהר אלט. שמואל מיט יהודה'ן האבען אכטונג געגעבען אויף די קינדער פון נעמיראווער קדוש, דער רב רבי יחיאל מיכל.

לעבען פערעקאפ האבען די טאטערן צוטיילט די געפאנ־גענע. די קינדער האבען זיי אוועקגעפיהרט נאך באכטשיסא־ריי צום כאן. יהודה'ן מיט די געזונטע געפאנגענע האבען זיי ארויפגעזעצט אויף א שיף וואס איז אפגעגאנגען נאך טערקיי

צום פערקויף פאר שקלאפען. שמואל איז געווען קראנק האַ־בען זיי איהם מיט נאָך קראנקע איבערגעלאזט אין פאלאט־קעס ביז זיי וועלען געזונד ווערען און אוועקגעפיהרט ווערען נאָך טערקיי.

שמואל איז געלעגען אין איין פאלאטקע מיט דעם טאל־טשינער רב רבי אהרן. די טאטערן האבען דעם רב שטארק אפגעהיט ווייל זיי האבען געוואוסט אז די טערקישע אידען וועלען זיי געבען א סך געלד אויסצולייזען דעם רב.

נאָך צעהן טעג ליגען אין די פאלאטקעס האט שמואל גע־פיהלט בעסער און ער האט שוין געקענט ארומגעהן. די טאַ־טערן האבען איהם נישט געטשעפעט און געווארט ער זאל געזונד ווערען, וועלען זיי איהם אוועקפיהרען נאָך טערקיי.

---

די מגלה האָט אָנגעשריבען שמואל דער זוהן פון רבי מנשה בן ישראל אין יאהר ה׳ אלפים ת״ח, לויט דעם אידישען רעכנונג און זי איבערגעגעבען רבי אהרן׳ען ער זאל מיט־פיהרען מיט זיך, ווייל איהם וועלען דאך די אידען זיכער אויסלייזען. ער האט איהם געבעטען ער זאל איבערשיקען די מגלה צו זיין פאמיליע און זי זאל ווערען צוגעגעבען צו די זכרונות לבית דוד.

שמואל האט צוגעשריבען די דאָזיגע ווערטער:

״איך שרייב די מגלה ״גזרת ת״ח״ אין פערעקאָפּ, קרים, דאס לאנד וואו מיינע עלטער עלטערן האבען געהערשט, וואו מיין עלטער זיידע פון מלכות בית דוד האט גענומען די טאָכ־טער פון מלך פון די כוזרים פאר א ווייב.

״איך, שמואל בן רבי מנשה בן ישראל קום פון אמסטער־דאם, האָלאנד, מיר אידען רופען אמסטערדאם נייע־ירושלים, ווייל די אידען האבען דארט געפונען א מנוחה׳דיג לעבען. אין אמסטערדאם בין איך אויפגעוואקסען און פערבראכט מיינע קינדער יאהרען און זייט איך בין אוועק פון דאָרט האב איך געליטען אזוי פיעל צרות און פיין אז עס איז שווער זיי ארויסצושרייבען. מיינע צרות זענען געווען די זעלבע צרות פון מיין פאָלק אויף זיין וואנדער וועג און ווי מיין פאמיליע די קינדער פון דוד בן ישי וואס האבען געליטען יסורים אין יעדען דור.

״אונזער פאמיליע, די בן־ישראל פאמיליע, האט אויס־געקריצט אויף איהר שטעמפעל א איד אין וואנדער־קליידער מיט'ן אויפשריפט: ״גאט, דיינע רייד זענען דאס ליכט אויף מיין וועג״.

״דאס איז אייגענטליך דער סימבאל פון אונזער פאלק. מיר וואנדערן און גאט'ס רייד, די תורה, איז דאס ליכט וואס לייכט אונז אויף אונזער גלות וועג.

״און איך טו תפילה צו דיר, גאט, דער גאט פון מיינע עלטערן.

״האב רחמנות אויף דיין פאלק און זאלען מיינע ברי־דער געפינען חן און גענאד ביי די פעלקער און זיי זאלען אונז שוין מעהר נישט פערדארבען.

״גאט! העלף מיין חבר יהודה זיך אומקערען צו זיין פא־טער און אלע געפאנגענע זאלען ווערען אויסגעלייזט.

״איך שרייב די מגלה מיט'ן בלוט פון מיין הארצען. זאל די מגלה בלייבען אן אנדענקען פון די צרות וואס מיר האבען איבערגעלעבט, צוזאמען מיט די פריהעריגע מגלות פון זכרונות לבית דוד.

״דאס זענען די רייד פון שמואל בן רבי מנשה בן יוסף, וואס זיין נאמען איז בן־ישראל, אן אור־אייניקעל פון דאן יצחק אברבנאל, פון מלכות בית דוד״.